3 1761 04264 6497

LIBRARY
JUNE
5
'89
UNIVERSITY OF TORONTO

אבער וועלכע אביעקטען באזיצען א *פאזיטיווען* ווערט? עס איז קלאר פון ערשטען בליק, אז דער באדינג פון א פאזיטיווען ווערט דארף זיין דאס פאלגענדע: אז די פאסיווע איבערלעבונג פון דעם דראנג זאל זיך ענדיגען מיט זיין *פארווירקליכונג*. צי דער אקט פון דער פארווירקליכונג איז דער איינציגער באדינג פון דעם פאזיטיווען ווערט — ווענען דעם וועלען מיר דערווייל ניט רעדען. אבער פאר אונז האבען זיך אנטפלעקט צוויי פארמען פון פארווירקליכונג: איינע וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם לעבענס־דראנג, און א צווייטע, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם עטיש־העראאישען דראנג. דעריבער דארפען די עסטעטישע ווערטען — אויף וויפיל זיי ווערען באדינגט דורך דעם אקט פון פארווירקליכונג — צעטיילט ווערען אויף צוויי גרופען. דאס כאראקטעריסטישע פון איינער איז די גאנצקייט; דאס כאראקטעריסטישע פון דער צווייטער גרופע — די צעשפאלטענקייט פון דעם פארווירקליכונגס־אקט, וואס מיר האבען געשילדערט. און יעדער עסטעטישער אביעקט, וויבאלד די פארווירקליכונג איז א באדינג פון פאזיטיווען ווערט, דארף אריין אין איינער אדער אין דער אנדערער פון אט די צוויי גרופען. די צווייטע גרופע איז אבער ניט אזוי האמאגעניש, ווי די ערשטע, און מאנכע פון אירע מאדוסען דערנעהנטערען זיך צו דער ערשטער. דער קאנפליקט פון די דראנגען קאן זיך דאך ארויסווייזען מיט א פארשידענער קראפט. אין געוויסע פאלען קאן ער כמעט פארשווינדען, פונקט ווי אויך ביי דער זעלבשטענדיגער אקטיווקייט פון דעם עטישען דראנג באקומען די לעבענס־אינטערעסען ניט אלע מאל דעם זעלבען שארפען ווידערשטאנד; און אט די גרופע שטעלט מיט זיך פאר א גאנצען לייטער אונטערשידען — אנהייבענדיג פון איר דערנעהענטערונג צו דער ערשטער גרופע און ענדיגענדיג מיט א געוואלטיגען מהלך פון איר.

---

מיר האבען אנגעצייכענט צווייערליי פארבינדונגען צווישען די שטימונג־אימפרעסיעס: דינאמישע פארהעלטענישען און א קוואַ־

# קונסט

מיר האבן זיך אפגעשטעלט דערויף, אז די עסטעטישע איבער־
לעבונג קאן אויסגעטייטשט ווערן אלס די שיינבארקייט, אין וועל־
כער עס אנטפלעקן זיך די דראנגען. דער וואס פארטיפט זיך אין
דער קאנטעמפלאציע פון א קונסט־ווערק, האבן מיר געזאגט, פיהלט
אויף זיך די ערפילונג פון א פרעמדען ווילען. דערפאר דארף ער אויך
אנהאלטען א „ניט־פאראינטערעסירטע“ רוהיגקייט, כדי די אייגענע
באוועגונגען פון זיין ווילען זאלען ניט זיין קיין שטערעניש מיט זייער
אריינדרינגונג אין דעם שפיל פון די אנשטרענגונגען און אויסלאדונ־
גען. דער עסטעטישער אביעקט איז פון א טעלעאלאגישער סטרוק־
טור. זיינע עלעמענטען, די שטימונג־אימפרעסיעס דארפען זיין
דינאמיש צוזאמענגעלייגט צווישען זיך, און דארפען אנטשפרע־
כען א באוועגונג, וואס איז געווענדט צו איין ציל. און אויף אזא אופן
קאנען מיר ביי דער אויפפאסונג פון אט די שטימונג־אימפרעסיעס אי־
בערלעבען אלע יענע פארשידענארטיגע שפירונגען פון אקטיוויקייט,
אנשטרענגונג, הינדערנישען, ווידערשטאנד, הילף, קאמף, אויסשע־
פונג אדער זיג, וואס באגלייטען און כאראקטעריזירען געוועהנליך אין
דער זעלבער פארם און אין דערזעלבער ריי־פאלגונג אונזער אייגענע
אקטיוויקייט.

דאס קאן מען זאגען וועגען יעדען אביעקט פון עסטעטישער
קאנטעמפלאציע, וואס פרעטענדירט נאר אויף א געוויסען ווערט, אלץ
איינס, צו אט די פרעטענזיע איז בארעכטיגט אדער ניט. מיט אנדע־
רע ווערטער: דאס קאן געזאגט ווערען וועגען יעדען אביעקט, וועגען
וועלכען עס איז נאר מעגליך די פראגע פון עסטעטישען ווערט. מיר
קאנען ניט ארויסטראגען קיין עסטעטישען אורטייל, ניט קיין פאזי־
טיווען, ניט קיין נעגאטיווען, וועגען קיין שום ווערק, אויב מיר הא־
בען זיך ניט אפגעגעבען דעם איינפלוס פון זיינע שטימונג־אימפרע־
סיעס, און ניט געווענדט אונזער אויפמערקזאמקייט לויט אזא ריכ־
טונג, אז אט די אימפרעסיעס זאלען אריינטרעטען אין א טעלעאלא־
גישער פארבינדונג. די טעלעאלאגישע סטרוקטור איז נויטווענדיג פאר
דער עסטעטישער „אביעקטיוויקייט“ ד. ה. פאר דער מעגליכקייט אפ־
צושאצען.

שטאַרקער אויפלעבונג און צונויפבינדונג פון די עטישע כוחות איז אַזוי שוואַד, אז דערווייל קען מען אפילו ניט טראַכטען וועגען דער באַזייטיגונג פון די מיטען צוליב א קלאַרער דערקענטעניש פון דער מעטאַפיזישער וועלט. דאָס, וואָס איז פאַר דעם לעבענסדראַנג דער ענדציל און דאָס העכסטע גוט, ווערט דורך דעם עטישען דראַנג פאַרוואַנדעלט אין א מיטעל. דאָס לעצטע שאַנעוועט ניט דעם ערשטען און איז אים מקריב אין נאָמען פון עפּעס אנדערש. דאָס באַשטימט די יעראַרכיע פון די דראַנגען און פון די ספערען, וואו זיי ווייזען זיך אַרויס, פון די צוויי ווירקליכקייטס־וועלטען. דער זעלבער מאָמענט באַדינגט אויך דעם ווידערשפּרוך פון די פאָרמען פון זייער פאַרווירקליכונג פאַר דעם סוביעקט. די פאַרווירקליכונג פון דעם לעבענס־דראַנג איז די זעלבסט־באַהויפּטונג פון דעם סוביעקט. דער דאָזיגער אקט פון פאַרווירקליכונג צייכענט זיך אויס מיט אינערליכער גאַנצקייט און מיט דעם פעלען פון דיסאָנאַנסען. פאַרקערט: מיט דעם עטישען דראַנג איז פאַרבונדען די זעלבסט־פאַרלייקענונג פון דעם סוביעקט: א זעלבסט־פאַרגעסונג, וואָס שאַנעוועט זיך ניט, וואָס גיט זיך אָפּ אין נאָמען פון אַן אנדערען ציל. דער איבעררים פון דער אינדיווידועלער עקזיסטענץ אין נאָמען פון א צונויפגיסונג מיט אַן איבעראינדיווידועלער איינהייט. אויך אַזאַ אופן ליגט א שפּאַלטונג אין דער פאַרווירקליכונג גופא פון דעם עטישען אינסטינקט: דער סוביעקט גערט אונטער און זיגט צו גלייכער צייט. די דאָזיגע פאַרבינדונג איז ניט צופעליג. איינס ברענגט נאָך זיך על פּי נויט דאָס צווייטע: דער זיג ווערט דערגרייכט דורך זעלבסטפאַרלייקענונג. אין אָט דעם ווידערשפּרוך צווישען דער אינערליך־גאַנצער און דער צושפּאַלטענער פאָרם פון פאַרווירקליכען די אינסטינקטען, און אין דעם אונטערשייד צווישען דער נידריגער ספערע פון זייער פונאַנדערוויקלונג און דער העכערער, האָבען מיר אָפּגעזוכט וויכטיגע מאָמענטען פאַר אונזער עסטעטישער פּראָבלעם.

זען? די אורזאך, פארוואס זי איז אונז אזוי פרעמד, פארוואס מיר באגרייפען קוים, אז מיר באזיצען זי. פארוואס מיר ווייסען נישט, ווי ווייט זי פארשפרייט זיך, און וואס עס איז מיט איר פארבונדען — די ראזיגע אורזאך ליגט מסתמא אין דעם, וואס דער עטישער אינסטינקט שטעהט ס'רוב אפ אין זיין אנטוויקלונג פון דעם לעבענס־אינסטינקט, און ווערט פארדרענגט פון דער העטעראנאמישער ערפאלג־מאראל. צו־ליב דער לעצטער שעמען זיך פילע פאר דעם עטישען און זיי זוכען זיך צוצופאסען צו דעם אוטיליטארישען. אזוי פאסט זיך די העכערע וועלט צו צו דער עמפירישער: דאס געטליכע דארף קומען צו הילף אין די צרות פון לעבען, נעמען אויף זיך ערבות פאר דעם אוטיליטארישען בוי פון די ווערטען; דורך הבטחות און דראהונגען דארף די גאט־הייט זיך זארגען וועגען דעם, אז יעדער זאל לעבען פאר דעם נוצען פון דעם אנדערען, זי דארף צופאסען דעם העטעראנאמישען אלטרו־איזם פון דער מאראל צו דעם עגאאיזם פון דעם יחיד. „למען יאריכו ימיך על האדמה“ (אז עס זאל דיר זיין גוט און דיינע טעג זאלען פאר־לענגערט ווערען אויף דער ערד). דערמיט ווערט די איבערזינליכע וועלט בארויבט פון איר אייגענארטיגקייט.

אבער די שטארקסטע שטערעניש פאר דער קלארער צוגענגליכ־קייט פון דער מעטאפיזישער וועלט ליגט אין די רעליגיעזע מיטען, אין וועלכע די פאנטאזיע טראגט זיך אוועק איבער די גרענעצען פון יעדער ערפארונגס־ווארשיינליכקייט און באשאפט א שאטען־וועלט, וואס איז פול מיט פרעטענזיעס, וואס גיט אן ענטפער, נאך איידער עס איז ענטשטאנען א פראגע, און דער'הרג'עט דערמיט די באדערפע־ניש גופא צו שטעלען פראגען. געווען צייטען, ווען די שאפונג אויפ'ן געביט פון מיטאלאגיע האט דערשטיקט די דערקענטעניש גופא פון דער עמפירישער ווירקליכקייט. איצט ווערט אט די מיטען־שאפונג צוריקגעשטויסען דורך דער סיסטעמאטישער ארבייט פון די פארשער. אבער אין אנגעזיכט פון דער רייכקייט פון רעליגיעזע מיטען שיינען די ווינציגע דאטען פון אונזער עטישער ערפארונג צו זיין אזוי ארים, אז די מענשען שטימען ניט גערן איין צו באגרעניצען זיך מיט דעם קרייז פון אוממיטעלבארער ווארשיינליכקייט. די האפנונג אויף א

וועלט ניט אַנטפּלעקען דורך באַווייזען. ער נויטיגט זיך אויך איז איר ניט, מחמת איר גאַנצער זין באַשטעהט אין דינען אַלס ספּערע פאַר דער פונאַנדערוויקלונג פון דעם עטישען דראַנג. אַלץ „די וועל־טען פון ערפאַרונג" ערשיינען אויף אַזאַ אופן ביידע וועלטען, די מע־טאַפיזישע, פּונקט ווי די פיזישע. און אויב מיר ווענדען פונדעסט־וועגען אָן בלויז צו דער לעצטער דאָס וואָרט עמפּיריש, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס אַט דער אויסדרוק איז דורך לאַנגען געברויך אַזוי ענג פאַרבונדען מיט דעם דאָזיגען געביט, אַז דער אורשפּרינגליכער זין פון דעם וואָרט איז שוין לאַנג פאַרלאָרען געגאַנגען אין דער געוועהנליכער אַנטקעגנשטעלונג.

און אויב דעם מענשענס ווילען שטעלט ניט פאַר מיט זיך פון דער נאַטור — ווי ביי דער חיה — א ניט צוריסענע גאַנצקייט, נאָר איז צישפּאָלטען אויף צוויי, דאַן לעבט טאַקע דער מענש גלייכצייטיג אין צוויי וועלטען. און ווען איין דראַנג באַהערשט דעם צווייטען ווי א מיטעל און אונטערוואַרפט אים צו זיך, ווערט איין וועלט דערהויבען איבער דער אַנדערער לויט איר ווערדע. אָט פאַרוואָס און אָט איז וואָס פאַר א זין מיר באַצייכענען זי אַלס „איבער־עמפּיריש". זי האָט גאָר ניט צו טאָן מיט די „זאַכען אין זיך"; ווי די אַנדערע וועלט ווערט זי געגעבען אין דער ערפאַרונג און איז א ווירקירליכקייט פּ אַ ר דעם סוביעקט. דאָס איז ניט יענע ווילקירליכקייט, אין וועלכער דער מענש טרעט אריין ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך באַפרייט פון די קייטען פון דעם עמפּירישען זיין, ניט די וועלט, וואָס ערוואַרט אים, ניט עפּעס יענע־זייטיגעס אין צ י י ט. ניין, די דאָזיגע וועלט, מיט וועלכע די עטיש־אויטאָנאָמע אקציע קומט אוממיטעלבאַר אין באַרירונג, ווי עס איז דער פאַל מיט דער טעטיגקייט פון דעם לעבענס־אינסטינקט אין דער עמפּירישער וועלט, איז אָן אמת'ע וועלט פאַר יע־דער דערגרייכונג פון עטישען שאַפען.

אבער האָבען מיר ניט גערעדט וועגען אָט דער איבער־עמפּירי־שער וועלט, ווי וועגען עפּעס ווייטען און אומבאַקאַנטען? דאַרף זי זיך ניט אַנטפּלעקען קלאָר און דורכזיכטיג פאַר יעדען עטישען שטרעבען, ווי עס ענטפּלעקט זיך די זינליכע וועלט פאַר יעדען לעבעדיגען ווע־

ערשיינען פאר דעם עמפּירישען בליק — פאר דעם שעפערישען ווילען זענען זיי א קאנקרעטע, מעטאפיזישע ווירקליכקייט.

ווי דעם לעבענס־דראנג אנטשפּרעכט אן עמפּירישע ווירקליכקייט, אזוי אנטשפּרעכט דעם עטישען דראנג — א ווירקליכקייט פון א באַזונדער מין, און די לעצטע איז פאר אַט דעם דראנג דער מאַטעריאַל פאר טעטיגקייט, דער געגענשטאַנד פון שטרעבען. א דראַנג, וואָס איז געווענדט אין אן אנדער זייט, זעצט פאראויס אנדערע באַשטימונגען און אנדערע קריטעריומס. אָבער די אָביעקטען פון דער דאַזיגער ספערע דארפען אויך באַשטימען דעם דראנג אין דער פאָרם פון היפּאַטעטישע אימפּעראַטיווען. בלויז אין זיי קריגען די אומקלאָרע מעגליכקייטען פון דעם עטישען דראנג אנטפּלעקט צו ווערען א באַשטימטקייט. און די ענדגילטיגע באַשטעטיגונג פון דער מעטאַפיזישער רעאַלקייט ליגט אין דער פאַרווירקליכונג פון דעם עטישען דראנג. דאַ, פּונקט ווי אין דער ספערע פון דעם עמפּירישען, באַדייט די רעאַלקייט ניט עפּעס אנדערש, ווי די באַדייטזאַמקייט פון אַזוינע באַשטימענדע אימפּעראַטיווען. זי ערקלערט, אז ווען מען פאָלגט זיי (די אימפּעראַטיווען), ווערט אונזער דראנג באַפרידיגט. דעריבער, כאָטש דער גלויבען אין דער רעאַלקייט נויטיגט זיך שטענדיג אין פּראַלעפּטישע קריטעריומס, שעפּען די לעצטע זייער קראַפט פון די ענדגילטיגע באַשטעטיגונגען, וואָס ווערען געגעבען דורך דער פאַרווירקליכונג פון דעם אינסטינקט, און ווערען שטענדיג דורך זיי קאָנטראָלירט און קאָרעגירט. „די ערפאַרונג" אנטפּלעקט אונז דעריבער די דאַזיגע מעטאַפיזישע וועלט פּונקט אַזוי, ווי די אנדערע וועלט, און איין אַן ענליכען זין. זי ווערט ניט געבויט דעדוקטיוו. צו שטרעבען זי צו באַווייזען, איז פּונקט ווי „דאָס באַווייזען די עקזיסטענץ פון גאָט", ניט ווע־ניגער אומזיניג, ווי צו באַווייזען די עקזיסטענץ פון דער געוועהנליכער אויסערליכער וועלט. מען קאָן ניט באַווייזען די רעאַליטעט, מען קאָן זי בלויז באַנעמען דורך דער ערפאַרונג און באַפרידיגונג פון דעם דראַנג. אָהן דעם עטישען אינסטינקט, פּונקט ווי אָהן דעם לעבענס־אינסטינקט, איז ניטאָ קיין עמפּירישע ווירקליכקייט. פאַר דעם, וואָס איז אים לעבט ניט דער עטישער דראַנג, קען מען אַט די העכערע

אַ וועזען, ווי ביי אַ געוועהנליכער חיה, דאָרט אַנטשטעהט ניט קיין פראַגע וועגען דעם זין פון לעבען. דאָס לעבען איז אַ זאַך אַן און פאַר זיך. מען דאַרף עס דורכלעבען צוליב אים אַליין. ווען עס אַנשטעהט אבער די פראַגע וועגען דעם זין פון לעבען, דאַן באַווייזט דאָס די אַנוועזענהייט פון אַ שטרעבונג אויף גאָר אַן אַנדער באַדען. דער אַלטרואיזם ניט ניט קיין שום ענטפער. אויב מ י י ן עקזיסטענץ איז ניט גענוג פאַר זיך אַליין, דאַן באַדייט אויך ד אָ ס ל ע ב ע ן פ אַ ר אַ נ ד ע ר ע גאָרניט מער, מחמת די פרעמדע עקזיסטענץ איז פונקט אַזאַ ווי מיינע אין פרט פון וויכטיגקייט. אויב מיין לעבען איז אַן און פאַר זיך גאָרניט, וועט אויך אַ מאַסע אַנדערע לעבענס, וואָס זענען גלייך צו מיינעם, ניט געבען קיין פאָזיטיווע גרוים. אבער וואָס איז אַזוינס דאָס דאָזיגע העכערע, וואָס ווערט דעפינירט אַלס דער ציל פון דעם עטישען ווילען? עס ערשיינט — אויפ׳ן ערשטען קוק — אַלס עפּעס אַזוי פאַרשענד־אַרטיגעס, דאָ אַלס אַן איינצעלנע זאַך, דאָ, פאַרקערט, אַלס אַ גאַנצע גרופּע אָביעקטען, אָדער אַלס אבסטראַקציע, וואָס קיין שום קאָנקרעטעס אַנטשפּרעכט איר ניט. אַ קינד, אַ פרוי, אַ מאַן, די פאַמיליע, אָרימעלייט און חולאים, דאָס פאָטערלאַנד, די היים, דעם זיידענס הויז, די קונסט, די וויסענשאַפט, די מענשהייט — זענען דאָס אַלץ ניט די אָביעקטען, צוליב וועלכע עס קומט פאַר די עטישע זעלבסט אויפּאָפּפערונג? פאַרוואָס קאָנען זיי אבער זיין טייערער פאַר מיר, ווי מיין אייגענע עקזיסטענץ? אבער אין דער אמת׳ען האָבען מיר צו טאָן מיט אָביעקטען פון גאָר אַן אַנדערע ספערע, מיט עפּעס העכערס, וואָס ליגט פאַרבאָרגען הינטער אַט די אַלע זאַכען און באַגריפען, און וואָס רייסט זיך אַרויס דורך זיי אין דרויסען, ווי דאָס פייער דורך די עפענונגען פון אַן אויוועז. מענשען אָפּפערען מיט זיך צוליב עפּעס מעטאַפיזישעס, וואָס אַנטפּלעקט זיך צו איינעם דאָ און אַן אַנדערען — דאָרט. איינער דערקענט עס, ווען ער קוקט אַריין אין די אייגען פון אַ קינד, אַן אַנדערען שטעלט עס אַפּ אין דעם בעטענדען זעלבסט פון אַן אָרימאַן. און די וויסענשאַפט, דאָס פאָטערלאַנד און אַט די אַלע אידעען זענען ניט קיין אבסטראַקטע באַגריפען, ווי זיי

פאסט זיך נישט אריין אין די שכל'דיגע ראמען פון די מאראלע און לעבענסווערטען. און ווייטער ווייזט זיך אויס, ווי זיי וואלטען געלעבט לויט געווצליך אנדערע געזעצען; גלייך ווי די אוטיליטארישע חשבונות וואלטען זיי פרעמד געווען, גלייך ווי זיי ווייסען גאר ניט וועגען דעם נוצען, וואס זיי באשאפען, אדער גלייך ווי די באדערפענישען פון אנדערע וואלטען זיי בלויז געגעבען א געווינשטען תירוץ אדער אנשטויס. פונקט ווי דער געשאנק, וואס שטילט פיין, איז בלויז דער תירוץ, וואס לאזט אפגעבען צוזאמען מיט אים נאך עפעס אנדערש: *זיך אליין און די אייגענע ליבע.* אבער אט איז דאס זונדערבארסטע: פון דער פארוואונדערטער סטאדע טיילט זיך אפ איינער, נאך אים א צווייטער, און זיי געהען נאך דעם העלד. אין פילע פון זיי האט זיך באוויזען א פעהיגקייט, וואס זיי אליין האבען אין זיך ניט חושד געווען, און וואס מאכט פארשטענדליך דאס, וואס האט זיך פריער אויסגעוויזען אלס משוגעת: אז דאס לעבען קאן באקומען א זין, וואס איז העכער, ווי דאס לעבען גופא, און אז בלויז דאן באקומט עס א זין, ווען מען גיט עס אוועק. ביי זיי ווערט געבוירען דאס באוואוסטזיין, אז ביז איצט האט אין זיי געלעבט א ניט-געשטילטע בענקשאפט נאך עפעס העכערס; עפעס א פאר'שכור'טקייט באהערשט זיי, ווען זיי דערזעהען באשיינפערליך די מעגליכקייט פון דערגרייכונג. און זיי געהען נאך אים און פיהלען די דערנעהענטערונג פון גאטס קיניגרייך.

דארט, וואו דער עטישער דראנג אונטערשיידט זיך אם שארפסטען אין זיינע אויסערונגען און פון דעם העטעראנאמישען אלטרואיזם פון דער מאראל — דארט ערשיינט ער אלס א שטרעבונג זיך אפצוגעבען אין נאמען פון עפעס העכערס, זיך אויפצוהויבען העכער, זיך צו פאראייניגען מיט דעם העכערען אין זעלבסטאויפאפפערונג. „העכערס" דערפאר, ווייל צוליב אים ווערען אפגעגעבען די העכערע לעבענס-גיטער. דער עטישער דראנג שליסט איין אין זיך די אפשאצונג פון דעם לעבענס-פרינציפ. דא איז דאס לעבען — דער זעלבסטציל, אין דעם עטישען ווערט זי א מיטעל. צו וואס לעבען מיר? דארט, וואו דער לעבענס-אינסטינקט שטעלט צוזאמען דעם גאנצען באזיס פון

טרייבט זיי? אן אומזין. מען רופט אים „אידעע“. די מענשען רופט מען „אידעאליסטען“. זייערע טאטען דארפען דאך אבער האבען א ציל? מען גיט דאך ניט אפ די אייגענע כחות, דאס אייגענע און א פרעמד לעבען צוליב גארנישט! דער זונדערבארער מענש פון גליל, איז, דאכט זיך, ערשינען כדי צו באפרייען זיינע מיטבירגער פון דער הערשאפט פון פרעמדע און פון די רוימישע צינזען. אבער ניין, ער שטארבט אהן דער מינדסטער מי פאר אט דעם צוועק און נארט אפ די האפנונגען פון די פאטריאטען: ער דערלאזט מען זאל אים פאראורטיילען און קרייציגען, ווי א פארברעכער. אבער וואס באדייט דאס אלעס? מיר שפירען שוין די נאענטקייט פון עפעס גרויסעס — אבער ווי אזוי פארשטעהט מען עס? אפשר איז זיין ציל טאקע געווען דער טויט, ער איז אפשר געשטארבען פון אונזערטוועגען, צוליב אונזער טובה, כדי צו באפרייען אונז פון לויפען, אויסקויפען אונז, ווי א מזבח־לעמעלע, פון דער שטראף פאר אונזערע זינד? כדי מיר זאלען מער ניט דארפען מורא האבען פאר'ן טויט, ווען פאר אונז, נאכדעם, ווי מיר זענען אויסגעקויפט געווארען דורך זיינע לײדען און טויט, האט זיך אנטפלעקט די האפנונג אויף דער פארטזעצונג פון אונזער עקזיסטענץ, וואס איז נאך רייכער געווארען מיט פארגעניגענס? אבער נעמט אן אנדער מענש, פון בארביזאן, וואס איז ניט קוקענדיג אויף קיין שום זאך געווען געטריי זיין קונסט — האט ער ניט אזוי געהאנדעלט אין נאמען פון אלטרואיסטישע געפיהלען? ניט דערפאר האט ער אהן רחמנות איבערגעגעבען אלם רויב דער נויט אי זיך, אי זיינע נעהנטסטע, זיין פרוי און קינדער, כדי צו שאפען פאר די פארמעגליכע קלאסען די פרייד פון א נאבעלערען גענוס? און דער העלד, וואס געהט אין שלאכט פאר'ן פאטערלאנד, וואס פארשטעהט ער אונטער'ן טויט „פאר'ן פאטערלאנד“? ניט אפשר פאר אונזער אינדוסטריע, דעם אמת זאגענדיג, כדי צו עפענען נייע פארקויף־מערק פאר איר? גיט ער ניט אפ זיין לעבען צוגונסטען אונזערע קאמערצאנטען? באמת, די העלדענטאטען פון אט די טרוימערס ברענגען כמעט שטענדיג א ממשות'דיגען ריוח, און אפט רופט זיי טאקע א לעבענס־באדערפעניש. און דאך בלייבט עפעס א רעטעניש, עפעס אזוינס, וואס

אמת, עס איז שווער צו זאגען באשטימט, צי אין יעדען מענש לעבט דער דראנג צום עטישען. אזא דראנג איז ניט, ווי דער לעבענס־אינסטינקט, א נויטווענדיגער באדינג פון דער פשוט'ער עקזיסטענץ. ער וואלט, פאלגליך, געקאנט זיין איינגעבוירען, אבער ניט אנטוויקלען זיך אין דעריבער אפגעשלאפט אדער גאר אנטארט ווערען. חוץ דעם שטרעבט די ענערגיע פון דעם לעבענס־אינסטינקט פון דער פרימיטיווסטער צייט צו פארכאפען דעם גאנצען אפאראט פון ווילונגען. גיט נאך צו די ערציהונג אין דעם גייסט פון דער העטעראנאמישער מאראל — און עס וועלען געבוירען ווערען אזוינע געוואוינהייטען פון אויפפירונג, וועלכע וועלען אין פאראויס צונעמען דעם באדען ביי יעדער גענענזעצליכער שטרעבונג. ענדליך שטעהען מאסען מענשען אין דעם פאר'כשוף'טען קרייז פון דער ערפאלג־מאראל און זענען אזוי בלינד, אז זיי שעמען זיך פאר עטיש־פרייע האנדלונגען. טוענדיג עפעס עטישעס קלעפען זיי זאגאר ארויף אויף זייער טאט — אין זייערע און אין פרעמדע אויגען — דעם עטיקעט פון ניצליכקייט. זיי גלויבען כמעט אליין דערין, אז זיי האבען געהאנדעלט בלויז לטובת אנדערע, פאר דעם אלגעמיינעם וואוילזיין, פאר דעם מאקסימום גליק פאר דעם מאקסימום מענשען. עס דאכט זיך אפילו אויס, אז זיי וואלטען בעסער געוואלט מען זאל זיי כאפען ביי אן אקט פון אויסגערעכענטען עגאאיזם איידער פון אומאייגענניציגער עטישקייט. זיי שעמען זיך פאר דעם עטישען, מחמת פאר אן אוטיליטארישען פארשטאנד ערשיינט עס אלס זינלאז. עס איז דערפאר אזוי שווער אויפצוכאפען דאס עטישע אין דעם אלטעגליכען לעבען, ווייל פון שעמעוודיגקייט וועגען האט עס ליב צו בייטען זיין אויסערליכקייט, און עס פאסט זיך צו צו דעם פון אלעמען רעספעקטירטען אלטרואיזם. עס באקומט זיך א מין מימיקריע פון דעם עטישען. עס זענען אבער פאראן מענשען, אין וועלכע דאס עטישע רייסט זיך דורך, ווי דער הויכער שאל פון א טרומייט. זיי געהען אהן קווענקלונגען גלייך צו זייער ציל, ניט רעכענדיג זיך ניט מיט זייער אייגענער, ניט מיט קיינעמס טובה, און זענען מקריב צוליב אט דעם ציל מיט זייער לעבען און מיט דעם לעבען פון אנדערע. אבער וואס ווילען זיי? וואוהין פירט זייער וועג? מאדנע טרוימער! וואס

סימום גליק פאַר'ן מאַקסימום צאָל. דאָס פאַררופען זיך אויף מיין געוויסען גיט מיר ניט קיין פרייהייט פון אויטאָנאָמישער אויפפירונג די געזעלשאַפט האָט מיט דער הילף פון דער ערציהונג, וואָס געפינט זיך אונטער איר אויפזיכט, איינגעוואָרצעלט אין מיר די אַלטרואיסטישע אימפעראַטיווען, און זיי מיינט זי טאַקע, ווען זי אַפּעלירט צו מיין געוויסען. דעריבער: אויב די אינערליכע שטימונג, די געטריישאַפט צו פליכט און געוויסענהאַפטיגקייט ווערען געשטעלט העכער ווי אַן איינצעלנער, ניצליכער רעזולטאַט, ווייזט זיך דאָ באַין אופן ניט אַרויס אַ העכערע מאָראַל אין פאַרגלייך מיט די פאָדערונגען פון דעם אוטיליטאַריזם. דאָ האָבען מיר בלויז פאַר זיך דעם פּראַקטישען שכל פון דעם מענש, וואָס שעצט העכער דעם גרונד־קאַפּיטאַל, ווי די יערליכע פּראָצענטען. אָבער עס איז פאַרשטענדליך, פאַרוואָס דער שטאַרקער זאָרגט זיך באַזונדערס וועגען דער ערציהונג פון אַ גוטען געדאַנקען־אופן. די אַזוי גערופענע מאָראַלע ווערטען זענען, אַלזאָ, העטעראָנאָמיש; זיי קריגען אַ באַדייטזאַמקייט בלויז דערמיט, וואָס דורך לוין און שטראָף ווערען זיי פאַרבונדען מיט די לעבענס־אינסטינקטען. זייער אָפּשטאַמונג, ווידער, ליגט אין דעם עגאָאיזם פון די באַפעהלענדע, פון די, וואָס שטעלען פעסט דעם ווערט און די פליכט.

אין דער ערקלערונג פון די מאָראַלע ערשיינונגען אַנערקענען מיר אין אַלגעמיינע שטריכען די גערעכטיגקייט פון האָבס'ען און פון דער גריכישער עפּאָכע פון בילדונג. זיי האָבען אָבער געמיינט, אַז דערמיט ווערט אויסגעשעפּט דער אַנאַליז פון די ענדגילטיגע ווערטען פון די האַנדלונגען. ווע‍לען מיר אָבער דערמיט איינשטימען? אָדער ווע‍לען מיר געפינען אויך אויף יענער זייט פון דער מאָראַל אַנדערע ווערטען פון אויפפירונג? ווייסען מיר ניט פון עפּעס אַזוינס, וואָס אונטערשיידט זיך שאַרף אַלס *אויטאָנאָמישע עטישקייט* פון די העטעראָנאָמישע פאָדערונגען פון דער מאָראַל, און וואָס וואַקסט אַרויס פון גאָר אַן אַנדער דראַנג? ווייסען מיר ניט פון אַ פרייער עטישער אַקציע, וואָס לעבען איר ווייזט זיך די אונטערטעניגע, געוויסענהאַפטע געטריישאַפט צו פליכט אויס אַלס טויט, כמעט לעכערליך?

סיפּעריאָריטעט פון דעם שטאַרקערען, דערפאַר קאָן בלויז ער באַשטי־מען די מאָראַלע ווערטען אין היסכם מיט זיין עגאָאיזם. פאַר דעם שוואַ־כען, ווידער, בילדען לוין און שטראָף דעם עגאָאיסטישען מאָטיוו, וואָס צווינגט אים זיך צו אונטערוואַרפען צו די דאָזיגע פאָדערונגען. דער־צו קומט צו די עגאָאיסטישע באַטראַכטונג וועגען דער געגענזייטיגקייט פון די האַנדלונגען און התחיבות'ען. אַלס מיטגליד פון דעם גאַנצען באַטייליגט זיך דער אינדיווידואום אין דער פעסטשטעלונג פון די פליכ־טען און אין דער באַנוצונג פון זייערע פּרוכטען.

די העטעראָנאָמישקייט פון די מאָראַלע ווערטען ווייזט זיך אַרויס אין זייער פאָרם גופא: „דו מוזט". עס ווערט אַרויסגעשטעלט אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג. און די נויטיגקייט פון באַ־לוינונגען און באַשטראָפונגען צו פאַרזיכערען די ווירקונג פון די מאָ־ראַלע געזעצען ווייזט אָן דערויף, אַז דער אַלטרואיזם, דאָס זיך מקריב זיין אָדער ריזיקירען די אייגענע טובה אין די אינטערע־סען פון אַ פרעמדען נוצען, וואָרצעלט ניט אין דער אינסטינקטיווער נאַטור פון דעם מענש.

דער העטעראָנאָמישער כאַראַקטער פון דעם מאָראַלען געזעץ ווערט לחלוטין ניט געענדערט, ווען מען שאַצט אָפּ שוין ניט קיין איינ־צעלנע אַקציע, ניט קיין איינצעלנעם נוצליכען רעזולטאַט, אַלס אַזוי־נעם, נאָר אפילו ווען מען באַטראַכט די מאָטיווירונג פון די האַנד־לונגען: ווען אַ גוטער ווילען ווערט העכער געשאַצט, ווי אַ גוטע טאַט. דאָ ווי דאָרט ווערט דאָס „גוטע" באַשטימט דורך דעם נוצען פון דעם שטאַרקען, פון דער הערשענדער מערהייט. דער אוטיליטאַריסטישער חשבון ווערט דאָ בלויז דינער און ווייטזיכטיגער. ער שאַצט אָפּ די אויסזיכטען אויף דעם צוקונפטיגען גערעטעניש, און מאַכענדיג זיך האַרץ, שלינגט ער אַראָפּ אַ צופעליגען דורכפאַל. אַזוי זענען אויך די מאָראַלע מאַקסימען: ערפיל דיין פליכט! אָדער: האַנדעל שטענדיג אין איינקלאַנג מיט דיין געוויסען! די געזעלשאַפט לאָזט דאָך שטענדיג אי־בער פאַר זיך דאָס רעכט צו באַשטימען דעם אינהאַלט פון מיין פליכט — אין דעם גייסט פון איר טובה, אין דעם גייסט פון מאַק־

דערפאר קריגט ער צוליב זיין ניצליכקייט שוץ און אויסהאלטונג
פון דעם שטאַרקען. ווער אבער איז דער שטאַרקער? דאָס ווענדט
זיך אָן דעם, צי עס עקזיסטירט צווישען די יחידים אַ גרויסע אומ־
גלייכקייט פון כחות. און צו די גרופע גיסט זיך צענויף אין איין
מעכטיג גאַנצעס. אויב די אומגלייכקייט פון די כחות צווישען די
יחידים איז אומבאַדייטענד אין פאַרגלייך מיט די פאַראייניגונגס־
טענדענצען, דאַן איז עס די צוזאַמענדיגקייט, די געזעלשאַפט — דער
שטאַרקערער לגבי דעם יחיד. דאַן אנטשטעהען די „מאָראַלישע" אָפּ־
שאַצונגען. ווען דאָס גלייכגעוויכט פון די כחות ווערט קאָנסאָלידירט,
ווערען די פאָדערונגען פון דער שטאַרקערער מערהייט פאַרגליווערט
אין דער פאָרמולע פון די זיטען־געזעצען. דאָס איז עס, וואָס מען
רופט געוועהנליך „מאָראַל". דאָס איז דער לעבענס־סדר פון דער גע־
זעלשאַפט, וואָס דריקט זיך אויס אין דער סומע התחיבות׳ען, וואָס
ווערט ארויפגעלייגט אויף די יחידים, וועלכע געהען אריין אין דעם
באַשטאַנד פון דעם צוזאַמענלעבען.

דער ציל פון אָט דעם געבאָט־פליכט איז אַלעמאָל דערזעלבער.
דער נוצען, די טובה פון דעם שטאַרקען, ד. ה. די טובה פון דעם גאַנ־
צען, דער נוצען פון אנדערע, דער מאַקסימום גליק פאר דעם מאַקסי־
מום מענשען. אויסגעדריקט אין אַ קורצער פאָרמולע: ד ע ר אַ ל־
ט ר ו א י ז ם. אמת, אויך דער לעבענס־אינסטינקט שליסט איין א
געוויסע זאָרג פאר׳ן וואוילשטאַנד פון אנדערע, אויף וויפיל זיי זענען
מיר נאָענט און איך קאָן זיי באַצייכענען אלס די מייניגע, אבער דער
טראָפ פאַלט דערביי שטענדיג אויף דעם „עגאָ", בעת דאָס פאָרציהען
פון א פרעמדען נוצען, וואָס די מאָראַל פאָדערט, באַדייט א פולשטענ־
דיגע איבערקערעניש פאר דעם דראַנג. די יעראַרכיע, וואָס טרעט
אַרויס אין די מאָראַלע ווערטען, בלייבט פרעמד דעם יחיד. דער יחיד
וואָלט אָן און פאַר זיך אָנגעווענדט אַן אַנדערע אָפּשאַצונג. אָבער מיט
דער הילף פון באַלוינונגען און באַשטראָפונגען, אָדער פון לויב און
טאַדעל, וואָס ווינקען אָן אויף באַלוין אין שטראָף, און וואָס פונקציאָ־
נירען ווי פאַפיר־געלט, זאָרגט זיך די געזעלשאַפט וועגען דער צופאַ־
סונג פון די מאָראַלע ווערטען. שכר און שטראָף זעצען פאָראויס די

זאמען מיט דער לעבענס־ווירקליכקייט נאך אן אנדערער סיסטעם פון דראנגען, ווי אויך אן אנדערע ווירקליכקייטס־ספערע, וואס איז אויף אט דער סיסטעם באזירט? ווען מיר זאלען נאכפאלגען דעם ריכטשנור פון מענשליכע האנדלונגען, וועלען מיר באגעגענען אונטער דעם נא־מען פון „זיטען־געזעצען" אדער „מאראל", א סיסטעם פון ווערטען, וואס אונטערשיידט זיך בולט פון דער סיסטעם פון די לעבענסווער־טען, און וואס שטעלט זיך אפט אין ווידערשפרוך צו דער לעצטער. אין וואס פאר א דראנג האט די דאזיגע סיסטעם (מאראל־ווערטען) איהר אנהויב? א מער דעטאלירטע אויספארשונג וואלט געוויזען, אז אין די מאראלישע געבאטען האבען מיר צו טאן מיט הע ט ע ר א־נ א מ י ש ע ווערטען. פאר דעם, וואס אויף אים פארשפריי־טען זיך די דאזיגע געבאטען, וואס דארף זיי ערפילען, וואס דארף אנערקענען זייער ווערט, — פאר אים זענען זיי באמת ניט קיין איי־גענע און אריגינעלע ווערטען. בעת ער ערפילט זיי, פאלגט ער ניט זיין דראנג; זיי ווערען אויף אים ארויפגעלייגט פון דרויסען. די פאל־גענדע סכעמע קאן זיי קלאר מאכען:

יעדער סוביעקט האט זיך זיין אייגענע ספערע פון לעבענס־אינ־טערעסען אין דער צענטער פון יעדער ספערע — דער „עגא" — איז אומעטום אן אנדערער. דערפאר קאנען די קרייזען פון די אינטערע־סען ביי פארשיידענע סוביעקטען בלויז טיילווייז דעקען איינער דעם צווייטען, זיי פאלען אבער קיינמאל אינגאנצען ניט צענויף. פאר דעם עגאאיזם פון יעדערען איז אבער אייגענטימליך די טענדענץ זיך דורכ־צושלאגען אויפ'ן חשבון פון אנדערע. ער זוכט צו צווינגען אלעמען אים צו דינען. פון דער אנדער זייט איז דער גורל פון אלעמען צו לעבען צוזאמען, צוליב דער געמיינזאמער פארטיידיגונג און צוליב דער דערגרייכונג פון צילען, וואס זענען איבער די אינדיווידועלע כחות. עס דערגעהט דעריבער ניט צו א קאמף פון אלע קעגען אלע, נאר פארקערט, עס ווערט דערגרייכט אן אויסגלייך פון די געגענזיי־טיג קעמפענדע אינטערעסען אין א גייסט, וואס אנטשפרעכט דעם גלייכגעוויכט פון די באזונדערע כחות. דאס מיינט, אז דער שוואכער ווערט געצוואונגען צו דינען דעם עגאאיזם פון דעם שטארקען, און

וועלכער באַשטימט אויך בלויז די אומקלאָרע מעגליכקייטען פון דעם אינסטינקט זיך צו אַנטפּלעקען. צו באַהויפּטען די רעאַלקייט פון דעם עמפּירישען אָביעקט, באַדייט אויך אַ היפּאָטעטישער אימפּעראַטיוו. אָבער ווען מיר האַלטען אים פאַר אַ פיקציע און פאַר אַן אומרעאַליטעט לייקענען מיר אָפּ זיין באַדייטזאַמקייט, און דערמיט גופא זאָגען מיר, אַז פאָלגענדיג דעם אימפּעראַטיוו וועלען מיר ניט קומען צום פאָרשפּראָכענעם ציל. די פראַגע וועגען דער רעאַלקייט אָדער ניט־רעאַלקייט פון די עמפּירישע אָביעקטען ווערט אַנטשיידען דורך דעם, צי די טעטיגקייט, וואָס ווערט קאָאָרדינירט מיט דעם אימפּעראַטיוו, דערפירט צום ציל אָדער ניט. די פאָרווירקליכונג פון דעם לעבענס־דראַנג איז דעריבער אַן אינדירעקטער אָבער ע נ ד ג י ל ט י ג ע ר קריטעריום פון רעאַלקייט; קיין דירעקטער קריטעריום איז, פאַרשטעהט זיך, ניטאָ. אַלע אַנדערע קריטעריומס פון רעאַלקייט, באַזונדערס די, וואָס ווערען באַנוצט פּראַלעפּטיש, ווי למשל דער אויפפאַסונגס־כאַראַקטער, וואָס איז אייגען דער פאָרשטעלונג פון'ם אָביעקט, נעמען איבער זייער באַדייטזאַמקייט פון דעם גרונד־קריטעריום און ווערען פון אים שטענדיג קאָנטראָלירט און קאָרעגירט. דער לעצטער באַזיס פון דער עמפּירישער ווירקליכקייט ליגט אויף אַזאַ אופן אין דעם לעבענס־דראַנג; און אויב מיר באַשטימען דעם דראַנג דורך די אָביעקטען פון דער ווירקליכקייט, איז דאָס באַין אופן ניט קיין ווידערשפּרוך צו דעם אומשטאַנד, וואָס די ווירקליכקייט איז אָפּהענגיג אָן דעם דראַנג. עס איז אויך ניט קיין ווידערשפּרוך צו דער מעגליכקייט זי דוקא פון אים צו דרינגען. אַ מיספאַרשטענדעניש אַנטשטעהט בלויז דערפון, וואָס דער „דראַנג אין זיך" לאָזט זיך ניט דעפינירען. מען קאָן אים אונטערשיידען פון אַנדערע דראַנג־סיסטעמען בלויז אַ דאַנק דער באַשטימטקייט פון זיינע אויסערונגען, ד. ה. דורך דער אָנווייזונג פון די אָביעקטען, אויף וועלכע ער באַציהט זיך, אויף וועלכע ער איז געוואָנדט, וואָס באַצייכענען אַלס היפּאָטעטישע אימפּעראַטיוען די באַשטימטע ליניעס פון די וועגען, לויט וועלכע דער דראַנג אַנטוויקעלט זיך.

איז אָבער ניטאָ צוזאַמען מיט דעם לעבענס־דראַנג אין אויך צו־

דעם אויסדרוק וואלט ניט פארבונדען געווען גאר אַן אנדער באדייטונג, אבער דער לעצטער וואלט אויף א זעהר געלונגענעם אופן געדעקט אלע שטופען און די גאנצע יעראַרכיע פון דעם אינטערעס, אנהויבענדיג מיט'ן „עגא" און ענדיגענדיג דערמיט, וואס געפינט זיך ווייטער, אבער וואס ווערט נאך אלץ עמפּפונדען, ווי עפּעס נאַנטס, ווי עפּעס מיינס. אויב אבער מען זאל אַט דעם אינסטינקט באצייכענען לויט זיין צענטראלען אביעקט: „עגא" — אלס עגאאיזם, דאַרף מען ניט פאַר־געסען, אַז מיין „עגא" איז בלויז דאס סאמע ערשטע פון אלעם אנ־דערען, וואס געהערט אויך צו מיר, אבער ער שליסט דורכאויס ניט אויס דאס דאזיגע אנדערע. דער צענטער פונ'ם דראַנג, דער פונקט פון דעם העכסטען אויסדרוק פונ'ם „עגא" איז ביי יעדען סוביעקט אַן אנדערער, אבער געהענדיג פונ'ם צענטער צו דער פעריפעריע געפי־נען מיר, אַז די לעבענס אינטערעסען פון פארשידענע סוביעקטען קאַ־נען טיילווייז דעקען איינער דעם אנדערען. מיינע מיטבירגער קאַנען אויך זיין דיינע; אין אַזא פאל קאַנען אונזערע ביידענס שטרעבונגען טיילווייז געהן מיט'ן זעלבען וועג און ביטראַגען צו זייער וואויל־שטאַנד אין א גרעסערער מאָס, ווי צו דעם גליק פון פרעמדע מענשען.

די סיסטעם פון דער ווירקליכקייט, וואס אנטשפּרעכט דעם לע־בענס־אינסטינקט איז די עמפּירישע ווירקליכקייט, יענע וועלט, וועגען וועלכער יעדער איינער טראַכט קודם כל, ווען עס רעדט זיך וועגען רעאליטעט; די וועלט, וואס מיר בויען אויף פון אונזער זינליכער ערפאַרונג, אין וועלכער מיר לעבען און ווירקען. זי איז דאס פעלד, וואו דער לעבענס־אינסטינקט דריקט זיך אויס. דער אינסטינקט נויטיגט זיך אין דעם געגענשטאַנד, כדי אנטפּלעקט צו ווערען פונקט ווי — בילדליך גערעדט — יעדעס געצייג פון פאַרקעהר נויטיגט זיך אין א סביבה, וואס צייגט ארויס ווידערשטאַנד: די שרויף פון דעם דאַמפּער קאַן אים מאכען זיך באוועגען בלויז דאַן, ווען זי באַגעגענט דעם ווידערשטאַנד פונ'ם וואסער. נאך גענויער: יעדער אביעקט, פשוט אלס אביעקט, וואס ווערט אבסטראַהירט פון זיין רעאליטעט אדער אומרעאליטעט. באדייט פאַר דעם לעבענס־אינס־טינקט קודם כל — א היפּאטעטישען אימפּעראַטיוו,

עסטעטישע ווערטען צו באַטראַכטען די סיסטעם פון דעם מענשס גרונד־אינסטינקטען. געוויס, מיר וואָלטען זיך צופיל אָפּגעווענדט פון אונזער וועג, ווען מיר זאָלען דאָ פּרואווען געבען עפּעס מעהר ווי אַ פאַרביילויפענדען עסקיז און עטליכע אויבערפלעכליכע אָנצוהערעני־שען. די באַגרינדונג און פאַרטיידיגונג פון אונזערע בליקען מוזען מיר איבערלאָזען צו אונזער קומענדער ארבייט. דאָ וועלען מיר אָנ־צייכענען בלויז יענע פונקטען, וואָס גיבען די מעגליכקייט אָם באַ־קוועמסטען צו באַטראַכטען דעם סכום פון דעם אינסטינקט־לעבען. אַזיינע פונקטען זענען פאַראַן צוויי: ווי אַזוי דער מענש האַנדעלט, און וואָס באַטראַכט ער אַלס רעאַליטעט. אָבערביידע — די האַנד־לונגען און די ווירקליכקייט — זענען פאַרבונדען צווישען זיך.

פאַר דעם פאַרשער עפענט זיך קודם כל אַ ברייט־פונאַנדערגע־צווייגטע סיסטעם פון דראַנגען, וועלכע מען באַצייכענט אַלס ל ע־ב ע נ ס ־ א י נ ס ט י נ ק ט אָדער אַלס סיסטעם פון די לעבענס־אינטערעסען. די אָביעקטען, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען באַ־שטימען אַט דעם אינסטינקט, אויף וועלכען עס וואַרפט זיך דער אויפ־געוואַכטער דראַנג. קאָן מען לייכט געפינען מיט אַזאַ ריכט־שנור ווי דער באַזיץ־פראָנאָמען: „מיין“. דאָ טרעט אויפ’ן ערשטען פּלאַן אַרויס אַט דער זונדערבאַרער מאַטעריעלער אָביעקט, וואָס שטעהט אַלעמאָל אין דעם סאַמע צענטער פון דער ווירקליכקייט, וואָס דאַכט זיך קיינ־מאָל ניט צו זיין ווייט, וואָס איז שטענדיג „דאָ“, וואָס קומט אין באַ־וועגונג, ווען איך וויל עפּעס, וואָס זיינע צושטאַנדען ברענגען מיט זיך פאַרגעניגען און ליידען, און וואָס צייכענט זיך אויס מיט פאַרשידענע אַנדערע זונדערבאַרקייטען. דאָס איז מיין קערפּער, וואָס זיין אויפ־האַלטונג און וואוילשטאַנד שטעלען מיט זיך פאַר דעם הויפּט־מאָ־מענט פון דעם לעבענס־אינסטינקט. נאָך אים קומט, מיט אַלץ קלע־נער ווערענדער גראַדאַציע פון אינטערעס אַלעס דאָס, וואָס — אחוץ מיין קערפּער — געהערט „מיר“, אָדער וואָס קאָן ווערען „מיינס“: קרובים, פריינד, מיטבירגער, מיטמענשען, פאַרמעגענס־גיטער א. אַז. וו. די ליבע צו דעם מייניגען — אַזוי וואָלט מען געקאָנט אָנרופען אַט דעם אינסטינקט, אָדער „די ליבע צום נאָנטסטען“, אויב מיט אַט

קונסטווערק, זענען ניט אורשפּרינגליך, ווערען ניט געבוירען פון קיינע דראַנגען אין אונז גופא. דאָ איז אויך ניטאָ קיין שום באַזונדער גע־פיל, וואָס זאָל קאָנען באַצייכענט ווערען אַלס עסטעטיש געפיל אין דעם ענגען זינען פון וואָרט, וואָס זאָל עקזיסטירען זייט ביי זייט מיט דעם לעבענס־אינסטינקט און מיט דעם מאָראַליש־העראָאישען געפיל, און וואָס אַלס זיין אויסדרוק זאָל מען דאַרפען באַטראַכטען די עסטעטישע ווערטען. אין דער עסטעטישער באַוועגונג האָבען מיר צו טאָן בלויז מיט א שיינבאַרקייט, בלויז מיט אַנאַלאָגיעס. אָבער פון דער הנחה, אַז דאָס עסטעטישע וואָרצעלט ניט אין א באַזונדערען אינסטינקט, נאָר איז ניט מער, ווי אַן אילוזיע, איז אויך געדרונגען, אַז זי—די קונסט—מוז זיך שטיצען אויף די איבעריגע אינסטינקטען פון דעם מענש און קאָן בלויז באַשטימט ווערען דורך זיי און דורך זייערע שייכות׳ען צו זיי. דאָס וועט, אמת, זיין ניט אין דעם זין, אַז די קונסט איז א ווירקליכע אָפּ־צווייגונג פון זיי, נאָר גיכער אויף דעם זעלבען אופן, ווי די אַנאַלאָגיע און די שיינבאַרקייט זעצען פאָראויס א פאָרבילד. און אויב די אינס־טינקטען זענען פאַרשידען צווישען זיך ניט בלויז לויט׳ן אינהאַלט און אין יענעם געגענשטאַנדליכען, אויף וועלכען זיי זענען געריכט, נאָר אויך פאָרמאַל, לויט׳ן כאַראַקטער פון זייער פונאַנדערעפענונג און אויסערונג, וועלען מיר האָבען פאַר זיך פאַראַלעלע מאָדיפיקאַציעס פון די עסטעטישע ווערטען, וואָס וועלען אַנטשפּרעכען אָט די אונטער־שידען פון דעם פאָרבילד. אַלס אַזוינע ווערען באַטראַכט: דאָס שעה־נע אין דעם ענגען זין, דאָס ערהאָבענע, ווי אויך צומאָל דאָס קאָמי־שע, באַזונדערס הומאָר.

---

אויב מען דאַרף פאַרשטעהן די עסטעטישע איבערלעבונג אַלס א שיינבאַרקייט פון דעם אַנטפּלעקען זיך פון דעם אינסטינקט, און זוכען זיין פאָרבילד און די זעלבסטשטענדיגע רעגונגען פון אונזערע אינסטינקטען, דאָן איז נויטיג פאַר דער פולער אויסטייטשונג פון די

שפּירען קלאָר, ווי עפּעס האָט זיך אַ מיראַנ געמאַן אויפ'ן וועג צום ציל, אַז אונז האָט געצויגען צו אים, אַז מיר קאָנען אים ניט דערגרייכען, און פילען פיינליך דעם דאָזיגען איבעררים.

מיר האָבען אויך געזעהן, אַז דער „טעלאָס" טראָגט אַריין אָרד־נונג אין דער כאַאָטישער פּילאָרטיגקייט פון די עמאָציאָנעל־פאַר־וואַנדטע עלעמענטען, אַז די סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס העלפען און ווייזען אַרויס אַ ווידערשטאַנד אין דער באַוועגונג, וואָס שטרעבט צום ציל, און אַז אַזוינע העטעראָגענישע שטימונג־אימפּרעסיעס, ווי די איינדרוקען פון די זינגליכע פּאַרמען, פון אינהאַלט, מאַטעריאַל, און פון די דיפערענציאַלע אייגענשאַפטען, ווערען פאַרבינדען דורך דער גע־מיינזאַמקייט פונ'ם ציל אין מאָמענטען פון אַן איינציגער באַוועגונג. די אויפרעגונג וואָס איר קאָנצעפּציע איז פאַרגעקומען אין אַ באַ־שטימטער שאַטירונג פון דער געלער קאָליר, ווערט פאַרטגעזעצט אין דעם באַקכישען מאַנץ פון די קאָריקישע יונגפרויען. דער קאַמף פון איבערמענשליכע לײדען שטייגט אַרויף פון דער מיסטישער טיף פון גרינער טונקעלקייט. אויף דעם בילד פון דעם גרינעם טיש (פרידריך וו.'ס) נעמען די פּאַרוקען און די קאַנדעליאַברעס אַן אַנטייל אין דעם וויציגען געשפּרעך פון מענשען; אין דעם פאָלקס־ליד ווערט די נאַטור פאַנטאַסטיש צענויפגעמישט מיט דעם ליבעס־וועה. דאָס אַלעס ווייזט אַן דערויף, אַז מיר דאַרפען זיך אינגאַנצען אָפּגעבען דער עס־טעטישער קאָנטעמפּלאַציע, כדי אין אונז זאָל צושטאַנד קומען אימי־צענס ווילען, און צוליב דעם מוזען מיר שווייגען; דאָס באַווייזט, אַז די קונסט שטרעבט צו דער אַנטשטעהונג און צו דער קאָמבינאַציע פון איבערלעבונגען, וואָס זענען ענליך צו יענע, וועלכע מיר שפּירען ביי אונזער אייגענער אקטיווקייט, און אין וועלכע אונזער אינסטינקטיוו לעבען דערקענט געוועהנליך זיך אַליין.

נאָר אויב אַזאַ אויסטייטשונג איז ריכטיג, דאַן איז ניטאָ קיין באַזונדערער, באַשטימטער לויט זיין אינהאַלט דראַנג, אין וועלכען עס ליגט דער קוואַל פון אַלע עסטעטישע ווערטען. עס האַנדעלט זיך דאָך בלויז אום דער אילוזאָרישער אויפדעקונג פון דעם דראַנג. יענע ציל־שטעלונגען, וואָס מיר לעבען איבער, זיך פאַרטיפענדיג אין דעם

צוהערעניש אויף אונזער אויסטייטשונג. אמת, אויב מיר וואלטען ניט פארמאגט קיין אנדערען גרונד, וואלט דער שפרונג, וואס די דאזיגע היפאטעזע דערלאזט, געווען צו געוואגט. אבער אונזער גאנצע אויספארשונג פון דער סטרוקטור פון דעם עסטעטישען אביעקט פירט דאך אונז טאקע אויף אט דעם וועג. מיר האבען אנערקענט אלס די עלעמענטען פון דעם עסטעטישען אביעקט די ניט־זינליכע, ניט־בילדליכע שטימונג־אימפרעסיעס און באמערקט אין זיי דינאמישע פארהעלטענישען פון א טעלעאלאגישען כאראקטער; מיר האבען געפונען, אז מאנכע פון זיי באציהען זיך איינער צום אנדערען, ווי אנשטרענגונג און אויסלאדונג, ווי די פעסטשטעלונג פון א ציל און דערגרייכונג. דער סינטעז פון שטרעבען און דערגרייכען האט זיך לויט אונזער בליק ארויסגעוויזען אלס דער אורשפרינגליכער עסטעטישער פאקט. אפט ווערט אנגעהאלטען די מעגליכקייט פון געגענזייטיגקייט און פארקערטקייט פון אט דעם פארהעלטעניש, וואס בלייבט פארבארגען אין דעם גלייכגעוויכט פוןביידע קרעפטען. מיר האבען אויך געזעהן ווי אזוי די קונסט רעכענט זיך דערמיט. ארויספירענדיג און אונטערשטרייכענדיג איין געוויסען מאמענט, טראגט זי אויף אים איבער די פונקציע פון ציל־שטעלונג און אויף אן אנדערען — די דערגרייכונג. דער טעלעאלאגישער כאראקטער ווייזט זיך ארויס אין די איינפאכסטע עלעמענטארע קאמבינאציעס: פורפור און גרין, דאס שטייגען און פאלען פון דער שטים, די אויבערשטע און אונטערשטע אקטאווע, די לענג און קורצקייט אין די מעטרען פון דעם ריטם. מיר האבען ווייטער געזעהן, אז אזוי קומט פאר די בילדונג פון צוזאמענגעשטעלטע קאמפלעקסען. דא איז די אנגעשטרענגטקייט נאך שטארקער, דער וועג פון דער ערשטער אהנונג פון ציל צו דער אנטשיידונג נאך לענגער, און ער פירט דורך הינדערנישען, דורך אינטערלודיעס. ווי גרויס עס קאן זיין אזא אנשטרענגונג, דערוויסען מיר זיך, ווען אין א גאנצער ריי פון צוויי־פערזען ווערט פלוצלונג ארויסגעווארפען דער פענטאמעטער, אדער ווען א מוזיקאליש שטיק רייסט זיך אפ פונקט פאר'ן לעצטען אקט. עס באקומט זיך א געפיל גלייך, ווי אן אייזענבאן־צוג וואלט זיך מיט אמאל אפגעשטעלט אין מיטען פעלד. מיר

ציל, די אנטשלאָסענע באַשטרעבונג, דאָס צעגנערען פון אויסוואַל, דאָס שנעלע „פאַראויס צו דער האַנדלונג", די הינדערנישען, דער קאַמף, די אויסשעפונג, דער נייער דראַנג, די נאָהענטקייט צום ציל, די דערגרייכונג — אפשר קאָנען אַט די אַלע איבערלעבונגען, וואָס אנטשטעהען אויף א נאָרמאַלען אופן פון דעם דראַנג און פאַרשטאַרקען זיין וואוקס און דעם באַוואוסטזיין, אויפגעוועקט ווערען אייך דורך אַנדערע אורזאַכען, וואָס קומען צו פון דרויסען, און ניט בלויז פון דער טיף פון דעם אינערליכען דראַנג. דאַן דאַרף באַשאַפען ווערען א שיינבאַרקייט פון אַן אינסטינקטיווער איבערלעבונג אפילו ווען מיר פאַרבלייבען פולשטענדיג פאַסיוו. און די אומבאַוועגליכקייט וועט טאַקע זיין דער נויטווענדיגער באַדינג דערפאַר, אז דער שפיל פון אַנשטרענגונגען און אַנטשיידונגען, וואָס ווערט אַרויסגערופען פון דרויסען, זאָל ניט באַגעגענען קיין שום שטערונגען, אז זי זאָל אין אונז פאַרקומען אזוי, ווי עס וויל דער קינסטלער. וואָרים יעדע זעלבשטענדיגע באַוועגונג פון דעם ווילען וועט איבערשניידען און פאַרפלאָנטערען אַט דעם שפיל. אויף אַזאַ אופן ווערט קלאָר, פאַרוואָס די קונסט ווענדט אַן די מיטלען וואָס דאַרפען ווירקען אלס א באַרוהיגונג אויף דעם אייגענעם ווילען פון דעם צושויער און באַזייטיגען די ווילענס־אינטערעסען פון דער קאָנטעמפלאַציע.

די היפאָטעזע ,אַלזאָ, זאָגט אַט וואָס: די קונסט שטרעבט אַרויסצורופען אין אונז די שיינבאַרקייט פון א מעכטיגען וואוקס פון א דראַנג, כדי מיר זאָלען — זיך אַוועקטראָגענדיג מיט זיינע כוואַליעס — איבערלעבען די אילוזיע פון א קאַמף, סיי דעם קאַמף פון שאַפען, סיי דעם קאַמף פון דערגרייכען א געוויסען ציל. ניט כדי זיך צו באַפרייען פון די יסורים פון ווילען, נאָר פאַרקערט, כדי אַריבערגעטראָגען צו ווערען אין א נאָך שטאַרקערען ווילען; כדי זיך צו באַהעפטען אַן דער זעלינקייט פון שאַפען און קאַמף, דאַרפען מיר אליין בלייבען פאַסיוו און אַפגעבען זיך דער ניט־פאַראינטערעסירטער קאָנטעמפלאַציע.

דער פאָסטולאַט, וואָס פאַריאָגט די אילוזיע פון רעאַלקייט, דער פאָסטולאַט פון ניט־פאַראינטערעסירטער קאָנטעמפלאַציע גיט אַן אַנ־

ד ע ם מ י ט א י ם פ אַ ר ב ו נ ד ע נ ע ם א י נ ט ע ר ע ס. הייסט עס, אז עס האנדעלט זיך אום דעם, אז צו דער איבערלעבונג פון דעם עסטעטישען אביעקט זאל ניט צוגעמישט ווערען די ווירקליכע באוועגונג פון דעם ווילען — און ניט בלויז דערפאר, וואס דאס יואלט פארעננט דאס געגעסענע פעלד פונ׳ם באוואוסטזיין. ה י י ס ט ע ס, ד ע ר ע ס ט ע ט י ש ע ר אַ ב י ע ק ט ק אָ ן נ י ט ג ע ה ן צ ו ז אַ מ ע ן מ י ט ד ע ר ו ו י ר ק ל י כ ע ר ב אַ־ ו ו ע ג ו נ ג פ ו ן ד ע ם ו ו י ל ע ן.

און דא אנטשטעהט פון זיך אליין די דריטע היפאטעזע. מיר דארפען אינדער׳אמת׳ען בלויז א טראכט טאָן וועגען דעם, אז די וויל־קירליכע באוועגונגען וועלען באזונדערם שטערען אין אלע יענע פאלען, וואו צו באהערשען די באוועגונג, צו פיהרען — געהט אריין אין דער אבזיכט פון דעם שאפער. ווען מען וויל עפעס דערפיהרען צו אַ גע־וויסען ציל, דארף דער „עפעס" פארבלייבען רוהיג, זיך פאסיוו אפגע־בען די אנפירענדער האנט. אויף דעם ווינקט אפשר אָן דער פאר־באַט, וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף די ווילענס־אינטערעסען: מיין ווילען דארף זיין שטיל, כדי א פרעמדענס ווילען זאל אויף מיר פאר־ווירקליכט ווערען. אין אזא פאל וועט די עסטעטישע איבערלעבונג באדייטען די לייטונג פון דעם ווילען, די פאסיווע באוועגונג פון מיין ווילען צו א געוויסען ציל, אפשר אויך די דערגרייכונג פון דעם ציל— אבער אהן מיין אייגענער אקטיווקייט. דאס וועט זיין א פאסיווער אויסדרוק פון דעם דראנג. געוויס אין קורץ־געפאסטע ווערטער קלינגט דאס פאראדאקסאל, און אין דעם בוכשטעבליכען זינען איז עס א ווידערשפרוך. דאס אויסדריקען זיך פון דעם דראנג איז דאך אידענטיש מיט אקטיווקייט און די דעפיניציע „פאסיוו" קאָן דערצו ניט אנגעווענדט ווערען. גענויער וועלען מיר אונזער היפאטעזע פאר־מולירען אויף אזא אופן: דאַ האנדעלט זיך עס אום דעם, אז יענע פארשידענארטיגע איבערלעבונגען פון אנגעשטרענגטקייט און אויס־לאָדונג, וואס אנטשטעהען געוועהנליך אין דעם אויפגעוואכטען דראנג, און אין וועלכע מיר דערקענען אונזער אייגענע אקטיווקייט: די ערש־טע, לייכטע רעגונג פון פארלאנג, דער אנגעשטרענגטער דראנג צום

פון דעם דראנג, בלויז די הינדערניש אויפ'ן וועג צו זיין פארווירקליכונג, איז א נעגאַטיווער ווערט.

די צווייטע השערה באַשטעהט אין פאָלגענדעו: די זעלבשטענדיגע באַוועגונג פון דעם ווילען וואָלט געקאָנט שטערען דעם אַקט פון עסטעטישער אויפפאסונג. אפשר דאַרפען מיר בלייבען פּאַסיוו, כדי מיר זאָלען זיך קאָנען רוהיג אָפּגעבען צום איינפלוס פון דעם ווערק. מיר דאַרפען זיין אומבאַוועגליך, ווי דאָס געפעס, וואָס דערהאלט געשאַנקען. עס פארשטעהט זיך, אז אָט דער עלעמענט שפּילט זיין ראָלע. דער עסטעטישער אביעקט פּאָדערט א גענויע אויפנעמונג פון אַלע זינליכע דאַטען. מיר דאַרפען מיט מער אויפמערקזאַמקייט באָאבאַכטען, ווי ביי דער עמפּירישער אויפפאסונג. ביי דער פּראַקטישער ענגשאפט פון אונזער באַוואוסטזיין איז עס געוויס באַקוועמער, ווען אונזער אויפמערקזאמקייט ווערט ניט אָפּגעצויגען דורך די ווירקליכע באַוועגונגען פון דעם ווילען, ווען דאָס פעלד פון באַוואוסטזיין בלייבט אינגאנצען פריי פאר דעם עסטעטישען אָביעקט. מען דאַרף דעריבער דעם דאָזיגען מאָמענט אומבאַדינגט נעמען אין אָנבאַטראַכט. דאָך קאָן ער פּאָרט ניט זיין דער וויכטיגסטער גרונד פאר אונזער פּאַרבאָט. ווען איך קוק אויף אַ בילד, פּיל איך דאָך אָפּט דעם פאַרלאַנג צו באַזיצען עס; אָפטמאָל פּיל איך אַ שטאַרקען, פאָדערענדיגען דראַנג, וואָס ווירקט, פאַרשטעהט זיך, ווי א שטערונג, מחמת ער מאַכט ענגער דאָס פעלד פון באַוואוסטזיין. דאָך שיינט אָט די שטערונג צו זיין גאַנץ אומבאַדייטענד. דעריבער איז עס ניט אַלץ איינס צו דער אויפגעוואַכטער פאַרלאַנג איז געווענדט צום ווערק אַלס אַזוינעם, ד. ה., ווען איך וויל אים קריגען, אָדער מיין אינטערעס איז פאַרבונדען מיט דעם פאָרגעשטעלטען געגענשטאַנד — כאָטש פאר דעם פעלד פון'ם באַוואוסטזיין איז צווישען ביידע פאַלען ניטאָ קיין שום חלוק. דער פאַרבאָט באַציט זיך בלויז אויף דעם ווילענס־אינטערעס, וואָס איז אַרויסגערופען דורך דעם פאָרגעשטעלטען געגענשטאַנד, וועלכער באַטייליגט זיך אין דער באַשאַפונג פון דעם עסטעטישען אָביעקט, און וואָס וואָלט אין דעם לעצטען צוזאַמען מיט זיך גופא געקאָנט אַריינציהען אויך

געוועקט געווארען. אבער אין אנגעזיכט פון קונסט דארף דער ווילען שווייגען. איך דארף זיך איננאנצען פאסיוו אפגעבען דער קאנטעמפּלאציע. אויף אזא אופן האבען מיר געפונען די שטערעניש, קעגען וועלכער עס קעמפט די קונסט: די ערוואכונג פון דעם ווילען אין דעם צושויער. ניט צוצולאזען אים — דאס איז די אויפגאבע פון די מאמענטען, וואס צעשטערען די אילוזיע.

אבער פארוואס ווערט די קאנטעמפּלאציע געשטערט דורך דעם אייגענעם ווילען? פארוואס דארף דער ווילען שווייגען? עס קאנען זיין דריי השערות. אפשר איז די רוה — א זעלבסטציל; דאן ליגט די באדייטונג פון דער קונסט טאקע אין דעם ברענגען דעם ווילען צום שווייגען, צו זיין באפרייאונג פון זיך אליין. די דאזיגע היפּאטעזע קאן אננעמען בלויז א ראדיקאלער פעסימיסט, וואס זעהט די שלעכטס־קייט פון דעם ווילען אן און פאר זיך, און שטרענג גערעדט, גיט די דאזיגע היפּאטעזע ניט צו קיין שום פּאזיטיוועז ווערט. דער שפּיל מיט א צווייפאכער פארניינונג פירט ביי דעם פעסימיסט ניט צו קיין שום באיאהונג. פארגעניגען און ליידען זענען ניט קיין דיאמעטראליש גע־גענזעצליכע באגריפען. אויב יעדע לינדערונג פון ליידען וואלט מיט זיך פארגעשטעלט א פּאזיטיוועז ווערט, וואלט מען געמוזט אננעמען, אז אין דעם יסוד פון אלץ אין דער וועלט איז פאראן אן אומאויס־שעפּליכער קוואל פון פארגעניגען, וואס פילט גלייך אויס יעדע פוסט־קייט. חוץ דעם דאכט זיך מיר, אז דער וואלונטארוסטישער פעסי־מיזם איז אינערליך ניט־אויסגעהאלטען. דער דראנג אלס ווארצעל פון אלע ווערטען, וואס זענען באדייטזאם פאר דעם סוביעקט, קאן אן און פאר זיך ניט אונטערגעווארפען ווערען ניט צו קיין פּאזיטיווער און ניט צו קיין נעגאטיווער אפשאצונג. בלויז די באפרידיגונג און די איינצאמונג פון דעם אינסטינקט באשאפען עפּעס ווערטפולעס און ניט־ווערטפולעס. אבער דער פארלאנג קאן אלס אזוינער ניט זיין פיינד־ליך צו דעם ווערט. אדרבא, דער פארלאנג איז דער באזיס פון אלע ווערטען, מחמת קיין שום ווערט איז ניט דענקבאר אהן אן אינסטינק־טיווען פארלאנג. בלויז די שטערונג פאר דעם אויסשפּרייטען זיך

מיטלען, מיט וועלכע די קונסט אפערירט, קאן מען זעהר לייכט ארויס־
רופען אילוזיעס — דאס באווייזען די וואקס־פיגורען און די פאנאראמע
דאס פעלען פון דער אילוזיע איז אויך ניט קיין צופעליגע פאלגע פון
וועלכע עס איז אנדערע אויסרעכענונגען; ניין, די קונסט זאגט זיך
באוואוסטזיניג אפ פון דער אילוזיע. און דאס ניט אזוי, ווי מען
מיידט אויס עפעס איבעריגעס, ווייל די קונסט זשאלעוועט איהרע
כחות; די אילוזיע ווערט אויסגעמידען, ווייל זי שטערט. דאס
באווייזען געוויסע פאקטארען, וועלכע ווערען אריינגעפירט מיט דעם
ציל צו באזייטיגען די אילוזיע, נעמליך אלץ, וואס דינט צו איזאלירען
דאס קונסט־ווערק, ד. ה. אפצושיידען עס פון זיין רעאלער אומגעבונג.
אין דער פלאסטיק, וואו די אילוזיע צווינגט זיך פון זיך אליין ארויף,
איז עס דער פעדעסטאל, די ווייסע קאליר, אדער די אומרעאלע באפאר־
בונג פון דעם מאטעריאל; אין דער פאעזיע — די געשמידטע שפראך:
אין דער דראמע — די ראם פון דער סצענע גופא, וואס צעשטער־ט די
אילוזיע. א סטאטוע, וואס איז אזוי אויסגעשטעלט און באפארבט,
אז מען קאן זי אננעמען פאר דער ווירקליכקייט, פארלירט איר עסטעט־
טישע ווירקונג. די מעגליכקייט פון דעם עסטעטישען ווערט — די
„אביעקטיוויקייט“ — ווענדט זיך דעריבער אן דער אויסמיידונג פון
דער אילוזיע. אבער פארוואס? זוכענדיג דעם נעהנסטען גרונד דער־
פאר האט מען אייסגעפונען אזא פארמולע: די קונסט פאדערט א
ניט־פראינטערעסירטע קאנטעמפלאציע. אין דער צייט פון דער עס־
טעטישער איבערלעגונג דארף דעם סוביעקטס ווילען שווייגען. עס
דארף ניט אנטשטעהן קיין וואונש, קיין דראנג, קיין ליבע, קיין האס,
עס דארף ניט זיין קיין שרעק און קיין האפנונג. אט איז אויפגע־
מאלט אויבס; איך — דארף ניט טראכטען וועגען דער זיסקייט פון
דעם טעם, איך דארף עס ניט וועלען אויפעסען. אט זענען בלומען:
איך דארף ניט וועלען אפרייסען זיי צו באשעהנגען מיט זיי מיין צי־
מער. אט איז א געפעכט: איך דארף ניט וועלען אריינמישען זיך,
פונאנדערנעמען די פעכטערס, העלפען. אויב מיר וואלטען אנגענומען
די קונסט אלס ווירקליכקייט — מעג אפילו דערביי קיין שום האנד־
לונג ניט נאכפאלגען — וואלטען ווילען און דער וואונש פארט אויפ־

פון די לעבענס־ווערטען; און דריטענס: די קלאסישע שעהנקייט, וואס איז דורכאויס א העטעראנאמישער ווערט. מיר וואלטען זיך געפונען אין דער קלעם פון אלע פאראורטיילען, וואס זיינען דערמיט פארבונדען, אויב עס וואלט אונז איינגעפאלען צו פארטרויען זיך די אנווייזונגען פון אט דעם טערמין. דער באגריף פון פארמאלער שעהנקייט וואלט אונז צוריקגעבראכט צום עסטעטישען הערעזיזם; דער באגריף פון געגענשטאנדליכער שעהנקייט וואלט אונז אנגעהאנגען דעם בליק, אז די קונסט איז א צווייגעל פון די לעבענס־ווערטען; און דער באגריף פון קלאסישער שעהנקייט וואלט געשטעלט אין סכנה דעם באגריף פון אויטאנאמיע. מיר ווילען דעריבער בעסער רעדען — אביסעל צו בארעדעוודיג — וועגען „עסטעטישע ווערטען", אנשטאט וועגען „שעהנקייט". די קלארקייט און איינדייטיגקייט פון אן אויסדרוק איז דאך וויכטיגער ווי די קורצקייט און געשלאסענקייט פון דער שפראך.

---

די פראגע וועגען דעם זין און באדייטונג פון די עסטעטישע ווערטען קאנען מיר אוועקשטעלען אויך אין אזא פארם: וואס זיינען די ענדצילען פון דעם קינסטלערישען שאפען? דא עפענט זיך א וועג, וואס ערלויבט ווייניגסטענס זיך צו דערנעהענטערען צו דער לייזונג פון דער אויפגאבע, כאטש ניט אינגאנצען צו דערגרייכען זי. ווען אונז וועט נעמליך געלינגען אויפצוכאפען, ווי די קונסט קעמפט מיט דעם אריינדרינגען פון פרעמדע עלעמענטען אין איר, און מיט וואסערע עלעמענטען זי ראנגעלט זיך, וועלען מיר אפשר זיך אנשטויסען אויף דעם ענטפער, וואס אייגענטליך עס האט פאר איר די הויפט־באדייטונג.

אויב דאס קונסט־ווערק אנטהאלט אין זיך עפעס געגענשטאנדליכעס דאן פארלירט אט דאס געגענשטאנדליכע, ווי פילע האבען שוין באמערקט, דעם כאראקטער פון רעאליטעט. די קונסט וויל ניט ארויס־רופען קיין איינדרוק פון רעאליטעט, זי וויל בלויז א „שיינבארקייט" פון דעם ווירקליכען, ווי עס איז אנגענומען זיך אויסצודריקען. דאס נעמט זיך ניט פון דער אומפעהיגקייט פון דער קונסט. אז מיט די

קינסטלער וואָס רעוואָלטירען קעגען אַט רער פליכט און זיי שטעלען זיך „אויף יענער זייט פון שעהנקייט און העסליכקייט“. דאָ האָט מען אין זינען אַ דריטען באַגריף פונ'ם ווערט. און זיי קריגען שטענדיג די שטיצע פון די טעאָרעטיקער, וואָס באַווייזען אויף ביישפילען די נישטיגקייט פון שעהנקייט און העסליכקייט. אַט דער באַגריף גרעניצט זיך אפשר לויט'ן אינהאלט מיט דעם שוין אָנגעוויזענעם, אָבער ער איז פון אַ גאַנץ אַנדערער אָפּשטאַמונג. עס רעדט זיך וועגען דעם „קלאַסישען“ טיפּ פון שעהנקייט. דאָס איז אַן איבערגענומענע פאָרם, איבערגענומען פון דאָרט, וואו די געגעבענע עפּאָכע זוכט אירע קלאַסישע מוסטערען. באַשטימטע אייגענשאַפטען פון דעם געגענשטאַנדליכען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די קלאַסיקער, ווערען באַטראַכט אַלס דאָס געזעץ פון שעהנקייט, ווי, למשל, דער פּראָפיל־טיפּ פון דעם שפּעטערען רענעסאַנס, אָדער די קערפּער־ליניעס פון דער גריכישער פּלאַסטיק פון דעם מיטעלען פּעריאָד. אַ געוויסע אויסערליכע קאָאָרדינירונג מיט די געגענשטאַנדליכע שטריכען פון דער קלאַסישער קונסט ווערט די נאָרמע פון שעהנקייט. דער דאָזיגער געזעץ, ווי עס איז ניט שווער צו פאַרשטעהן, איז פולשטענדיג העטעראָנאָמיש. ער שטעהט דעריבער ניט אין קיין שום אינערליכען צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויטאָנאָמישען עסטעטישען ווערט, און קאָן פונקט אַזוי וועניג העלפען באַנעמען דעם עכטעטישען ווערט, ווי די אויבען־דערמאַנטע באַגריפען פון שעהנקייט. און די קינסטלער רעבעלירען מיט פולען רעכט קעגען אים. זיי מאַכען בלויז דעם טעות, וואָס זיי מיינען, אַז קלוגע מענשען קאָנען גאָר שטעלען זיי אַזוינע פאָדערונגען.

מער זעהען אויף אַזאַ אופן, אַז איבער דעם וואָרט „שעהנקייט“ איז אָנגעוואַקסען אַ מאַסע פרעמדע באַדייטונגען, און אַז דאָס, וואָס ווערט געוועהנליך באַצייכענט אַלס שעהנקייט אין לעבען, ווי אויך אין ביכער וועגען קונסט, האָט מיט די עסטעטישע ווערטען קיין שום אָדער זעהר וועניג שייכות — אַזוי וועניג, אַז זי קאָן אפילו ווערען פיינדליך דעם עסטעטישען. מיר האָבען פאַר זיך ערשטענס: די פאָרמאַלע שעהנקייט, דאָס הייסט דאָס זינליך־אָנגענעמע, דעם רייץ פון די פאָרמען; צווייטענס, די געגענשטאַנדליכע שעהנקייט, אַ צווייג

ווארט „שעהנקייט“. און וואס האט אהן קארעגירונג געמאכט א וואול־גארען ווארט־געברויך פאר דעם פונדאמענט פון וויסענשאפט. צווישען דעם לעבענס־אינסטינקט און דער קונסט איז ניטא קיין קייט פון קאנטינואיטעט. דער עסטעטישער ווערט און די געגענשטאנדליכע שעהנקייט זיינען ניט אידענטיש.

דאס מיינט נאך ניט, פארשטעהט זיך, אז די געגענשטאנדליכע שעהנקייט דארף פארטריבען ווערען פון דעם קונסט־ווערק. זי איז אבער ניט דער עסטעטישער ווערט און דער לעצטער ווערט דורך איר ניט באַ־דינגט. א ווערק, וואו זי דאמינירט, קאן זיין אומערטרעגליך מיאוס, א ווערק, וואו זי פעלט, קאן פירען צו די העכסטע גרעניצען פון פול־קאמענהייט. דארט, וואו מען לאזט זי צו, קאן זי זיך אויסדריקען אויף א צוויפאכען אופן. קודם כל אין דעם אינהאלט, צוזאמען מיט די רעאלע מאמענטען פון די לעבענס־אינטערעסען; זי ווירקט דאן, הייסט עס, ווי יעדער אנדער מין פון די געגענשטאנדליכע איינדרוקען. צווייטענס: אלס דער אינערליכער רייץ פון דער פארם ציט זי צו דעם בליק און שמידט אים צו זיך; אויף אזא אופן העלפט זי דאס ווערק אויפצופאסען. אבער עס פארשטעהט זיך, אז פילע קינסטלער זאגען זיך נערן אפ פון אזוינע צוציהונגען, כדי ניט אוועקגעשטעלט צו ווערען אויף איין ברעט מיט די אינהאלטלאזע, זיסינקע מאלערס. פון דער אנדער זייט פאדערט דער געבילדעטער עולם די געגענשטאנד־ליכע שעהנקייט, באזונדערס פון דעם נאבעלען טיפ. און אט די פאדע־רונג ווערט א פארבלענדענדער פאראורטייל ביי א פאלק, וואס איז באשאנקען מיט דער וואקסענער עקשנות פון די יאפאנער.

---

מיר געפינען נאך איין, דריטען, באגריף פון שעהנקייט אין אן אומגעזעצליכער צענויפפלעכטונג מיט די עסטעטישע ווערטען, או: דערביי איז דאס אזא באגריף, וואס ווערט די קינסטלער געשטעלט אלס פליכט. ער ווערט דעריבער באזונדערס באמערקבאר ביי די זיך אפט ווידערהאלענדיגע פארזוכען פון אים פטור צו ווערען. פאראן

# בראָדער קריסטיאַנסען

פאַרדאַנקען בלויז דער טיפקייט און אויסדריקליכקייט פון די פאָרמען, וועלכע רעדען צו אונז מיט א שפּראַך, וואָס איז אימיטעלבאַר, ווי מוזיק. דאָס קלייד שאַפט רייכערע מעגליכקייטען פאַר דער פאָרם, ווי דער אַנטבלויזטער קערפּער. מען האָט זיך גע'חדוש'ט איבער דעם, וואָס די שעהנקייט, וואָס אין דעם גענענשטאַנד גופא, איז ניט גענוג פאַר דער ווערטפולקייט פון דעם פלאַסטישען ווערק. פאַרוואָס קאַן דער פאָרטרעט פון א שעהנער פרוי זיין אַן און פאַר זיך ניט שעהן? די אורזאַך איז לייכט צו געפינען: מיר פאַלען דאָ אַריין צוליב דער פאַרפירערישער אידענטישקייט פון די אויסדרוקען. די גענענשטאַנד־ליכע שעהנקייט און דער עסטעטישער ווערט זיינען באַגריפען, וואָס דעקען ניט איינער דעם אַנדערען, וואָס פאַלען אפילו טיילווייז ניט צענויף. די גענענשטאַנדליכע שעהנקייט איז, אויב איר ווילט, נאָך ווייניגער פאַרבונדען מיט קונסט ווי די שעהנקייט פון פאָרמען. דאָס איז איינגאַנצען אַן אויסער־עסטעטישער ווערט און מיר האָבען שוין אויבען געוויזען, אַז דאָס גענענשטאַנדליכע איז ניט אימשטאַנד אַרי־בערצוטראָגען זיינע אויסער־עסטעטישע ווערטען אויף א קונסט־ווערק, צוגעבען זיי אַן איינפלוס אויף דעם עסטעטישען ווערט. אונזער אַנאַליז פון דער מענשליכער שעהנקייט דעקט אויף דעם קערן פון אט דעם באַגריף. אחוץ דעם העדאָנישען בייגעשמאַק פון דעם זינליכען חן פון דער פאָרם שפּילען דאָ א וויכטיגע ראָלע די לעבענס־אינסטינק־טען. די געזונטע לעבענספעהיגקייט, די געשלעכטליכע אַנציהעוודיג־קייט אָדער די נאָבעלקייט פון די, וואָס זיינען אַרוים די זיגער אין דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ — אט די אַלע מאָטיווען וואַרצלען אין דעם ווילען צו לעבען. אויף אַזאַ אופן ערשיינט די גענענשטאַנד־ליכע שעהנקייט אַלס איינע פון די צווייגען פון די לעבענס־ווערטען. כדי דאָס צו באַווייזען, איז ניט נויטיג קיין ביאָלאָגישע ספּעקולאַציע אָדער דער דאַרוויניזם, וועלכער האָט אַריינגעטראָגען ניט קיין קליינע צומישעניש דורך דעם, וואָס ער האָט אַרויסגערופען פאַרזוכען פון אַן עוואָלוציאָנערישער ערקלערונג אויפ'ן עסטעטישען געביט. דאָס איז געווען א נאַרישע אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער צווייזייטיגקייט פון דעם

חוץ דעם איז יעדער פון אט די מאמענטען פארענדערליך אן און פאר זיך. אן אנגענעם אויסזעהען, למשל, ווערט נאטירליכערהייט פארשיידען אויפגעפאסט פון יעדער ראסע. דערמיט ערקלערט זיך, פאר וואס עס איז ניט מעגליך איין אלגעמיינער אידעאל פון מענשליכער שעהנקייט. יעדעם פאלק און יעדער דור באשאפט זיך אן אנדערען שעהנקייט־אידעאל. דערפון האט מען געוואלט גורם זיין די פארענדערליכקייט און די פארשיידענקייט פון די עסטעטישע ווערטען. דערצו האבען מיר ניט קיין שום רעכט. מחמת אט דער שעהנקייט אידעאל האט גארניט צו טאן מיט דעם עסטעטישען ווערט. פון אט דעם אידעאל ווענדט זיך פון זיין זייט דער גרונד־טיפ פון דער קליידונג, וואס דינט, ווייניגסטענס ביי דער פרוי, צו פארשטארקען און אונטערצושטרייכען די שענקייט. לויט דעם, וועלכער פון די שענקייט־פאקטארען עס טרעט ארויס אויפ'ן ערשטען פלאן, באקומט די קליידונג א וועזענטליך־אנדערען כאראקטער. די אונטערשטרייכונג פון נאבעלקייט דריקט זיך אויס אין א קאסטיום דורך זיין באשיינפערליכער ניט־צוגעפאסטקייט צו עקאנאמישער ארבייט, אדער אין דער רייכקייט פון דעם געוואנד, אלין איינס צי עס איז אמת'ע רייכקייט אדער נאכגעמאכטע. די אונטערשטרייכונג פון דעם סעקסועלען באשאפט יענע אנאמאליעס, וואס שטעלען ארויס מיט א קאריקאטורישער שארפקייט די געשלעכטליכע אונטערשיידען. און פארקערט: ווי נאר מען הויבט אן מער צו שעצען געזונטקייט און לעבענספעהיגקייט, באווייזען זיך „רעפארמען" פון קליידונג. אונזער דור איז אפילו אין זיין קליידונג ווייט פון איינהייט, און מיר זענען עדות פון א קאמישער קאנקורענץ צווישען אט די דריי גרונד־טיפען, וואס קיינער פון זיי שטעהט ניט אין קיין שום נויטווענדיגער פארבינדונג מיט דעם עסטעטישען ווערט.

אז די אנציהעוודיגקייט פון א שעהן פנים און די רייכקייט פון קליידונג זיינען ניט גענוג פאר דע״ באשפונג פון א ווערט אין א קונסטווערק האבען קלאר באוויזען יענע מאלערס און סקולפטארען, וואס האבען זיך א סך פארנומען מיט אט די זאכען. די גריכישע פלאסטיק האט, אמת, דערגרייכט איר פולקאמענהייט אין דער פארשטעלונג פון א נ ג ע ט ו ע נ ע פיגורען. אבער דאס האט זי צו

טאָן מיט דעם עסטעטישען ווערט. מיר האָבען זיך נאָר וואָס פאַרנומען מיט איינער פון אַזוינע זייטיגע באַדייטונגען, וועלכע טראָגט טיילווייז די שולד פאַר דער טעאָריע פון דעם עסטעטישען העדאָניזם. אַ „שעהנע פאָרם" איז, ווי מיר האָבען געזעהען, בלויז אַ מיטעל און נישט דער ענדציל, דורכאויס ניט דער באַשטימענדער מאָמענט פאַר דעם עסטעטישען ווערט, אָדער אפילו אידענטיש מיט אים. די שעהנקייט פון די פאָרמען דינט בלויז, כדי צו ווייזען אַ וועג דער אויפמערקזאַמקייט. מיט איר הילף ווערט בלויז פאַרלייכטערט די אויפפאַסונג פון דעם, וואָס די געגעבענע פאָרמען אַנטהאַלטען. די קונסט ווערט אַנטאַרט און פאַלט, ווי נאָר מען הויבט אָן צו גלויבען, אַז אין איר איז דער ענדציל.

חוץ דעם, איז דער אויסדרוק „שעהנקייט" פאַרבונדען אויך מיט דעם געגענשטאַנדליכען אין אַזאַ זין, וואָס פאַלט ניט צענויף מיט דער עסטעטישער אָפּשאַצונג. מיר רעדען, צום ביישפיעל, וועגען דער שעהנקייט פון אַ מענש. וואָס פאַרשטעהען מיר אונטער דעם? קודם כל דאָס זעלבע, וואָס אין דעם ערשטען פאַל, אַ געוויסע שעהנקייט פון פאָרמען: אַ רייץ פון די שטריכען, אַ ווייכקייט פון די פאַררונדעלטע ליניעס, צאַרטע פאַרב פון פנים, אַנגענעמע עלאַסטישקייט פון די באַוועגונגען. אָבער דערצו קומען אַנדערע באַשטימענדע מאָמענטען. דער וויכטיגסטער איז געוועהנליך פאָלגענדער: אין דער אויסערליכקייט פון דעם מענש לייכט דורך די קערפּערליכע און זעלישע געזונטקייט. אַ האַרב קאָן האָבען באַצויבערענדע קאָנטורען, ער בלייבט אָבער אַלץ אַ פאַרקריפּלונג. אָפט קומט נאָך צו אַ צווייטער מאָמענט: די געזעלשאַפטליכע אַנציהעוודיגקייט, דער עראָטישער רייץ. און דאָן אויך אַ דריטער: די אויסערליכע סמנים פון סאָציאַלען אַריסטאָקראַטיזם, אַלע יענע אייגענטימליכקייטען אין די קערפּערליכע פאָרמען, אין דער פיזיאָגנאָמיע און מימיק, מיט וועלכע דער הערשענדער קלאַס אונטערשיידט זיך פון די סאָציאַל־אונטערגעוואָרפענע.

פון אַט די דריי אָדער פיר מאָמענטען ווערט צענויפגעשטעלט דער באַגריף פון שעהנקייט. ער ענדערט זיך אומפאַרמיידליך לויט דעם, וואָס פאַר אַ מאָמענט עס ווערט שטאַרקער אונטערגעשטראָכען.

# קונסט

פאל ווערט די קונסט אומפארמיידליך פארפלאכט. אנשטאט צו באַ־דינען דעם אינהאלט, לייכטער צו מאכען זיין אויפפאסונג, טרעט די שעהנקייט פון די פארמען פיינדליך ארויס קעגען זייער אינהאלט. דאס איז א טיפיש פאלען פון דער קונסט. זי ווערט אנטארט צו דעקאראַ־טיוו קייט, וואס וואלט פון דעם שטאנדפונקט פון דער העדאניסטישער דאקטרין גראד געדארפט באדייטען דעם אפאגעי פון איר אנטוויקלונג.

---

מיר פארמאגען ניט קיין אויסדרוק, וואס זאל שטעהן פאר דעם עסטעטישען ווערט מיט דערזעלבער אומצווויידייטיקגייט, ווי, למשל, דאס ווארט „רעאליטעט" שטעהט פאר א געוויסען דערקענטעניש־ווערט. אם נאטירליכסטען באט זיך אז דאס ווארט „שעהנקייט". און ביז מיר קומען צו דער אויספארשנוג פון די עסטעטישע ווערטען איז אט דאס ווארט אומשעדליך. נאר וויבאלד מיר גרייטען זיך אויפצו־קלערען דעם זין פון די ווערטען, האבען מיר ניט קיין רעכט צו באנוצען אז אויסדרוק, וואס רופט אזוי לייכט ארוים מיספארשטענדענישען, און אויף וועלכען עס דריקט א גאנצע מאסע פאראורטיילען. מיר זיינען נאך גרייט שלום צו מאכען דערמיט, אז דאס ווארט „שעהנקייט" ווערט באנוצט ניט בלויז צו באצייכענען די עסטעטישע ווערטען בכלל, נאר אויך אין אן ענגען זין, פאר א באזונדער מין פון אט די ווערטען, ווען מען גרעניצט אפ דאס שעהנע פון דעם ערהאבענעם. וואלט עס נאר אזוי געווען! אבער פיל געפערליכער איז די פארבינדונג פון אט דעם אויסדרוק מיט אזוינע מאמענטען, וואס ווייזען זיך ארוים אלס זייטיג אין אומוויכטיג פאר דער עסטעטיק. ער קאן דאן דעם פארשער אראפשלאגען פון דעם דרך הישר. ווערטער זיינען שטארקער ווי גע־דאנקען. אין טעארעטישע טעות'ען קומען אפט ארוים פון דער פיל־באדייטיגקייט פון די באנוצטע אויסדרוקען. אבער אין דער אלטעג־ליכער שפראך וועגען אריבער גראד אט די זייטיגע באדייטונגען. דאס, וואס מען באצייכענט געוועהנליך אלס שעהנקייט, האט דירעקט גאר ניט צו

עמפינדונגען. אבער מיר געפינען ניט קיין שום נויטווענדיגע אנטשפּרעכונג צווישען זייער צאָל און דעם ווערט פון דעם ווערק. דאָס איז די אורזאך פאַרוואָס מיר באַצווייפלען די הערדאַניסטישע אויסטייטשונג פון די עסטעטישע ווערטען. צו דעם זעלבען קאָן אונז פירען נאָך אַן אנדער באַטראַכטונג. אין ערהאבענער קונסט באַגעגענען מיר אָפט דעם שטריך פון ערנסטקייט און שטרענגקייט, וואָס איז אַ קנאַפּער מחות מיט דער זוכעניש פון גענוס און מיט דער ערוואַרטונג פון אַנגענעמעס. עפּעס פּראָטעסטירט אין אונז קעגען דער באַציהונג גראָד צו די בעסטע קינסטלער אַלס צו די „מייסטערס פון פאַרגעניגען". צו וואָס וואָלט אין אַזאַ פאַל דער קינסטלער צו גרונד געגאַנגען, בלייבענדיג געטריי צו זיין קונסט אין אַרימקייט און אין נויט, דינענדיג איר ווי צו אַ שטרענגען גאָט, אויב די קונסט איז באַשאַפען צוליב גענוס און פאַר מענשען, וואָס ווילען האָבען גענוס? און וואָלטען מיר ניט מיט פריידפאַרטיידיגט די בעסטע שאַפונגען קעגען די איינגעגעסענע בעל־תאווה׳ם? פילען מיר דען ניט קלאָר, אַז די קינסטלערישע תאווה׳דיגקייט פאַראומרייניגט די קונסט און מאַכט זי נידעריג.

אבער אויב דאָס הערדאַנישע קאָן ניט זיין דער ענדציל פון דער קונסט און דאָך איז עס פאַראַן אין יעדען ווערק, דאַן קאָן מען עס בלויז פאַרשטעהען אַלס מיטעל צו אַן אונטערוואַרפענדען ציל. און עס איז ווירקליך ניט שווער זיך אין אַט דער הינזיכט פונאַנדערצוקלייבען וועגען די פונקציעס פון דעם הערדאַנישען עלעמענט. דער רייץ פון דער פאָרם רופט צו דער קאָנטעמפּלאַציע פון איר. די פאָרם, וואָס איז באַאַרבעט פון פאַרגעניגען, ציט און שמידט צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. די פאָרם קריגט די מעגליכקייט ארויסצואווייזען איר גאַנצען עמאָציאָנעלען אינהאַלט, בעת אַזוי וואָלט דער בליק לייכט אַראָפּגעגליטשט זיך פון איר, און ניט געגעבען קיין צייט זיך צוצוהערען צו דער שטים פון דער פאָרם. די שעהנקייט פון די פאָרמען קאָן אויף אַזאַ אופן לייכטער מאַכען דאָס באַנעמען דעם אינהאַלט. דעריבער קאָן מען זיך ניט באַגעהן אינגאַנצען אָהן דער זינליכער אַנציהעוודיגקייט. עס איז אבער שטענדיג דאָ די געפאַר די לעצטע צופיל צו אונטערשטרייכען און מאַכען פון דעם מיטעל אַ זעלבסטציל. אין אַזאַ

אייגענשאפטען, וואס רופט ארויס די עמפינדונג פון עלעגאנץ און אנגענעמקייט. דאס צווייטע — דאס איז דער אויסדרוק פון דער פארם, איר שפראך, איר ר י י כ ק י י ט פון עמאציאנעלע אייגענשאפטען. רעדענדיג וועגען דער פארמאלער באגאבטקייט, דארף מען אנווייזען, וועלכע פון די צוויי מען האט אין זינען, מחמת איינס איז ניט פארבונדען מיט'ן אנדערען. די איטאליענער האבען א טאלאנט צו דער שעהנקייט פון פארם, די דייטשען — צו איר טיפקייט און אויסדרוקספולקייט. די עמפינדליכקייט צו ביידע מאמענטען איז ניט אלע מאל גלייך: א מענש קאן שפירען די עלעגאנץ און דעם חן פון די פארמען ביי די איטאליענער, אבער אים קאן זיין ניט צוגענגליך די שפראך פון די פרימיטיווען אדער פון דעם יונגען דירער. אזוי ווי ביידע מאמענטען זיינען אומאפהענגיג איינער פון דעם אנדערען, קאן עס לייכט פאסירען, אז זייער ניט־ענליכקייט זאל אויסוואקסען צו א היפוך. זיי קעמפען דאך פאר דער אויבערהאנט ביים קינסטלער. א שטארק פארציהען פון איינעם איז אומגינסטיג פאר'ן צווייטען. יעדענפאלס איז א גלייכע פולקאמענהייט אין ביידע הינזיכטען זעלטען און שווער דערגרייכבאר. ווען דעם קינסטלערס געדאנק איז אינגאנצען געריכטעט אויף דער רייצענדער פארם, מוז זי ווערען אינהאלטלאז. דאס וועט זיין א ריין־דעקאראטיווע קונסט. צוליב אט דעם ווידערשפרוך, וואס אנטשטעהט אזוי לייכט צווישען דער שעהנקייט און דעם אינהאלט פון די פארמען, האבען פילע קינסטלער און ווייט ניט די ערגסטע — אזא ווידערווילען צו דער ערשטער. די רייכקייט, דאס אינהאלטליכע איז אנטשיידענדיג פאר דעם עסטעטישען ווערט. עס איז ניט וויכטיג די גרעסערע אדער קלענערע אנציהעוודיגקייט פון דער פארם, עס איז וויכטיג, אז די פארם זאל זיין טיף־אינהאלטליך און אין איר עמאציאנעלען כאראקטער — זיין צוגעפאסט צו דעם ווערק, אלס גאנצעם. גרויסע קינסטלער צייכענען זיך ניט אלע מאל אויס מיט א שענערער פארם, אבער זייערע ווערק זיינען דורכגעדרונגען מיט א טיפקייט און אן אינהאלטליכקייט פון די פארמען.

מיר געפינען, אלזא, ווירקליך די אנוועזענהייט פון אנגענעמע

# בראָדער קריסטיאַנסען

דער זינליכער מאמענט פון דעם פארגעניגען אין דעם קונסטווערק איז דאס, וואס מען באצייכענט געוועהנליך אלס „שעהנקייט פון פארמען“. אין א גרעסערען אדער קלענערען גראד איז זי דא אין איטליכען ווערק, אבער ניט איר גראד באשטימט די יערארכיע פון ווערטען. פאראן קינסטלער, וואס שעצען זי באזונדערס שטארק, אנדערע מיידען זי אויס. דערפון איז נאך ניט געדרונגען, אז די לעצטע זיינען נידריגער פון די ערשטע. מען קאן אין אט דער הינזיכט פארגלייכען צווישען זיך באזונדערע קינסטלער און גאנצע פעלקער, און געפינען אונטערשיידען אין דער באגאבטקייט, און אפשר אויך אין דער אינטענסיווקייט פון שטרעבען. די שעהנקייט פון פארמען איז כאראקטעריסטישער פאר דער ראמאנישער קונסט, איידער פאר דער דייטשער אדער נידערלאנדישער. און רעדענדיג וועגען דער פארמאלער באגאבטקייט, דענקען די מערסטע דערביי וועגען דער פעהיגקייט צו שאפען פארם־עלעגאנץ. אבער זי איז נאך דורכאויס נישט קיין באוויז פון קינסטלערישען טאלאנט, ווייל די שענקייט פון פארמען קאמבינירט זיך צו אפט מיט דער טריוויאלקייט פון זייער זין. דער פראטעסט אנטקעגען די פארמאליסטען איז אפט ניט קיין אנדערע זאך, ווי אן אנטלויפען און א מורא פאר דער פיסטער שעהנער פארם. פון דער נידעריגער אפשאצונג פון דער פארמאלער שעהנקייט געהט מען לייכט איבער צו דער איבערשאצונג פון דעם געגנשטאנדליכען אין דער קונסט, און מען באמערקט ניט די וויכטיגע באדייטונג פון דער פארם פאר דעם ווערט פון ווערק.

עס איז ניט מעגליך צו קומען צו קיין ריכטיגען פארשטעהען און איינשטימיגקייט אין דעם רייך פון עסטעטישע ערשיינונגען, אויב מען קאן ניט פונאנדערגרענעצען צוויי זאכען. ביידע האבען זיי צו טאן מיט דער פארם, אין ביידע פאלען ווענדען מיר זיך אפ פון דער געגענשטאנדליכער באדייטונג פון די פארמאלע אייגענשאפטען. דאס ערשטע — דאס איז דער זינליכער חן, דאס, וואס מען רופט אן שענקייט פון פארמען. אזא קאמבינאציע פון זינליכע

## ונסט

**איך געפין ניט קיין פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרהעלטעניש צווישען דער מאָס** געגנוס אין דעם עסטעטישען ווערט. דער, פאַר וועמען דעקאָראַטיוו־קייט איז ניט די קרוין פון קונסט, ווער עס שעצט העכער די אומגע־לומפּערטע און גראָבע שטריכען פון דעם יונגען דירער, איידער די גאַנצע זיס־קלינגעוודיגקייט פון ריינאָלדסען אָדער לאָרענסען, דער מוז מעסטען מיט אַן אַנדער מאָס. אויב די סומע פון פאַרגעניגען וואָלט געווען דער קריטעריום פון קונסט, וואָלטען גראָד די טיפסטע קינסטלער שלעכט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען, מחמת דוקא די, וואָס זייערע פאָרמען זיינען אינהאַלטסלאָז און באַנאַל, שטייגען אַריבער אַנדערע מיט דער זיסער האַרמאָנישקייט פון די באַזונדערע טיילען. בכלל וואָלט די קונסט שווער געקאָנט אויסהאַלטען די קאָנקורענץ פון געגנוס. וואָס גיט מער געגנוס: גרינעוואַלדס קרייציגונג, אָדער אַ גוטער מיטאָג מיט זעלטענע וויינען? מען וועט, אפשר, זאָגען — וועלענדיג זיך אַרויסדרעהען — אַז דער געגנוס פון אַ בילד איז „נאָבעלער“ פון דעם אַנדערען. נאָר אויב דאָס איז ניט קיין פּשוט׳ע פאַרשטאַרקונג פון דער אייגענשאַפט, וואָס ווערט צוגעשריבען אויך דעם וויין, אויב מען פאַרשטעהט אונטער דעם אַ העכערע אָפּשאַצונג פון פאַרגעניגען, גיבען אַט די ווערטער אַליין אַרויס, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַן אַנדער מאָסשטאַב, און אַז דאָס פאַרגעניגען איז ניט דער לעצטער ציל פון דער קונסט.

דער נישט גענינגענדער מאָס, וואָס שטיצט זיך אויף דער סומע פון פאַרגעניגען, וועט מען אפשר ברענגען צו הילף דעם פּאָסטולאַט פון אַלגעמיינער באַדייטזאַמקייט: דאָס עסטעטישע פאַרגעניגען איז „אַלגעמיין באַדייטזאַם“, דאָס שטעלט אים איבער דער אָביעקטיווקייט פון דעם געוועהנליכען פאַרגעניגען. אָבער דאָס וועט זיין אַ שלעכטע טובה. קיין אַלגעמיינע איינשטימיגקייט בנוגע צו עסטעטישע שאַצונגען באַמערקט זיך ניט אין דער אמת׳ען, און די פּאָסטולירטע אַלגעמיינע באַדייטזאַמקייט האָט ניט קיין שום זין ביי די הערדאָניסטישע שאַצונגען. באמת, וואָס פאַר אַ זין האָט צו זאָגען: דאָס און דאָס ווערק גיט טאַקע נישט די מערסטע מענשען קיין שום פאַרגעניגען, אָבער **עס וואָלט זיי געדאַרפט געבען?**

רעקטען אופן. דער צוטריי צו דער העדאניסטישער ערקלערונג פון די עסטעטישע ווערטען מוז שטארק באפעסטיגט ווערען. ווען מענישען זעהען, ווי די פסיכאלאגיע נעמט אן אהן ווייטערע באַווייזען אט די טעאריע, אלס דעם פונדאמענט, אויף וועלכען זי בויט די געביידע פון דער „עסטעטיק פון אונטען“. אפילו דער עקספערימענט, וואס אימפאנירט אם מערכטען אין דער וויסענשאפט געפינט דא אנוועגדונגס־פונקטען. די „עקספערימענטאלע עסטעטיק“ ארבייט אין דעם גייסט פון דער העדאניסטישער טעאריע און רופט ארויס די האפנונג, אז אין גיכען וועלען מיר באהערשען די געזעצען פון שעהנקייט אויף דעם זעלבען אופן, ווי די געזעצען פון דער עמפירישער נאטור. מיט גדלות׳דיגער באשיידענקייט באגרענעצט מען זיך נאך דערווייל מיט די סאמע עלעמענטארע פראצעסען. מען פארשט, למשל, אוים די אנגענעמע און אומאנגענעמע פאלגען פון די איינדרוקען פון איינפאכע פיגורען, מען שרייבט און מען עקספערימענטירט פאר און געגען דעם גאלדענעם שניט, אין דער האפנונג, מסתמא, אז ווען עס איז וועט מען, ארויסגעהענדיג פון אט די עלעמענטען, דערנעהענטערען זיך צום פארשטעהן פון פידיוס׳ען, דאנאטעלא׳ן, רעמבראנדט׳ען. אדער אפשר האפען זיי נישט דערויף? אבער זיי מיזען דאך האפען, אניט וואלט דאך אט די גאנצע עקספערימענטירענדע קונסט געווען א זעלבסט־אפנארונג, נאך אן אומנויטיגע „וויסענשאפט פון דעם, וואס איז נישט ווערט צו וויסען“.

ווייטער וואלט די גענוס־טעאריע אויסער יעדען צווייפעל געקאנט אנווייזען אויף דעם פאקט, וואס עס איז נישטא קיין איין קונסט־ווערק, אין וועלכען עס זאל פעלען דער העדאניסטישער מאמענט. נישטא קיין איין קינסטלער און קיין איין קונסט־צווייג, וואס זאל זיך אינגאנצען אפזאגען פון עלעגאנץ. אבער גראד אויף אט דעם פונקט דארף דער צווייפעל ריכטען זיינע קלעפ, מחמת דא פאררופט מען זיך אויף פאקטען. איך אנערקען אהן ווייטערדיגע רייד, אז יעדעס קונסט־ווערק אנטהאלט העדאניסטישע מאמענטען, אבער איך באהויפט: ניט אין זיי איז דער ענדגילטיגער ציל פון דער קונסט. און די סומע פון פארגעניגען איז ניט דער קריטעריום פון ווערט.

ווען מען האט א סוף געמאכט צו דער לערע וועגן די קרעפטען, זיינען דאס דריי מינים אינערליכע איבערלעבונגען. אזוי צי אזוי, אבער אויך איצט, ווי פריער, נעמט מען אן, אז אין יעדערער פון אט די קרעפטען אדער פון די איבערלעבונגס־מינים, איז פארבארגען די מעגליכקייט פון א באזונדערען ווערט, אז אין יעדערען פון זיי דארף זיך געפינען א באזונדערער שפּיז, א באזונדערע פולקאמענהייט. אזוי אנטפּלעקט זיך די דרייפאכע אויסשטראלונג פון אמת, גוטס און שענקייט: פול־קאמענהייט אין דענקען, פולקאמענהייט אין ווילען, פולקאמענהייט אין געפיל. און די קונסט, אלזא, הענגט אפּ פון דעם געפיל, ד. ה. פון פארגעניגען און ליידען.

ווייטער וואלט מען זיך, מסתמא, פאררופען דערויף, וואס עס זאגט די מאדערנע פּסיכאלאגיע וועגן דעם עמאציאנעלען טאן פון די זינליכע עמפינדונגען. זי איז געקומען צו דעם געדאנק, אז די זינליכע אויפרעגונגען זיינען ניט בלויז קוואליטאטיוו פארשיידען, נאר אונטערשיידען זיך איינס פון אנדערען אויך דערמיט, וואס ניט אלע זיינען אין גלייכער מאס באפארבט מיט דעם געפיל פון פארגעניגען אדער ליידען; מאנכע אין א גרעסערער, מאנכע — אין א קלענערער. נו, און די וויכטיגקייט פון דער זינליכער אויפפאסונג פאר דער עסטעטישער קאנטעמפּלאציע איז דאך אומבאשטרייטבאר. מיר באטראכטען און מיר הערען, זיך פולשטענדיג אפּגעבענדיג דער ראיה און דעם געהער — איז עס נישט דערפאר, וואס זיי זיינען באפארבט מיט דעם געפיל פון פארגעניגען? זויגען מיר דען ניט ארוים מיט דער ראיה און מיט דעם געהער די עמאציאנעלע טענער, ווי די בין דעם האניג פון די בלומען? דער עסטעטישער ווערט וואלט רעדוצירט געווארען צו דער סומע פון יענע קליינע אנגענעמע שאטירונגען, וואס זיינען ווי טראפּפעלעך האניג פארבונדען מיט איטליכער עמפּינדונג. דער עסטעטישער גענוס וואלט באשטאנען אין דעם צונויפקלייבען אט די מאמענטען פון פארגעניגען אין דער קאנטעמפּליאציע. געבען פארגעניגען אין דער קאנטעמפּליאציע — דאס וועט אויך, אלזא, זיין דער ציל פון דער קונסט.

די פּסיכאלאגיע באשטעטיגט דאס נאך אויף אן אנדערען, אינדיר־

א רעכט אויף גענוס. די קינסט גיט א פיינערען גענוס און מען נעמט אן, אז זי מאכט ראפינירט און איידעל דעם, וואס געניסט זי. אזוי ווערט דער גענוס פון קונסט א פליכט. די פעדאגאגען רעדט מען איין דעם געדאנק וועגען דער נויטיגקייט אריינצופירען דאס קינד פון דער פריסטער יוגענד אין דער וועלט פון קונסט און אנטוויקלען אין אים דאס עסטעטישע געניסען פון דער נאטור. מען פאדערט, ווי עס לויטעט אט דער זעלטענער אויסדרוק: „אן ערציהונג, וואס זאל פירען דורך דער קונסט צו דעם גענוס פון דער נאטור“. אין אונטערשייד צו אנדערע פארגעניגענס באשענקען מיר דעם קונסט־גענוס מיט דעם עפיטעט „נאבעל“. איז דאס טאקע בלויז א באשעהנונג־עפיטעט? אדער אין אים דריקט זיך אויס אן אומקלאר שפירען פון אן אנדערער ווערטען־מאס, פון אזא, וואס ליגט אויף יענער זייט פון גענוס? אדער אפשר וויל מען מיט אים בארוהיגען דאס אומריינע געוויסען אין אנגעזיכט פון א ניט געבעטענער אכאציאציע פון ווערטער, וועלכע קומען אזוי לייכט אין קאפ ביי די געשפרעכען וועגען דעם גענוס פון קונסט; איז ניט גענוס א באנאליטעט?

דעם צווייפעל אין דער העדאניסטישער אויסטייטשונג פון די עסטעטישע ווערטען וועלען מענשען, נאטירליך, פארטרייבען מיט אן אנדער פראגע: איז דען אין דער וועלט פאראן אן אנדער ציל פאר דער קינסט אחוץ פרייד און גענוס, וויבאלד אויפקלערונג און עטישע פארפולקאמענונג איז ניט איר זאך? אז די קונסט באשאפט ניט קיינע עקאנאמישע ווערטען, ווי האנדווערק און פראדוקציע — וועגען דעם קאן דאך קיין צווייפעל ניט זיין. די קונסט בלייבט אין דער ספערע פון דעם אידעאלען — און קאן אימיצער אנרופען וועלכע עס איז אנדערע אידעאלע גיטער, אחוץ די פאלגענדע דריי: אויפקלערונג, מאראלישע פארפולקאמענונג און ראפינירטער גענוס?

מען וועט זיך אפשר אויך דערביי פאררופען אויף דער וויסענשאפט וועגען דעם זעלישען לעבען פון דעם מענשען. שוין פון א לאנגער צייט האט באקומען בירגער־רעכט די דרייגלידערדיגע צעטיילונג פון די פסיכישע ערשיינונגען: אויף אינטעלעקט, ווילען און געפיל. דאס זיינען געווען די דריי זעלישע קרעפטען; און איצט,

צו וואס דארפען מיר די קונסט? אויף אט דער פראגע גיט יעדע עפאכע א באזונדערען ענטפער. און עס דאכט זיך, אז אזא פראגע איז דער פראביר־שטיין פון דער עפאכע, און דער ענטפער אויף איר — א קאנפעסיע. זי איז נאך מער ווי פאר דער קונסט סימפטאמאטיש פאר דעם דור גופא, וואס אנטפלעקט אין זיין דעפיניציע פון קונסט זיך אליין אין זיינע אייגענע צילען. דערפאר טאקע קאן קיין שום דור ניט איינהאלטען זיך פון א שמייכעל פון סופעריאריטעט, ווען ער דערמאנט זיך אין די ענטפערס פון זיינע פארגעהער. אזוי שמייכלען מיר איבער דער בילדונגס־עפאכע, וואס איז אזוי פארכאפט געווארען פון איר חדר'שען פעדאנטיזם, אז זי האט נישט געקאנט געפינען קיין אנדערע זאך אין קונסט, ווי א מיטעל צו בילדען און מאראליש אויס־בעסערען די מענשען. דאס האט שוין אונז די דערפארונג זינט יענער צייט גענוג אויסגעלערענט, אז ניט דא געפינען זיך די עסטעטישע ווערטען. די דידאקטיק און די מאראל ווייזען זיך אונז אוים גיכער אלס א פארלייקענונג פון קונסט, אלס איר שטערונג. אבער ניט בלויז אויף אט דער נעגאטיווער איבערצייגונג באזירט אונזער סופעריארי־טעט. עס איז פאר אונז גאר גיט קיין מי צו גיבען אויך א פאזיטיווען ענטפער. און אין דער אנווייזונג פון די ענדגילטיגע צילען פון דער קונסט אנפלעקט אונזער דור, וואס איז צושפאלטען אין אלין, אזא מערק־ווירדיגע אייניגקייט, אז אין אט דער איינהייטליכקייט ליגט שוין דער באווייז פון אונזער גערעכטיגקייט. וואס זוכען מיר אין דער קונסט? אונזער דור ענטפערט: גענוס. דער עסטעטישער ווערט אנטפלעקט זיך אין דעם ג ע נ ו ס פ ו ן ק ו נ ס ט. דאס איז א גאנגבאר ווארט, וואס אונטער זיין צייכען ווערט היינט צו טאג אויסגעדריקט דער אנבאט און די נאכפראגע אויף קונסט. אויך אין די סאציאלע זוכענישען שטרעבען מיר צו „קונסט פאר אלע“, מחמת אלע האבען

III.

# דער עצם פון קונסט.

פאנג, ווען מיר האבען אנגעצייכענט די אלגעמיינע סכעמע פון לייזעןביידע גרונט־פראבלעמען פון דער עסטעטיק, האבען מיר באמערקט, ווי אומצוטיילבאר פארבונדען עס זיינען צווישען זיך אט די פראבלעמען — א דאנק דער פראגע וועגען די קאטעגאריעס. די דערקענטעניש פון דעם עצם פון דעם אביעקט קאן פארענדיגט ווערען בלויז צוזאמען מיט דער אויפקלערונג פון דעם זין פון דעם ווערט. ערשט אין דער ווייטערער אויספארשונג האבען מיר א רעכט צו ערווארטען א צופרידענשטעלענדע און פולע לייזונג פון דער פראבלעם פון דעם עסטעטישען אביעקט.

באַקומען פון זיי אַ נייעם זין. זיי ערשיינען, נעמליך, דאַ אַלס טאָן־איינהייטליכקייט, אַלס אַ ריכטונג צום אַלגעמיינעם ציל, דאַ אַלס שטע־רונג צו דעם זיך אַרויסגעוויזענעם שטרעבען, אַלס ווידערשטאַנד און געגענווירקונג. אַלס צווישענדיגע רינגען קאָנען זיי אַריינקומען צווישען די מאָמענטען פון אָנשטרענגונג און אָנטשיידונג און צוזאַמען מיט זיי בילדען אַ טעלעאָלאָגישע ריי. לאָמיר פּראָבירן אַט די פּאַקטישע מאָמענטען, כדי זיך אָנצושטויסען אויף עפּעס אַן איינפאַל פאַר דער לייזונג פון דער פראַגע וועגען די קאַטעגאָריעס — און מיר וועלען, גלויב איך, ניט זיין זעהר ווייט פון דעם, וועו מיר וועלען באַהויפּטען, אַז דאָס וויכטיגסטע אין דעם עסטעטישען אָביעקט איז די ט ע ל ע־א ל אָ ג י ש ע ס ט ר ו ק ט ו ר.

---

אונזער אויספאָרשונג איז צו ענד. מיר האָבען אָפּגעזוכט דעם עלעמענט, די קאָאָרדינאַציע־פאָרם און די קאַטעגאָריע פון דעם עסטע־טישען אָביעקט. פילען מיר אָבער אַ באַפרידיגונג? מען קאָן עס קיים זאָגען. עס פעלט עפּעס, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס וויכטיגסטע לאָמיר אַ טראַכט טאָן וועגען דעם, וואָס עס פעלט און עס מיר וועלען עס געפינען: אונז איז נאָך פרעמד דער באַגריף פון דעם עסטעטישען ווערט. מיר ווייסען די עלעמענטען, ווי אויך די סטרוקטור פון אַט די עלעמענטען. מיר פאַרשטעהען אָבער ניט איינס: ווי אַזוי קאָן אַט דאָס קאָמפּליצירטע גאַנצע זיין שעהן אָדער העסליך, זיין דער טרעגער פון אַן עסטעטישען ווערט? וואָס האָט דער סוקצעסיווער צונויפגוס פון די טעלעאָלאָגיש אָנגעשטרענגטע שטימונג־אימפּרעסיעס פאַר אַ געמיינזאַמעס מיט שעהנקייט? דאָס האָט זיך אונז קלאָר געדאַרפט ענטפּלעקען, אויב מיר זיינען באמת אַריינגעדרונגען אין דעם עצם פון דעם עסטעטישען אָביעקט.

יאָ, אַזוי איז דאָס. אָבער מיר זיינען דאָך גרייט געווען שלום צו מאַכען דערמיט, אַז אונזער אויספאָרשונג זאָל בלייבען אומפאָר־ענדיגט. וועגען דעם האָבען מיר טאַקע גערעדט. און שוין פון אָנ־

ליטאטיווע דיפערענצען וואקסען אויס צו א קאנטראסט. דערביי האט זיך אונז געווארפען אין די אויגען, אז די פארוואנדשאפט פון די איינדרוקען הענגט טיילווייז ניט אפ פון דער ענליכקייט אדער אומענליכקייט פון די זינליכע פאקטען, דורך וועלכע זיי ווערען ארויסגערופען. פארשיידענארטיגע זינליכע אייגענשאפטען קאנען ארויסרופען נאהענטע עמאציאנעלע אייגענשאפטען; און דער איינדרוק, וואס ווערט געשאפען דורך דעם געגענשטאנדליכען אינהאלט קאן זיין פארוואנדט מיט דעם איינדרוק פון מאטעריאל און פארם, ווי אויך פון די דיפערענציאלע אייגענשאפטען. אויף דעם באזירט דאך די מעגליכקייט פון קאמבינירען אזוי פיל העטעראגענישע פאקטארען אין יענער איינהייט. וואס עס שטעלט מיט זיך פאר דער עסטעטישער אביעקט.

צווייטענס האבען מיר געזעהן, אז די שטימונג־אימפרעסיעס פון דעם געגענשטאנדליכען פארמאגען א חוץ זייער אייגענער אינערליכער פארוואנדשאפט אויך אנדערע איבערגענומענע אופנים פון פארוואנדשאפט, אזוינע, וואס זיינען א רעזולטאט פון די גענויע פארשטעלונגען וועגען די רעאלע אביעקטען. די פארהעלטעניש פון די רעאלע אביעקטען איינער צום אנדערען שפיגעלט זיך אפ אויף די איבערגענומענע אנטיפאטיעס און סימפאטיעס פון די געגענשטאנדליכע איינדרוקען.

און דריטענס האבען מיר געפונען געוויסע דינאמישע פארהעלטנישען ביי די שטימונג־אימפרעסיעס; זיי קאנען זיך באציען איינע צום אנדערען, ווי אנגעשטרענגטקייט און אויסלאדונג, ווי ציל און דערגרייכונג. א דאנק דעם קאארדינירען זיי זיך אין טעלעאלאגישע איינהייטען; און מיר האבען געפונען, אז די קלענערע איינהייטען ווארפען זיך אונטער די ברייטערע, וואס שליסען איין די ערשטע און, שטייגענדיג אויף אלץ העכערע שטופען, באטייליגען זיי זיך אין דער באשאפונג פון דער טעלעאלאגישער סיסטעם.

מיר האבען ווייטער געפונען, אז אט די דריי מינים פארהעלטענישען בלייבען ניט אומאפהענגיג איינס פון דעם אנדערען, נאר אז די קוואליטאטיווע און איבערגענומענע ארטען פון פארוואנדשאפט און קאנטראסטען דינען די צילען פון טעלעאלאגישע קאמבינאציעס.

עלאַסטיש, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס דער זעלבער פּראָצעס אַנט־שטעהט אין ווידערהאָלט זיך כסדר איבעראַניים. אויך דאָ איז דאָס וויכטיגסטע — די אָרדנונג און די ריי־פאָלגונג, אין וועלכע עס גיסען זיך צענויף די עמאָציאָנעלע עלעמענטען. צוויי מאָמענטען באַגעגענען זיך כסדר ביי דער עסטעטיישער אויפפאַסונג פון ווערק: דעם אינ־טעגראַל פון די שוין באַקאַנטע עלעמענטען, וועלכע גיסען זיך צענויף אין אַ געוויסער איינהייט, און וועלכע לייזען זיך אויף אין איהם, און פון דער אַנדער זייט דעם דיפערענציאַל, וואָס אַנטשטעהט יעדע מינוט פון דאָס ניי, און וואָס גיסט זיך באַלד אַריין צענויף מיט אָט דעם אינ־טעגראַל און ענדערט איהם אָביסעל. עס פּאַסירט אויך, אַז די ווערק ווערען אונז צו באַקאַנט צוליב דער אַלטעגליכער נאָהענטקייט צו אונז: דאַן שפּרינגט דאָס באַוואוסטזיין אַריבער די ר י י פ אָ ל ג ו נ ג פון די עלעמענטען, דאָס ווערק ווערט דאַן לעבענסלאָז, פאַרלירט זיין חן. אַזוי פּאַסירט ניט בלויז מיט סטאַטועס, וועלכע מיר זעהען יעדען טאָג אַרום זיך, נאָר אויך מיט אַ מוזיקאַלישער פּיעסע, אויב מען הערט זי צו אָפט אין איינער און דער זעלבער אויספירונג. די דאָזיגע ערשיי־נונג באַשטעטיגט דעם בליק, אַז ניט בלויז די עמאָציאָנעלע עלעמענטען זיינען וויכטיג, אויך ניט בלויז זייער צונויפגוס, נאָר הויפּטזעכליך דער פּראָצעס פון זייער סוקצעסיווען צונויפוואַקסען.

די דריטע פראַגע איז וועגען די קאַטעגאָריעס פון דעם עסטעטישען אָביעקט. ענדגילטיג קען זי געלייזט ווערען בלויז דאַן, ווען מיר וועלען זיך פונאַנדערקלייבען אין דער באַדייטונג פון די עסטעטישע ווערטען. די קאַטעגאָריע, ווי מיר האָבען געזאָגט, גיט דאָך אָביעקטיוויקייט, ד. ה. די מעגליכקייט צו שאַצען. זי קען מען דעריבער פאַרשטעהען בלויז דאַן, ווען מען געהט אַרויס פון דער דערקענטעניש פון דעם זין, וואָס ליגט אין דעם ווערק. דאָ קענען מיר בלויז צונויפשטעלען פאַקטען מיט פאַקטען און זעהען, אויף וואָס זיי ווייזען אָן.

קודם כל האָבען מיר אין דער אומערשעפּליכער פילאַרטיגקייט פון די שטימונג־אימפּרעסיע באַגעגענט אַזוינע איינדרוקען, וואָס זיינען נאָהענט איינער צום אַנדערען אַ דאַנק זייער קוואַליטאַטיווער פאַר־וואַנדשאַפט; מיר האָבען אויך געפונען אַזוינע, ביי וועלכע די קוואַ־

רוים און צייט; און די קאטעגאריעס — די קוויזאַליטעט (אורזאכ־ליכקייט) און די סובסטאנציאַליטעט.

אט איז, אויף אַזאַ אופן, די ערשטע פראגע: וואס זיינען אזוינס די עלעמענטן, פון וועלכע עס ווערט געבויט דער עסטעטישער אביעקט? דאס זיינען די שטימונג־אימפרעסיעס. מאטעריאל, געגנשטאנד, און פארם גײען אריין אין דעם עסטעטישן אביעקט ניט דירעקט, נאר אין דער געשטאלט פון די עמאציאָנעלע עלעמענטן, וואס זיי ברענגען מיט זיך. צו די לעצטע קומען נאך צו די דיפערענציאַלע איינדרוקען פון אן אנדער מין. די עלעמענטן פון דעם עסטעטישן אביעקט זיינען, הייסט עס, ניט זינליך־אנשויליך. אמת, זיי זיינען אויך נים ראציאָנאַל־אבסטראקט, נאר זיי שטעלען מיט זיך פאר קאנקרעטע איבערלעבונגען מיט אן אינדיווידועל־באשטימטען אינהאלט. דאס זיינען אויך ניט קיין געפילען, מחמת זיי האבען גאר־ניט צו טאן מיט פארגעניגען און ליידען. זיי זיינען נעהענטער ווי אלץ צו זעלישע שטימונגען, אבער מיט דעם אונטערשייד, וואס די לעצטע פילען אומבאדינגט אוים דאס גאנצע וועזען פון דעם סוביעקט. דערפאר באצייכענען מיר אט די עלעמענטן פון דעם עסטעטישן אביעקט אלס שטימונג־אימפרעסיעס.

די צווייטע פראגע באציט זיך צו דער פארם פון דער קאארדינאציע צווישן אט די עלעמענטן. מיר האבען געפונען דעם וועזענטליכען כאראקטער פון דער פארבינדונג אין דעם ד י י פ א ל ג ע נ ־ ד ע ן צ ע נ ו י פ ג ו ס. דאס הייסט: די עלעמענטן געפינען זיך נים איינער לעבען דעם אנדערען, נאר דרינגען געגענזייטיג דורך איינער דעם אנדערען. דאס איז אבער נים קיין ס ט א ט י ש ע ר צושטאנד פון צענויפגעגאסענקייט, נאר א שטענדיג צ ע נ ו י פ־ו ו א ק ס ע ן. הייסט עס, אז די עסטעטישע איבערלעבונג איז א פראצעס, וואס האט אן אנהויב און א סוף. דאס זעלבע אין דער פלאסטישער קונסט. דא פארוואנדעלט די קראפט פון דעם טראפ די ארדנונג פון דער צוזאמענעקזיסטענץ אין א ריי־פאלגונג. און אויב ביי א דויערענדער קאנטעמפלאציע פון דעם פלאסטישען ווערק ווייזט זיך די עסטעטישע איבערלעבונג פון דעם אביעקט אוים אלס ווירקיליך

מחמת אויך די פֿאָרמען דאַרפֿען אויפֿגעפּאַסט ווערען: דאָס מאַכט פֿאַרשטענדליך זייער איבערשאַצינג כאָטש עס באַרעכטיגט זי נאַטיר־ליך נים.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אויך די פּלאַסטישע קונסט שטיצט זיך ניט אויף דעם בילדליכען איינדרוק פֿון די געגענשטאַנדען, נאַר אויף דער ניט־בילדליכער שטימונג־אימפּרעסיע, אַז דער פֿאַרגעשטעל־טער אינהאַלט געהט בלויז מיט אַט דעם ניט־בילדליכען עלעמענט אַריין אין דעם גאַנצען — אין דעם עסטעטישען אָביעקט. מען דאַרף ניט דענקען, אַז דורך דעם ווערט אָפּגעווישט די גרעניץ צווישען דער בילדליכער און דער ערצעהלערישער קונסט. דער אופֿן, ווי אַזוי עס ווערט געבוירען דער ניט־בילדליכער איינדרוק איז דאָך דאָ און דאָרט גאַניץ פֿאַרשיידען. מען וואָלט אויך לייכט געקאָנט אויפֿדעקען די אורזאַכען, פֿאַרוואָס די העכסטע קראַפֿט און בולטקייט פֿון איינדרוק ווערט אין דער פּלאַסטישער קונסט דערגרייכט אין דער פֿאַרשטעלונג פֿון דעם גלייכצייטיגען, און אין דער פּאָעזיע — אין דעם סוקצעסיווען. דאָס וויכטיגסטע אָבער איז די גאַניץ פֿאַרשיידענע שפּראַך פֿון פֿאָרמען ביי אַט די קונסטען. איינע קאָן ניט פֿאַרבייטען די צווייטע. אין דעם רייך פֿון דעם פֿאָרמאַלען ליגען די וויכטיגסטע גרעניץ־ליניעס, וואָס טיילען אָפּ איינע פֿון דער אַנדערער די פֿאַרשיידענע צווייגען פֿון קונסט.

---

האָבען מיר ביז׳ן סוף דערפֿירט אונזער אַנאַליז פֿון דעם עסטעטישען אָביעקט? מיר האָבען אָנגעצייכענט די אַלגעמיינע סכעמע פֿאַר דער לייזונג פֿון דער פּראָבלעם. מיר האָבען געזאָגט, אַז די אויס־פֿאָרשונג פֿון דעם שאַצונג־אָביעקט דאַרף געהן לויט דריי ריכטונגען: דורך די עלעמענטען פֿון דעם אָביעקט, דורך דער פֿאָרם פֿון דער קאָאָר־דינאַציע צווישען אַט די עלעמענטען, און דורך די קאַטעגאָריעס. אַלזאָ פֿאַר דעם עמפּירישען, רעאַלען אָביעקט — אָדער פֿאַר זיין סובסיטוט — זיינען די עלעמענטען — די זינליכע אָנשויאונגס־אייגענשאַפֿטען; די פֿאָרמען פֿון קאָאָרדינאַציע — דאָס דויערען אין

גריף. מען האט געגלויבט, אז דער אינהאלט איז אן אבסטראקטע אידעע, וואס קאן אויסגעדריקט ווערען אין באגריפען. בנוגע א קונסט־ווערק האט מען גענומען פרעגען וועגען זיין „אידעע" און מען האט געזוכט די לעצטע אנצוטאן אין א קורצער פארמולע. דער פראקטי־ישער אויספיר דערפון איז געווען א טויט־געבוירענע אידעאישע קונסט. האט מען ווידער צוריקגעוויזען אזא אויספיר, האט מען געהאלטען פאר נויטווענדיג זיך צוריקצוקערען צום סענסואליזם. שולדיג אין דעם איז געווען דער וואולגארער, חדרישער קוק אויפ׳ן כאראקטער פון דעם געגענזאץ: „אדער זינליכע אנשויאונג, אדער באגריף." וויבאלד מיר וועלען באצייכענען אלס אנשויאונג אלעס, וואס איז ניט קיין באגריף און באציט זיך ניט צום פארשטאנד — און טערמינאלאגיע איז א געשמאק־זאך — דאן איז דער עסטעטישער אביעקט, דער תוכן פון דעם קונסט־ווערק, פארשטעהט זיך, א זאך פון אנשויענדער נאטור. דערפון איז אבער נאך ניט געדרונגען, אז אט דער תוכן איז זינליך. מען דארף ביי זיך אפמאכען צו רעדען וועגען אן אויסער־זינליכער אנ־שויאונג, מחמת דער אינהאלט פון דעם ווערק ווערט צענויפגעשטעלט פון א קאמבינאציע פון עמאציאנעלע עלעמענטען, אין דערפאר איז ער לחלוטין ניט זינליך. אבער צו גלייכער צייט אויך ניט אבסטראקט־ראציאנאל לויט זיין נאטור. דער עסטעטישער אביעקט איז פולשטענ־דיג קאנקרעט. מען קאן אים ניט אריינדריקען אין איין פארמולע. ער פילט אויס דאס גאנצע ווערק, אדער גענויער, ער זעצט עס פאר־אויס און פאדערט א זינליכע אויפפאסונג פון דעם גאנצען. דאס וואס עס אנטהאלט א מוזיקאלישע פיעסע, כאפט ארום אלע נאטען פון דער ערשטער ביז דער לעצטער, קיין איינע קאן מען ניט באזייטיגען אהן א שאדען פאר דעם פארשטעהן, און דער דאזיגער תוכן קאן ניט איבער־געגעבען ווערען אנדערש, ווי נאר אין אט די קלאנגען. די ניט־זינליכע קאנקרעטקייט פון דעם עסטעטישען אביעקט הענגט אפ פון דער זינ־ליכער קאנקרעטקייט פון דעם קונסט־ווערק. די עסטעטישע אויפ־פאסונג קאן זיך ניט באגעהן אהן דער זינליכער אנשויאונג, און די ערשטע נויטיגט זיך אין דער צווייטער נאך אין א גרעסערער מאס, ווי ביי דער עמפירישער באקאנטשאפט מיט דעם רעאלען אביעקט,

אַלס מאָס פון פאַרגלייכען. עס קומט פאַר דאָס זעלבע, וואָס מיט די זעהבאַרע פאַרמען: עס קומען אום די פאַרבען, עס קומט אום דאָס געוואַנד און אַנדערע מאַטעריאַלען. אָבער די צייט גיט אויך. זי מאַכט ווייכער די פאַרבען און גיט זיי אַ טונקעלערען קאָלאָריט, ברענגט זי אַ גאָבעלען זשאַווער, מיט אויסגעקריישעלטע שטיינער און מאַך באַלעבט זי די געביידעס. פונקט אַזוי ברענגט זי אַמאָל אַן אומערוואַרטענע ריוח אויך אין דעם רייך פון די ניט־זינליכע פאַרמען. ווערענדיג פרעמד, באַקומט דאָס ווערק גאַנץ נייע דיפערענצען, און זייערע עמאַציאָנעלע אייגענשאַפטען גיסען זיך צענויף מיט דעם עסטעטישען אָביעקט, און דער לעצטער ווערט דורך דעם באַלעבט. דער עסטעטישער חן פון אַנטיקוואַרישע זאַכען קומט פון אַזוינע דיפערענצען, וואָס פאַר זיי איז אונזער צייט די מאָס פון פאַרגלייכונג. אַזוי נעמט די צייט צו די דיפערענציאַלע אייגענשאַפטען און מאַכט דאָס ווערק פאַר פאַרעלטערט, זי גיט אים אָבער נייע דיפערענציאַלע אייגענשאַפטען און מאַכט אים פאַר אַלטערטימליך.

---

מיר זעהען, אַלזאָ, אַז אומעטום זיינען מיר געווען געצוואונגען אריינצוטרעטען אין אַ שטרייט מיט דער דאָגמע, וואָס ערקלערט די זינליכע אַנשויאונג אַלס זעלבסטציל אין דער קונסט. צו שאַפען פאַרווילונג פאַר אונזערע געפילען איז ניט דער ענדגילטיגער ציל פון דער קינסטלערישער פאַרטראַכטונג. דאָס וויכטיגסטע אין דער מוזיק איז דאָס ניט געהערטע, אין דער פלאַסטישער קונסט — דאָס וואָס מען זעהט ניט, און וואָס מען טאַפט ניט אָן. דאָס זינליכע ווערט דער טרעגער פון דעם ניט־זינליכען. ניט קוקענדיג אויף דעם אַנגעוויזענעם פאַראורטייל האָבען מענשען אין אַלע עפּאָכען אומקלאָר געפילט דעם אמת. אין דער זינליכער אַנשויאונג האָבען זיי געשפירט די טרעגערין פון דעם ניט־זינליכען אינהאַלט. דאָך האָט עס אָפט געפירט צו אַ מיספאַרשטענדניש. דאָס אַנטקעגענשטעלען דער זינליכער אַנשויאונג האָט געבראַכט צו עפּעס אַבסטראַקטעס, צו אַ באַ־

דער אורטייל־געגענשטאנד אויף צו זיין דער זעלבער. ווערק וואס זייגען געבויט אויף די קאנווענציאָנעלע געשמאקען פונ׳ם טאג, קאנען זיין ווערטפול פאר דעם דאזיגען טאג, אבער זיי ווערען גיך אלט. בלויז אין דעם פאל, ווען די דיפערענציאלע אייגענשאפטען האבען דעם באזיס פאר׳ן פארגלייך אין דעם ווערק גופא, אדער ווען זיי זיינען א רעזולטאט פון די אפנייגונגען פון די אלגעמיין־מענשליכע, פון די נאטירליכע נארמען, אדער פון פעסט איינגעווארצעלטע אינסטיטוטען. בלויז דאן שטארבען זיי ניט. אויף וויפיל דאס ווערק ליידט פון דעם פארלוסט פון די פאראיבערגעהענדע דיפערענציאלע עלעמענטען — דאס הענגט אפ דערפון, וואס פאר א טייל פון דעם גאנצען זיי שטעלען מיט זיך פאר. דאס, ווידער, ווענדט זיך אן דער פערזענליכקייט פון דעם קינסטלער. דער, וועמעס אריגינאליטעט באשטעט בלויז אין דעם אויסטיילען זיך פון זיין עפאכע, וועמען די עפאכע גיט זיין אייגענארטיגקייט, ווער עס לעבט ניט אזוי אין זיך, ווי אין דער ארומיגער סביבה, דער איז ניט דויערהאפט. זיינע שאפונגען קאנען זיין גוט פאר איין טאג, אבער זיינע ווערק צעקרישלען זיך שטיקערווייז, כחכמת בלויז זיינע מיטצייטלערס שפירען זיינע דיפערענציאלע אייגענשאפטען. פארקערט: פאר דעם, וואס האט געקאנט ווערען ער אליין — מעג ער לעבען מיט זיין צייט אדער אין ווידערשפרוך מיט איר — איז אט דער אונטערשייד א נעבענזאך. אהן צווייפעל האט רעמבראנדט פארמאגט און פארלארען א מאסע עפעמערע דיפערענציאלע אייגענשאפטען, וועלכע מיר קאנען איצט בלויז שווער רעקאנסטרואירען, אבער ניט עמפינדען, דאך איז אט דער פארלוסט ניט וועזענטליך אין פארגלייך דערמיט, וואס איז געבליבען לעבען.

די צייט נעמט און גיט. לאנגזאם צי שנעל, בייט זי דעם הינטערגרונד פון די באדייטזאמע נארמען, אין וועלכע עס ווארצלען די דיפערענציאלע אייגענשאפטען. אומבאמערקט, ברעקעל נאך ברעקעל, נעמט זי צו ביי אלע ווערק; און צוזאמען מיט די לעבענס־געוואוינהייטען, מיט דעם ווארט־געברויך, צוזאמען מיט די זיטען און מיט דער מאראלישער אדער רעליגיעזער וועלט־אנשויאונג ווערען אלט יענע ווערק, פאר וועלכע זיי — די דיפערענציאלע אייגענשאפטען דינען

פאַרשטעהן איבסענ׳ען דאַרף מען דערפילען דעם טאָן פון זייערע (די פיגורענס) אַפּנייגונגען. אין דער „ווילדער ענטע“ איז דורכגעפירט אַ פּראַכטפּיל שפּיל פון אַזוינע דיפערענצען, וועלכע האָבען אַלע עפּעס געמיינזאַמעס אין זייער באַזיס, אָבער דערביי פאַרמאָגען זיי די אַם ווענינגסטען ענליכע ריכטונגען און גראַדען. עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, ווי פון דעם שפּיל פון שאַרפע מעטאַלענע גלעקער.

אין פילע ווערק ווערט דער באַזיס פון אַ פאַרגלייך געגעבען דורך אַ קאַנאָן, וואָס האָט אַן עפּעמערע באַדייטזאַמקייט. די אַפּנייגונגען פון די קאָנווענציאָנאַליטעטען פונ׳ם טאָג און פון דעם סטיל, וואָס איז אין דער מאָדע — די מאָדע אַליין באַנוצט זיך ברייט מיט די דיפערענציאַלע איינגענשאַפטען — קאָנען אַריין אין אַ ווערק אַלס זיינער אַן עלעמענט. ביישפּילען קאָן מען געפינען אַ מאַסע צווישען די קורצווייליגע באַרימטקייטען. אָבער *אַזוינע* דיפערענציאַלע איינגענשאַפטען פאַרשווינדען מיט דער צייט. אַזוי שנעל ווי דער קאַנאָן איז אַרויס פון געברויך, איז אויך ניטאָ דער באַזיס פאַר די אַפּנייגונגען. גראַד אַזוינע ווערק העלפען אַליין דער באַשאַפונג פון אַ נייעם קאָנווענציאָנעלען סטיל און דער אַרויסשטופּונג פון דעם אַלטען, און אויף אַזאַ אופן זעגען זיי אונטער די צווייג, אויף וועלכער זיי זיצען אַליין. זייער שאַפונג נויטיגט זיך אין דעם אַלטען סטיל ווי אין זייער הינטערגרונד. דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז מאַנכע עסטעטישע אָביעקטען קאָנען ניט באַטראַכט ווערען אַלס אידענטיש פאַר פאַרשיידענע עפּאָכען. אין דער צייט, ווען זיי אַנטשטעהען, באַזיצען זיי אַזוינע דיפערענציאַלע עלעמענטען, וועלכע ווערען שפּעטער פאַרפאַלען. מיט אַט די עלעמענטען איז דאָס ווערק ווערטפול, אָבער ווען די דיפערענציאַלע איינגענשאַפטען פאַרלירען זייער ווערט, פאַרשווינדען, קאָן דאָס ווערק דורך דעם אפשר אויך פאַרלירען זיין ווערט. די שפּעטערע דורות פאַרשטעהען דאָן גאָרניט, מיט וואָס האָבען אַזוינע ווערק געקאָנט גוט זיין. זיי באַגרייפען ניט דעם געשמאַק פון דער פריערדיגער עפּאָכע. אין דער אמת׳ען איז אָבער דאָ די הויפּטזאַך — ניט דער געשמאַק, נאָר אַ שנוי אין דעם כינטען פון דעם אָביעקט. איבּ מיט דער צייט זיינען פאַרשוואונדען געוויסע עלעמענטען, הערט

דער ריכטיגער גרויס, וועט זי זיך אונז אויסווייזען אלס צו קליין. ער מוז אויך פאַרקלענערען די צאָל פאַרבען אויף א לאַנקע, אַניט וועלען זיי ערשיינען אלס צופּיל אין צאָל. ער מוז פאַרגרעסערען דאָס אויג פון א פערד א. אז. וו. דאָס זיינען אלין אזוינע אָפּנייגונגען וואָס טאָרען זיך ניט פילען, אָפּנייגונגען, וואָס זייער ציל איז דוקא צו באַזייטיגען די אומנויטיגע דיפערענציאַלע עמפינדונג. אויב אָבער אין דעם קינסטלערס פאַרטראַכטונג געהט אַריין א באַשטימט עמפּונדענע אָפּנייגונג פון דער נאַטירליכער פאָרם, וואָס דאַרף ארויסרופען באַשטימטע שאַטירונגען פון דיפערענציאלע עמפינדונגען, דאַן האָבען מיר פאַר זיך ס ט י ל י ז אַ צ י ע. דערביי שאַפט דאָס נאַטירליכע, דאָס געוועהנליכע — דעם קאַנאַן; און די ריכטונג און דער גראַד פון די אָפּנייגונגען באַדינגען די אייגענשאַפט פון דעם איינדרוק. די סטיליזאציע קאָן אָבער פאַרקומען ניט בלויז אין די אונטערשיידען פון די ליניעשע קאָנטורען, וועלכע מען האָט קודם כל אינזינען, — אויך די סיטואַציע פון די פלאַכען, די ליכט־שאָטענס און אַלע אַנדערע זינליכע אייגענשאַפטען קאָנען אונטערגעוואָרפען ווערען צו סטיליזירענדע פאַרוואַנדלונגען. זיי גיבען דאַן ניט בלויז זייער אייגענעם פאָרמען־איינדרוק, נאָר צוזאַמען דערמיט — אַ דאַנק דער אָפּנייגונג פון די נאַטירליכע אייגענשאַפטען פון דעם געגענשטאַנד, — אויך באַזונדערע דיפערענציאַלע איינדרוקען. א גוטען ביישפּיל שטעלען מיט זיך פאָר בעקלינס ליניעס פון פאַרבען. די בלויקייט פון זיין הימעל רופט אַרויס דעם איינדרוק ניט בלויז פון א באזונדערער קאָליר־שאַטירונג, נאָר אויך אַן אָפּנייגונג פון דעם געוועהנליכען און אין דעם דאָזיגען זין איז דער איינפלוס פון אזאָ בלויקייט אפשר טיפער, ווי בלויז אַ זינליך־פאָרמאָלער.

ביי איבסענ׳ען האָט אַ באַדייטונג איין געוויסער מין פון דיפערענציאַלע אייגענשאַפטען. עס איז ניט מעגליך פולשטענדיג צו פאַרשטעהן זיינע ווערק ביז מען ווערט ניט צוגעוואוינט צו זייער דיפערענציאַלען באַזיס. די קאַריקטאַורען פון דעם אידעאַל מאַלט ער נאַטירליך, אין דעם גייסט פון א ביטערער ענרסטקייט. דער פונדאַמענט פאַר דעם פאַרגלייך פון זיינע פיגורען איז דער „אידעאַל“, און כדי צו

א כסדר׳דיגע פאַרלעצונג פון דער גרונד־סכעמע. אָט די דיפערענצען באַלעבען דעם געביי פון די פערזען. די סכעמע, ווידער, פילט אויס, א חוץ אירע ריטמישע פאָרמאַלע איינדרוקען, נאָך א פונקציע: צו זיין דער מאָסשטאָב פון די אָפּנייגונגען און צוזאַמען דערמיט — דער באַזיס פון די דיפערענציאַלע איינדרוקען. דאָס זעלבע אין דער מוזיק: די מאַטעמאַטישע קאָנצעפּציע פון׳ם טאַקט דאַרף עמפּונדען ווערען אַלס דער הינטערגרונד, כדי עס זאָל זיך אויף אים קאָנען אַרויסווייזען דער לעבעדיגער פלוס פון די קלאַנגען, און דאָס ווערט דערגרייכט מיט דער הילף פון דעם סכום דינסטע דיפערענצען־שאַטירונגען.

צו דעם געביט פון די דיפערענציאַלע אייגענשאַפטען געהערט אויך דאָס, וואָס מען רופט „סטיליזאַציע“. ניט דאָס באַשאַפט דאָך די סטיליזאַציע, וואָס די זינליכע פאָרמען פון א ווערק דאָמינירען איבער זיין אינהאַלט — דאָס טרעפען מיר אויך אין לעיבעלס בילדער פון דעם פויערישען לעבען, וועלכע קיינער וועט נאַטירליך ניט באַצייכענען אַלס סטיליזירט, כאָטש די פאָרם איז אין זיי די הויפּטזאַך. עס פּאַסירט אויך, אַז כדי צו אַנטפּלעקען זייער קראַפט מוזען די פאָרמען אביסעל פאַרענדערען דאָס אַלגעמיינע אויסזעהן פון די אָביעקטען. אָבער דערביי קאָן מען אפשר די פאַרענדערונג ניט באַזונדערס פילען. אויך אַנדערע אָפּנייגונגען פון דעם נאַטירליכען באַדייטען נאָך אָן און פאַר זיך ניט קיין סטיליזאַציע.

מיר האָבען שוין גערעדט וועגען דעם, אַז די גראַפיק גיט, אַנשטאָט דעם געוועהנליכען בילד פון דעם אָביעקט, גאָר עפּעס אַנדערש. אָבער דער איינדרוק פון דעם אָביעקט בלייבט דער געוועהנליכער, און אויף אַזאַ אופן באַמערקט מען ניט דעם אונטערשיד. גאַנץ אָפט מוז דער קינסטלער אַריינברענגען אַן ענדערונג גראָד כדי אויפצוהאַלטען דעם געוועהנליכען איינדרוק. א מאַטעמאַטיש־פּינקטליכע איבערגעבונג פון די רעאַלע פּראָפּאָרציעס וואָלט געקאָנט פאַרקריפּלען דעם איינדרוק. ער מוז אויפמאָלען א לבנה, וואָס איז גרעסער אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס מיר זעהן אין דער אמת׳ען, אויב ער וויל אַרויסרופען דעם געוועהנליכען איינדרוק. אויב די לבנה זאָל געצייכענט ווערען אין

# קונסט

**אנשטעהט א פראַכטפולער שפּיל פון דיפערענצען און זייערע פאר־ וואַנדלונגען.**

---

דעם זעלבען געדאַנק זאָגט אייגענטליך ארויס אויך ניטשע אין איינעם פון זיינע אפאָריזמען וועגען „גוטער פּראָזאַ.“ בלויז „אין אנגעזיכט פון פּאָעזיע“ קאַן מען שרייבען גוטע פּראָזאַ. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומאויפהערליכע, העפליכע מלחמה מיט דער פּאָעזיע, און איר גאַנצער רייץ באַשטעהט אין דעם, וואָס זי מיידט כסדר אויס די פּאָעזיע און האַלט איר אין איין ווידערשפּרעכען. אויב עס איז ניט מעגליך קיין פּאָעזיע, וואָס זאָל זיך ניט האַלטען אין א געוויסער ווייטקייט פון געוועהנליכער פּראָזאַ, האַלט זיך אויך פון דער אַנדער זייט, די גוטע פּראָזאַ אין א רעספּעקטאַבעלען מהלך פון פּאָעזיע.

אַלץ וואָס קאַן זיין א קאַנאַן, דער אַנגענומענער געזעץ, ווערט דער אויסגאַנג־פּונקט פאַר די אַקטיווע דיפערענציאַלע עמפּינדונגען. אין דער פּאָעזיע איז עס די געאָמעטריש־פאַרגליווערטע ריטם־סיסטעם. די ווערטער וואַרפען זיך אונטער דעם ריטם, אַבער ניט אָהן געוויסע ניואַנסען, ניט אָן ווידערשפּרוכען, וואָס שוואַכען אָפּ די שטרענגקייט פון דער פערזען־מאָס. יעדעס וואָרט וויל אַנהאַלטען זיין אייגענעם זילבען־אַקצענט און זיין לענג, און עס מאַכט אָדער ברייטער דעם אָרט, וואָס איז פאַר אים באַשטימט, אָדער אַביסעל שמעלער. אַזוי אַנטשטעהען די איינדרוקען פון קליינע אָפּנייגונגען, פון דער שטרענגער סיסטעם. דאַן קומט דער געגענזאַץ צווישען דעם זין און דעם פערז. דער פערז פאָדערט די אונטערשטרייכונג פון מאַנכע זילבען, אויף וועלכע עס דאַרף פאַלען דער הויפּט־אַקצענט, און דער זין טראָגט אומבאַמערקט איבער דעם אַקצענט־אויף אַנדערע זילבען. ווייטער — דאָס אָפּטיילען פון יעדען פערז פון די שכנ׳ישע. די פאַרבינדונג, וואָס דער זין פאָדערט, היפּט אַריבער אָט די חלולים, לאָזט ניט אַלעמאָל מאַכען דעם אָפּשטעל, וואָס דאַרף קומען ביים סוף פון פערז, און טראָגט אים אפשר איבער צום מיטען פון דעם קומענדען פערז. צוליב די אַקצענטען און אָפּשטעלונגען, וואָס זיינען נויטווענדיג צוליב׳ן זין, קומט פאַר

ליריק פון א פרעמדען פאלק, אפילו ווען מיר האבען זיך אויסגעלערנט זיין שפראך? מיר הערען דעם שפיל פון צוזאמענקלאנגען, מיר פאכען אויף גראם נאך גראם, און פילען דעם ריטם; מיר פארשטעהען דעם זין פון די ווערטער און באנעמען די בילדער, די פארגלייכען און דעם אינהאלט. מיר קענען אויפכאפען אלע זינליכע פארמען, אלע געגענשטאנדען, וואס זשע פעלט נאך? די דיפערענציאלע איינדרוקען, די קלענסטע אפווייכונגען פון דעם געוועגליכען און דער אויסוואל פון די אויסדרוקען, אין דער קאמבינאציע פון די ווערטער, אין דעם פונאנדערשטעל און איז די בויגונגען פון די פראזען — דאס אלץ קאן אויפכאפען בלויז דער, וואס לעבט אין דעם עלעמענט פון דער שפראך, וואס ווערט — א דאנק דעם לעבעדיגען באוואוסטזיין פון דעם נארמאלען — אוממיטעלבאר איבערראשט פון יעדער אפנייגונג דערפון, און פילט עס ווי א זינליכע רייצונג. אבער דער געביט פון דעם נארמאלען אין דער שפראך שפרייט זיך אויס נאך ווייטער. יעדע שפראך פארמאגט איר כאראקטעריסטישען גראד אבסטראקטקייט און בילדליכקייט. די ווידערהאלונג־פעהיגקייט פון געוויסע קלאנגען־קאמבינאציעס אין מאנכע ארטען פון פארגלייכען געהערען צום געביט פון דעם געוועהנליכען. יעדע אפנייגונג דערפון פילט אין דער פולער מאס בלויז יענער, וואס די שפראך איז אים נאהענט ווי אן אייגענע. אבער דערפאר טרעפט אים אויך יעדע ענדערונג פון אויסדרוק, בילד, ווערטער־קאמבינאציע ווי א זינליכער איינדרוק. דאס איז די אורזאך פארוואס מיר פארשטעהען קיינמאל ניט אינגאנצען די ליריק פון א פרעמדען פאלק: דא פעלען די מאמענטען, וואס זיינען וויכטיג פאר דעם סינטעז פון דעם עסטעטישען אביעקט.

דערביי עפענט זיך א מעגליכקייט פון טאפעלטע און פארקערטע דיפערענצען. א באשטימטער אונטערשייד־גראד פון דעם געוועהנליכען קאן פון זיין זייט ווערען דער אויסגאנגס־פונקט און די מאס פאר אפנייגונג, אזוי אז דא ווערט יעדער צ ו ר י ק ק ע ר צום געוועהנליכען עמפונדען אלס א דיפערענץ. רילקע וועלכען באמייסטערט, ווי קיין אנדערער, די קונסט פון באנוצען די דיפערענציאלע אייגענשאפטען, מישט בכוון אריין די גרעבסטע פראזאאיזמען. אויף אזא אופן

גענאנגנען פאר אט די עלעמענטען און זיי צום לעבען ארויסגערופען — איז גארניט פון א זינליכער אפשטאמונג. מען וואלט געקענט רעדען וועגען „ניט־זינליכע פארמען.“ אויב עס איז ערלויבט אזוי ברייט אויסצוציען דעם פארם־באגריף, אז ער זאל ארומכאפען אלע פאקטארען, וואס האבען ניט קיין שייכות ניט צום אינהאלט און ניט צום מאטעריאל. און אלץ קלערער ווייזט זיך ארויס אלס א פאראורטייל יענער סענסואליסטישער דאגמאט, לויט וועלכען די זינליכע אנשויאונג איז ניט בלויז דער באדינג און דער נויטווענדיגער אויסגאנגס־מאמענט פון דער עסטעטישער אויפפאסונג פון דעם אביעקט, נאר אויך דאס וועזענטליכסטע אין אים, זיין גאנצער אינהאלט, אזוי אז די עסטעטישע איבערלעבונג איז איינגעשלאסען אין דעם חוש פון ראיה אדער געהער, און מיר קענען ניט און דארפען ניט שטרעבען צו עפעס אנדערש, א חוץ צו דער זינליכער אויפפאסונג פון דעם ווערט. דאס איז, זעהען מיר, בלויז א פאראורטייל.

איך וועל ארויסטיילען איין גרופע פון די ניט־זינליכע פארמען, די וויכטיגסטע, גלויב איך: די *דיפערענציאלע עמפינדונגען*, אדער די עמפינדונגען פון די אונטערשיידען. ווען מיר שפירען עפעס אלס אן *אפנייגונג* פון דעם געוועהנליכען, פון דעם נארמאלען, פון עפעס א ווירקענדען קאנאן, ווערט ביי אונז געבוירען א שטימונג־אימפרעסיע פון א באזונדערער אייגענשאפט, וואס שיידט זיך לויט זיין טיפ ניט אונטער פון די עמאציאנעלע עלעמענטען פון די זינליכע פארמען. דער איינציגער אונטערשייד איז בלויז דער, וואס איר אנטעצעדענט איז אן עמפינדונג פון אומענליכקייט, ד. ה. עפעס, וואס לאזט זיך זינליך ניט אויפפאסען. דאס איז א געביט פון אן אומאויסשעפליכער פיל ארטיגקייט, מחמת די דיפערענציאלע איינדרוקען אונטערשיידען זיך צווישען זיך קוואליטאטיוו לויט זייער אויסגאנגס־מאמענט, לויט זייער קראפט און לויט דער ליניע פון פאנאנדערגעהן. אויך קענען מיר אנצייכנען אין זיי די אונז גוט באקאנטע ארטען פון פארוואנדשאפט: טאן־איינ־איינהייטליכקייט און קאנטראסט.

פארוואס אנטפלעקט זיך קיינמאל ניט פאר אונז אינגאנצען די

כאַראַקטער פון בראָנז איז זיין פאָרמאַלער כאַראַקטער: טונקעלע שאַטירונג, אויף וועלכער די קאָנטורען פון די ליניעס שטייגען שאַרפער ארויס. א גלאַטע פלאַך, וואָס איז באַרויעט פאר פאָלירונג, וואָס אויף איר טונקעלען גלאַנץ לייגען זיך שאַרף די אנגעצייכענטע ליכט־פלעקען; חוץ דעם: די מעטאַלישע אייגענשאַפטען פון בראָנז, זיין געוויכט, שטאַנדהאַפטיגקייט א. אז. וו. די אונטערשיידען צווישען איין מאַטעריאַל און דעם צווייטען רעדוצירען זיך צו די אונטערשיידען פון די פאָרמען־דאַטען: בראָנז צייכענט זיך אויס מיט אנדערע קאָנטראַסטען פון די ליכט־שאַטענס, ווי מאַרמאָר, אויף אים פאַלט אנדערש דאָס ליכט, און דערצו קומען די אונטערשיידען אין פאַרבען, דער קאָנטראַסט צווישען דעם מעטאַליש־גלאַטען גלאַנץ און דער קערענדיגקייט פון שטיין, א. אז. וו. דאָס, מיט וואָס עס צייכענט זיך אויס די פליוט. די פידעל און די פיאַנא איז א קלאַנגען באַפאַרבונג פון טאָן, א כאַראַקטעריסטיש קלינגען פון די אויבערשטע טענער. די איטאַליענישע שפּראַך אונטערשיידט זיך פון דער דייטשער דורך אנדערע קלאַנגען־קאָמבינאַציעס. אין געוויסע אַרטען פון דעם מאַטעריאַל באַווייזט זיך אויך עפּעס, וואָס איז ענליך צו א געגענשטאַנדליכער עמפינדונג. למשל אין דעם מאַטעריאַל פון דער פלאַסטיק און ארכיטעקטור. דאָ יוערט אלזא, דער כאַראַקטער פון דעם מאַטעריאַל צונויפגעשטעלט פון פאָרמאַלע און געגענשטאַנדליכע איינדרוקען.

---

ווי באַלד מיר האָבען זיך איבערגעצייגט אין דעם, אַז די ניט־בילדליכע עמאָציאָנעלע עלעמענטען פון די פאָרמען, פון דעם געגענשטאַנדליכען, פון דעם מאַטעריאַל, זיינען די אמת'ע באַשטאַנדטיילען פון דעם עסטעטישען אָביעקט וועלען מיר זיך ניט הדוש'ען ווען מיר וועלען באַגעגענען נאָך נייע עלעמענטען, וואָס זיינען בלויז אויף א ווייטען אופן פארבונדען מיט די זינליכע זייטען פון דעם קונסטווערק, און וואו דער אַנטעצערענט, וואָס איז אומיטעלבאַר פאַראויס־

פארקערט, שפילט די איבערגענומענע פארוואנדשאפט א גרעסערע ראלע. אבער אויך דא פאסירט, אז די קייט פון רעאלע פארהעלטענישען ווערט פלוצלינג איבערגעריסען דורך רינגען פון אן אנדער מין, אז די געשעהענישען זיינען נים רעאל, נאר עמאציאנעל מאטיווירט און דערביי ווערען זיי געוועגליך אונטערגעשטיצט דורך די פארמאלע איינדרוקען. ווי למשל, אין די פאנטאסטישע דראמען פון מעטערלינק׳ען, און אמאל אויך ביי איבעסן׳ען. דאס מאכט דעם איינדרוק, ווי אנטפלעקונגען פון אן אנדער וועלט. עדגאר פא, וואס ווענדט זיך אפט צו אט דעם מיטעל, צווינגט אויף אן אייגענארטיגען אופן די עמאציאנעלע און רעאלע מאטיווירונג זיך דורכצופלעכטען און אריבערצוגעהן איינע אין דער אנדערער. אין אט די זעלבסטשטענדיגע ארטען פון פארוואנדשאפט און אין זייערע קאמבינאציעס מיט רעאלע אריבערגענומענע פארוואנדשאפט־ארטען באזיצט דער פאעט א פראכטפול מיטעל צו מאכען דאס אומווארשיינליכע פאר ווארשיינליך. יעדע צויבער־מעשה פאר אן אמת׳ער. עס ווערט אויך פארשטענדליך, ווי אזוי נאוואליסעס ראמאנטיק האט געקענט מאכען א פארזוך פולשטענדיג איבערצושאצען די באדייטונג פון דעם רעאלען.

---

אונזער אנאליז האט אויפגעדעקט אין דעם קונסט־ווערק דריי פארשיידענמיניגע פאקטארען: מאטעריאל, אינהאלט און פארם. מיר האבען געפונען אן אלגעמיינעם נאמען פאר צוויי פון זיי. אינהאלט און פארם געהען בלויז אויף אזוי פיל אריין אין דעם עסטעטישען אביעקט, אויף וויפיל זיי ברענגען מיט זיך די עלעמענטען פון שטימונגען. אבער מען קען ווייזען, אז אט דער אויספיר באציט זיך אויך צום מאטעריאל, און אז לויט דער ענליכקייט פון זיינע עסטעטישע פונקציעס שליסט ער זיך אן אן די ערשטע צוויי. דאס מאטעריעלע אין דעם קונסט־ווערק ווירקט קודם כל אלס פארם, אבער מיט דעם אונטערשייד, וואס דער מ א ט ע ר י א ל א י ז נים קיין פרייבאשאפענע נאר א ג ע ג ע ב ע נ ע פ א ר ם. דער מאטעריעלער

געטראַגען פון דיווירקליכע אָביעקטען־פאַרשטעלונגען אויף זייערע איינדרוקען. אַלע פאַרהעלטענישען, וואָס פאַרבינדען זאַכען און ערשיינונגען אין דער ווירקליכקייט, שפּיגלען זיך אומפאַרמיידליך אָפּ אויף די געגענשטאַנדליכע איינדרוקען. בלויז דאָס מאַכט פאַר זיי מעגליך פולשטענדיג צו פאַרבייטען ביי א שנעלען דענקונגס־פּראָצעס — די געשטאַלטען פון די אָביעקטען. אייב די איינדרוקען וואָלטען ניט אויפגענומען אַלע סימפּאַטיעס, פאַרוואַנדטע שטריכען און אנטיפּאַטיעס פון די אָביעקטען, וואָלט אַזאַ פאַרבייטונג ניט מעגליך געווען. אזוי זעהען מיר, אַז בעת די פאַרמאַלע איינדרוקען ווייזען בלויז די אינערליכע, זעלבשטענדיגע פאַרוואַנדשאַפט, האָבען די געגענשטאַנדליכע איינדריקען אויך א פאַרוואַנדשאַפט, וואָס איז אריבערגענומען פון די רעאַלע אָביעקטען. דער כאַראַקטער פון די פאַרהעלטענישען מצד די רעאַלע אָביעקטען אין דער ווירקליכקייט — באַדינגען די האַמאָגענישקייט אָדער די געגענזעצליכקייט פון זייערע איינדרוקען.

ווען די געגענשטאַנדליכע איינדרוקען דינען, א חוץ זייערע עסטעטישע צילען, אויך אויסצופילען דעם אָרט פון די בילדליכע פאַרשטעלונגען — און דאָס קומט פאַר זעהר אָפט — דאַן ווייזט זיך ארויס בלויז זייערע איבערגענומענע פאַרוואַנדשאַפט. אין דער קונסט, דאַגעגען, ערשיינט אויך אַן אנדערע, א זעלבסטשטענדיגע פאַרוואַנדשאַפט. וועלכע פוןביידע איז וויכטיג אין יעדען באַזונדערען פאַל — דאָס קאָן ניט פעסטגעשטעלט ווערען דורך אַן אַלגעמיינעם כלל. דאָס שטערט אָפט אין דעם צווייטערליך־שעפערישען סינטעז אויפצוכאַפּען דעם קינסטלערס פאַרטראַכטונג, ד. ה. פאַרשטעהן זיין ווערק. אויף דעם דערמאַנטען בילד פון טאָמאַ'ן צווינגט דער עמפּירישער אינטערעס אומפאַרמיידליך צו זוכען א רעאַלע פאַרבינדונג צווישען די גרופּען פון דעם פאָדערשטען און הינטערשטען פּלאַן. אין פאַר אַזאַ באַאָבאַכטער וועט דער גרעסטער טייל פון מאַרע'ס בילדער בלייבען אומפאַרשטענדליך. אין דער לידיק ווענען אריבער די זעלבשטענדיגע פאַרהעלטענישען. אין דעם פאָלקסליד פלעכטען זיך לאַנדשאַפט און ליבעס־געפיל צענויף אָהן שום רעאַלער פאַרבינדונג. אין דעם עפּאָס און אין דער דראַמע,

געל און ברוין, אבער די געלע פארב איז פארמילדערט דורך א שוואַ־כען צומיש פון גרין: דאָס געל פארשטארקט מיט זיין צוגעפּאסט־קייט דעם מאָטיוו פון דעם הינטערשטען פּלאַן, די לייכטע וואַקכישע אויפרעגונג, און מאַכט אים פאר דעם פינאַל־אַקאָרד. אויף אנדערע רעפּראָדוקציעס איז דער גרונד־טאָן — בלוי. דאַ איז דער מידער בין־השמשות — דער הויפּטמאָטיוו. אבער איןביידע פאלען גיט די פארב צו א זין דעם נייטראלען, איינגעשמידטען אינהאַלט. זי באַ־שטימט די ריכטונג פון דער טעלעאָלאָגישער באַוועגונג פון איין מאָ־מענט צום צווייטען, און אַנטשיידט וועלכער אינהאַלט־מאָטיוו דאַרף זיין די אויפגאַבע, און וועלכער — די לייזונג.

---

די געגענשטאַנדליכע איינדרוקען אונטערשיידען זיך פון די פאר־מען־איינדרוקען דורך דעם צווייאיגען כאראקטער פון זייער פאר־וואנדשאפט. עס קאן זיין אן אייגענע פארוואנדשאפט און אן איבער־גענומענע. די ערשטע ווערט באַשטימט דורך די אייגענע אייגענ־שאפטען פון די איינדרוקען, די צווייטע — דורך די רעאַלע פארהעל־טענישען צווישען זיי. יעדער געגענשטאַנדליכער איינדרוק איז ערש־טענס, אַן און פאר זיך א שטימונגס־עלעמענט, אזא, וואס איז קוואַלי־טאַטיוו קאנקרעט; דערפאר דארפען צווישען די פארשיידענע געגענ־שטאַנדליכע איינדרוקען זיין ק ו ו א ל י ט א ט י ו ו ע ענליכקייטען און געגענזאַצען. געגענשטאַנדען וואס האבען אין דער ווירקליכקייט קיין שום געמיינזאמעס צווישען זיך, קאָנען אין דער קונסט — א דאנק זייערע עמאָציאָנעלע אייגענשאפטען — אנטשפּרעכען אדער אנטקעג־גענגעשטעלט ווערען איינער דעם אַנדערען. אלס ביישפּיל קאָן דינען דאָס דערמאָנטע בילד פון טאָמאַ'ן. אדער מיר זעהען עס אין קעלערס א ליד: א יונג מיידעל, א בליענדער בוים, א ריינער, פרישער קוואַל — אַט זיינען די מאָמענטען פון אינהאַלט, וואס זיינען האָמאָ־גענעיש לויט זייער שטימונג. צווייטענס געהערען צו די געגענשטאַנד־ליכע איינדרוקען אלע רעאַלע פארהעלטענישען, וואס ווערען איבער־

זיך געוועהנליך, וועלכע עס איז ערצעהלונג: זי שטעלט מיט זיך פאר א מער אדער ווייניגער קאמפליצירטע געביידע פון א טעלעאלאגישער סטרוקטור. אדער דער אינהאלט פון א דראמע: דאס גאנצע — אנגעשטרענגטקייט און אויסלאדונג; די עלעמענטען פון דעם גאנצען — די געשעהענישען פון א באזונדערען אקט, וואו מען קאן באמערקען די זעלבע קרומע ליניע, דאן די סצענע, אלס די עלעמענטארע באשטאנד־איינהייט פון דעם אקט, און יעדע סצענע ווידער צענויפגעשטעלט פון די קלענסטע דינאמישע איינהייטען, פון פראגע און ענטפער אין דעם דיאלאג, וואס באציען זיך קענטיג איינס צום אנדערען ווי ציל־פאראויסזעצונג אין דערגרייכונג. אבער אין אט דעם קאמפליצירטען געביי פילט יעדע עלעמענטארע פארענדיגטקייט אויס א באזונדערע פונקציע אין דער סיסטעם, וואס שליסט זי איין אין זיך: אויפגאבע, ווידערשטאנד, פארהאלטונג, אנטוויקלונג און אנטשיידונג.

אפט בילדען בלויז אינהאלט און פארם, גענומען צוזאמען אין זייער אלגעמיינעם פונקציאנעלען כאראקטער, די דינאמישע איינהייט. דערמאנט זיך אן דעם איזענהיימישען אלטאר. וואס פאר א דערגעגצענדער קאנטראסט אנטשטעהט צווישען דעם בריענדיגען וואנזיניגען געשריי פון שוידערליכע ליידען און דער מיסטישער טונקעלקייט פון דעם גרינעם פאן! עס קאן אויך זיין, אז בלויז די פארם זאל מעגליך מאכען די אנטפלעקונג פון די דינאמישע באציהונגען פון דעם אינהאלט. אן אינטערעסאנטען ביישפיל פון אט דעם מין גיט טאמא'ס א געוויסע פארביגע גראוויור, וואס איז באקאנט אונטער'ן נאמען: „וואלד־אידיליע". אין פראנט — די פישערס, א מידער אפקלאנג פון א שווערען ארבייסט־טאג; אין הינטערגרונד — א קאראהאד פון יונגע מיידלעך אין שטילע איינגעהאלטענע טענער — די וואקכישע אויפרעגונג פון דער אנקומענדער נאכט. אט דיביידע באשטאנד־כמעמנטען זיינען אזוי באלאנסירט, אז זיי נייטראליזירען איינער דעם אנדערען, און אויב מען זאל אויף אט דעם בילד קוקען איז א ניט־פארביגער רעפּראָדוקציע ווערען ביידע פארלוירען.

אבער די פארבען גיבען אויסדריקליכקייט, בינדען פונאנדער די איינגעשמידטע קרעפטען. אין ס'רוב רעפּראָדוקציעס איז דער גרונט־טאן

אזא אופן ווערט די אויפפאסונג פון די פארמען ניט פארלעצט דורך דער פרעמדער אייגענארטיגקייט פון אויסדרוק, אין זיי ווערט ווי גערירכטער די שטימונג פון דעם לאנדשאפט. דאסזעלבע — אין קערסטינגס שטילע שטיבלעך און אין זייערע שטילע איינוואוינער.

די פארשלינגונג פון די פארמען דורך דעם געגענשטאנד ווערט לייכטער, אויב דער לעצטער ליגט אין דעם צענטער פון די הויפט־פארמען, ד. ה. אין יענעם ארט, פון וואנען די פארמען ווערען אם לייכטסטען אויפגעכאפט מיט איין בליק. דער צענטער קאן אז און פאר זיך זיין ליידיג, אבי ער דערלאזט נאר א באקוועמע אויפפאסונג פון די אויסדרוקפולע פארמען.

---

דאס אלעס באווייזט, אז פארם און אינהאלט אין דער קונסט זיינען פארוואנדט לויט זייער נאטור. דער געגענשטאנד וואלט ניט געקאנט ארייננעמען אין זיך די אוצרות פון די פארמען, אויב אין אים אליין וואלט ניט ארויסגעטראטען זיין אמת'ע כאראקטעריסטישע שטימונג. דאס אנטפלעקט זיך אויך אין פאלגענדען: מיר האבען געפונען די דינאמישע פארהעלטענישען צווישען די איינדרוקען פון די פארמען. אלס א שטרעבונג און ערפילונג, אלס אן אנגעשטרענטקייט און אויסלאדונג פאראייניגען זיי זיך אין טעלעאלאגישע קאמבינאציעס; אנדערע עלעמענטען מיט א פארשיידענער באדייטונג קאנען פארנע־מען דעם ארט פון די צווישענדיגע רינגען; די עלעמענטען־איינהייטען ווארפען זיך פון זייער זייט אונטער א ברייטערען, זיי איינשליסענ־דיגען ציל א. אז. וו. ווען מען זאל באטראכטען דאס געגענשטאנד־ליכע, וואס דער קינסטלער קלייבט אויס פאר זיין ווערק, וועלען מיר זעהן, אז כ'רוב ציט ער פאר אזא סוזשעט, וואס פארמאגט מיט זיין אינהאלט גופא—א טעלעאלאגישע איינהייט, וואס באשטעהט פון אנ־געשטרענגטקייט און אויסלאדונג. אין דער פלאסטיק זיינען דאס די דערגענצענדע קאנטראסטען פון די קערפערליכע באוועגונגען און די באוועגונג־טענדענצען. אדער מאלט זיך אויס, ווי עס אנטוויקעלט

געגענשטאנד האט אליין אריינגענומען אין זיך. דערצו איז ניט נויטיג, אז די קראפט פון דעם געגענשטאנדליכען איינדרוק זאל אריבערשטייגען די קראפט פון די פארמען, און הערשען איבער זיי א דאנק זיין מעכטיגקייט. אויב עס איז נאר ניטא קיין ווידערשטאנד קומט גלייך פאר א פארשלינגונג פון די פארמען. עס איז נעווים ניט קיין צופעליגע ערשיינונג, וואס קינסטלער און גאנצע עפאכען, וואס צייכענען זיך אוים מיט דער פארמאלער ריכטונג אין דער קונסט, מאלען אזוי אפט „פאסיווע“ פנימער און עס איז ביי זיי אזוי קענטיג א געוויסע אינהאלטסלאזיגקייט פון אויסדרוק, א פעלען פון אינטעלעקטועלער ענערגיע. דאס באדייט: ווען מיר זאלען עמפיריש באטראכטען דעם פארגעשטעלטען פנים וואלטען מיר דערשפירט זיינע חסרונות, זיין ניט־אויסדריקליכקייט. דערפאר געפינען אלע די, וואס צו זיי רעדט ניט די שפראך פון פארמען, אזעלכע פנימער אלס פוסט און פלאך. אבער אט דער חסרון באדייט אין צוזאמענהאנג מיט דעם קינסטלערישען גאנצען א העכערע עמפינדליכקייט — די פעהיגקייט אריינצוזאפען אין זיך דעם אויסדרוק, וואס פליסט פון אלע פארמען פון א סטאטוע אדער א געמעל. איך וועל אנרופען באטיטשעלי'ן, שאנהאוער'ן, הארונאבא'ן, פאנעלער'ן, טאמא, ווי אויך בעליני'ן. די בליקען זיינען אפטמאל אראפגעלאזען, די אויגען־האלב־פארמאכט. ביי אנדערע באגעגענט מען א פאראלעלישע ריכטונג פון בליק, וואס פארניכט זיין אומגעהארכזאמע אקטיווקייט. דאס זאגט עס, דאס אין זיך פארטיפטע דאס טרוימערישע, דאס פארקלערטע—דאס אליין באגעגענט מען אויך ביי די גריכען פיל עפטער, ווי מען גלויבט געוועהנליך. מען דארף אבער דאס אלעס זוכען אין די אריגינאלען, מחמת די קאפיעס פון די רוימער גיבען ניט איבער די שאטירונגען. ביי טאמא'ן געפינען מיר עפעס קינדישעס און איינפאכעס אין דעם בליק; ביי מאמע'ן — באשיידענקייט, ווען ער ליינט אריין אין די אויגען פון די פריזישע פויערים דעם חן פון לייכטער פארלארענקייט. באזונדערס זעהט מען ביי די פרימיטיווען פון דער גריכישער פלאסטיק אט די וואונדערבארע מוזיק פון זייער „פאסיווען“ שמייכעל. קאספאר דאוויד פרידריך שטעלט די מענשען אין א האלב־אומוועגדונג צו די צושויערס; אויף

פאַרם פון אַן איינדרוק. אָדער, ווי שוין געזאָגט, אין דער פאָרם פון אַ שטימונג־אימפּרעסיע, און ביי אַט דער ווערטער־קאָמבינאַציע קומט ווידער אויס זיך אָפּצוגרעניצען פון דער „קונסט פון שטימונגען.“ מיר האָבן דאָך איכזינגען אַזוינע שטימונג־עלעמענטען, וואָס ווערן אַפילו אין זייערע קאָמבינאַציעס ניט אַלעמאָל דאָס, וואָס ווערט ביים ברייטען עולם באַצייכענט אַלס „שטימונג.“ דאָס געגענשטאַנדליכע ווערט דעריבער קאָאָרדינירט מיט דעם פאָרמאַלען, וואָס געהט דאָך אויך אַריין אין דעם עסטעטישען אָביעקט בלויז אלס איינדרוק. מיר פאַרשטעהן אויך איצט, אַז צווישען אינהאַלט און פאָרם איז מעגליך אַ צוגעפּאַסטקייט — צי אין דער געשטאַלט פון אַ טאָן־איינהייטליכקייט אָדער פון אַ דערגענצענדען קאָנטראַסט, אָדער אויף וועלכען עס איז אַנדערען אופן. אפילו ווען מיר וואָלטען געקאָנט באַווייזען די אויסערזינליכקייט פון דעם געגענשטאַנדליכען אין דער בילדליכער קונסט ניט מער ווי בלויז מיט אַ געוויסער וואַרשיינליכקייט, וואָלט די פאָדערונג פון אַ קאָאָרדינאַציע צווישען פאָרם און אינהאַלט פאַרשטאַרקט דעם גראַד פון אַט דער וואַרשיינליכקייט, מחמת די דערמאַנטע קאָאָרדינאַציע קאָן ניט ערקלערט ווערען אויף קיין שום אַנדער אופן.

ביי רעמבראַנדטען טרעפט מען אָפט פאָרם און אינהאַלט אין אַ דערגענצענדען קאָנטראַסט צווישען זיך: אָפּגעריסענע בעטלער טוט ער אָן אין אַ שווערער רייכקייט פון ליניעס און ליכט. מען טרעפט דאָס אויך ביי לעיבלען, קלינגער'ן, גאָיאַ'ן. און די טאָן־איינהייטליכקייט גיט צו דעם געגענשטאַנדליכען יענע וואונדערבאַרע טיפקייט, וואָס שטעלט די קונסט אויף אַזוי פיל העכער איבער דער ווירקליכקייט אַפילו ביים פאָרשטעלען רעאַלע אָביעקטען. די גאַנצע באַדייטונג פון די פאָרמען ווערט איינגעזאַפּט דורך דעם איינהייטליך־קלינגענדען אינהאַלט, ווי דער גרונד־טאָן זאַפּט איין אין זיך די זייטיגע טענער. אונטער דעם איינפלוס פון דער אילוזיע, וואָס מיר האָבן אָנגעוויזען, אָדער פון אַן ענליכער צו איר, ערשיינט אַלץ, וואָס עס רעדען די פאָרמען, אַלס עפּעס, וואָס שטאַמט אַרויס פון דעם געגענשטאַנד גופא. דאָס איז איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס פילע האָבן פאַרזעהן די זעלבשטענדיגע ווירקונג פון די פאָרמען. עס דאַכט זיך אויס, אַז דער

זינליכע ערשיינונג איז אַן און פאַר זיך ניט דער ענדגילטיגער ציל פון די בילדליכע קונסטען.

אַבער אויב מיר ווילען אַ טרייסעל טאָן ביז׳ן סאַמע גרונד דעם איינגעהאַרצעלטען בליק אויף אַט דער קונבט אַלס אויף אַ בילדליכער פאַרשטעלונג פון דעם געגענשטאַנד, דאַרפען מיר ניט בלויז אומוואַר־פען אים, נאַר אויך ערקלערען ווי אַזוי אַזאַ פאַראורטייל האַט בכלל געקאָנט אַנטשטעהן. מאַלט אייך, אַז צו לאַנג דאַרף מען דאַ ניט זוכען. אַט די מיינונג באַזירט אויף אַ גאַנץ פאַרשטענדליכער זעלבסט־אָפּנאַרונג. די זינליכע באַטראַכטונג פון אַ צייכענונג, גראַוויור, גע־מעל, גיט אונז אַזאַ לעבעדיגען איינדרוק פון דעם אָביעקט, אַז עס דאַכט זיך אונז נאַטירליך אויס, אַז דער געגענשטאַנד — ליכט ווי מיר עס־פינדען אים — טרעט בולט אַרויס פון דעם בילד פאַר אונזערע אויגען. אונזער ראיה איז דאַך שוין געוועזן פאַרבאַרייט פאַר דער זעה־אויפפאַ־סונג.

די דאַזיגע אילוזיע איז גאַנץ אומפאַרמיידליך. און עס איז נויטיג זיך אַריינצוקוקען אין די ווירקליכע דאַטען פון דער אויפפאַסונג און פון דער פאַנטאַזיע, עס איז נויטיג זיך צו איבערצייגען, אַז זיי זיינען אין דער אמתען אַנדערש, ווי מיר האָבען זיי ערוואַרט אין איינ־קלאַנג מיט אַט דעם בליק, כדי וועניגסטענס טעאָרעטיש זיך צו באַ־פרייען פון אים. די דאַזיגע אילוזיע שטערט אויך גאַרניט דער עס־טעטישער איבערלעבונג גופא. ערשט דאַן ווען מען וויל ד ע ר ק ע־נ ע ן דעם עצם פון קונסט, ווערט די טעאָריע אַריינגעפירט אין אַ טעות דורך דער דאַזיגער אילוזיע און די לעצטע ווערט אַ פאַראורטייל, אַ ליגען, וועלכען מען דאַרף אויפדעקען.

---

מיר האָבען זיך איבערצייגט, אַז פונקט ווי אין דער פּאָעזיע, איז דער ניט־בילדליכער איינדרוק אויך אין דער בילדליכער קונסט — דער לעצטער ציל פון דער אָביעקט־פאַרשטעלונג. דאָס געגענשטאַנד־ליכע גיסט זיך אַריין אין דעם עסטעטישען אָביעקט בלויז אין דער

כאטש ניט אזוינע שארפע. מיר ווילען דורכאויס ניט באשטרייטען דעם אמת, אז מען וואלט אויך די זינליכע אויסערליכקייט פון דעם אביעקט געקאנט אריבערטראגען אויף א בילד. מיר באהויפטען בלויז, אז אין לעצטען סך הכל איז דער ציל ניט זי, נאר דער ניט־בילדליכער איינדרוק, כאטש ער שליסט אויך זי ניט אויס. זי אליין—די זינליכע אויסערליכקייט—איז איינס פון די מעגליכע מיטלען, וואס דינען דעם אנגעצייכענטען ציל. אויך די זינליכע אויסערליכקייט פון דעם אביעקט איז אימשטאנד ארויסצורופען ניט־בילדליכע איינדרוקען. אבער זי איז ניט דאס איינציגע מיטל. און דער פאקט, וואס דער קינסטלער באנוצט זיך אנשטאט איר אויך מיט אנדערע מיטלען, גיט אונז א גענוגענדען באווייז דערפון, אז די זינליכע געשטאלט פון דעם אביעקט איז דארט, וואו זי ערשיינט, ניט קיין זעלבסטציל, נאר בלויז א מיטעל פאר'ן ניט־בילדליכען איינדרוק.

און אויב מען זאל זיך שארפער איינקוקען, וועט מען אויך אין דעם פאל באמערקען א געוויסע פארשיידענקייט. כדי דאס צו באַרעכטיגען באהויפטען די טעארעטיקער, אז דער קינסטלער דארף רע־פראדוצירען בלויז דאס ו ו ע ז ע נ ט ל י כ ע פון דער זינליכער ערשיינונג. דערביי פארגעסען זיי איינס: אז עס האט קיין זין ניט צו רעדען וועגען „וועזענטליכען“ אהן שייכות צו עפעס. וועזענטליך — פאר וועמען, פאר וואס? אויב עס האנדעלט זיך בלויז אום דער זעהבארער זייט פון דעם געגענשטאנד, ווי מען נעמט אן, אויב ער ווערט פארגעשטעלט פאר דער ראיה און בלויז צוליב דער ראיה, דאן איז ניטא קיין שום אויסקלייב־פרינציפ, דאן קאן מען ניט בארעכטי־גען קיין שום אפוועגדונג פון דעם אמתען אויסזעהן. פאר דער ראיה איז יעדער דעטאל גלייך וויכטיג. פארקערט: ווען אלץ, ווי מיר גלויבען, ווערט דערפירט צום איינדרוק, האבען מיר א באַשטימטען אויסקלייב־פרינציפ. וועזענטליך זיינען בלויז יענע מאמענטען פון דער ערשיינונג, וואס ווירקען אויף דעם איינדרוק פון דעם אביעקט. הייסט עס, אז דער, וואס איז מסכים, אז דער קינסטלער דארף אויפכאפען דאס וועזענטליכע פון דער ערשיינונג, דער אנערקערט אויך, אז די

נוצען די זינליכע איינדרוקען פונקט אזוי, ווי זיי ערשיינען פאר'ן אויג פון דערזעלבער ווייטקייט, וואס איז אין פאראוים אויסגערעכענט געווארען. אויב דאס ב י ל ד פון דער פאַנטאַזיע וואלט זיי ארויסגעשטופּט, וואלט דעם קינסטלערס בילד פארלארען זיין פארם. פארקערט: דער ניט־בילדליכער איינדרוק פון דעם אביעקט, באדייט ניט קיין שום פארלעצונג פון די פארמען, וועלכע רעדען — זייט ביי זייט מיט דעם אביעקט־איינדרוק — זייער אייגענע שפראך און דריקען דערמיט אויס זייער אייגענארטיגקייט. אין דער גראפישער קונסט פאסען מיר כמעט אומעטום אויף דעם געגענשטאנד אנדערש, ווי ער ערשיינט אימיטעלבאר אונטער דעם קינסטלערס פען, און דאך וואגט ניט אונזער פאַנטאַזיע אויף זיין ארט אונטערצושטעלען אן אנדער בילד. אויף אזא אופן לאזט דער פארגעשטעלטער געגענשטאנד בכלל ניט איבער קיין שום זינליך בילד אין אונז, ניט קיין קאפּיע, ניט קיין פארשטעלונג, וואס איז פארקלענערט געווארען דורך דער ווייט — מיר האבען פאר זיך בלויז אן אויסער־בילדליכען איינדרוק. שפּעטער וועלען מיר דארפען א טראכט טאן וועגען דער ערקלערונג פון אט דער ערשיינונג. דערווייל איז גענוג צו קאנסטאטירען א פאקט: דער גראפיקער גיט געוועהנליך דעם אויג ניט קיין זינליך בילד פון זאכען, נאר עפּעס וואס איז אנדערש, און ער ערלויבט ניט אונזער פאַנטאַזיע צו פארקריפּלען זיינע פארמען דורך דעם אונטערשטעלען פון אן אנדער בילד; ניט קוקענדיג דערויף קריגען מיר אבער א לעבעדיגען איינדרוק פון דעם געגענשטאנד, און דעריבער מוז די נאַטור פון אט דעם איינדרוק זיין א ניט־בילדליכע.

די מאלעריי פון דער אימפּרעסיאָניסטישער שולע גיט פונקט אזוי בולט צו פארשטעהן, אז איר ציל באשטעהט ניט אין דער ז י נ ל י כ ע ר רעפּראָדוקציע פון דעם געגענשטאנד — וואס עס זאלען וועגען דעם ניט באהויפּטען די טעארעטיקער פון דעם אימפּרעסיאָניזם. עס איז דאך ניטא אזא שטח — ניט קיין נאהענטער און ניט קיין ווייטער, און עס איז אויך ניטא אזא ליכט, ביי וועלכע זאכען זאלען ערשיינען אזוי ווי אויף זייערע בילדער. אויך ביי אנדערע קינסטלער געפינען מיר אפּנייגונגען פון דעם נאַטירליכען אויסזעהן פון די אביעקטען.

אַרויסגעלאָזען געוואָרען ניט דערענדיגטערהייט, און ער וואָלט פאַר זיין מי ניט פאַרדינט ניט קיין לויב און ניט טאַדעל.

א גראַוויור גיט איבער אַלע געגענשטאַנדען אין שוואַרצע און ווייסע פאַרבען. זייער אויסזעהן איז אָבער ניט אַזאַ, און באַטראַכ־טענדיג די גראַוויור באַקומען מיר דורכאויס ניט קיין איינדרוק פון שוואַרצע און ווייסע זאַכען. מיר פאַסען ניט אויף די ביימער אַלס שוואַרץ, די לאַנקעס אַלס גרוי און דעם הימעל אַלס ווייס. נעמט זיך דאָס אָבער דערפון, וואָס אונזער פאַנטאַזיע דערגענצט — ווי מען גלויבט — די פאַרבען פון דעם לאַנדשאַפט אין דער בילדליכער פאַר־שטעלונג? שטעלט זי אונטער אויף דעם אָרט דערפון, וואָס די גראַוויור ווייזט באמת, דאָס ב י ל ד פון א פאַרביגען לאַנדשאַפט? מיט גרינע ביימער און לאַנקעס, מיט בונטע בלומען און בלויען הימעל? איך דענק, אַז דער קינסטלער וואָלט געזאָגט: „א שעהנער דאַנק" אויף אַזאַ פראַפאַנירונג איבער זיינע ווערק. א מעגליכע דיסהאַר־מאָניע ביי דער דערגענצונג פון די פאַרבען וואָלט געקאָנט אומברענגען זיין צייכענונג. באַאָבאַכט אָבער זיך אַליין: זעהען מיר באמת פאַר־בען? געוויס, מיר האָבען דעם איינדרוק פון א פולשטענדיג־נאַרמאַ־לען פייזאַזש מיט נאַטירליכע פאַרבען. מיר זעהען אים אָבער ניט. דער איינדרוק בלייבט אַן אויסער־בילדליכער. דער קינסטלער — גראַפיקער איז זעהר פאַראינטערעסירט אויך אין דעם קאָנטראַסט צווישען ווייס און שוואַרץ. אין אָט דעם קאָנטראַסט רעדט די „פאָרם". מען קאָן אים דעריבער ניט אָפּמעקען און פאַרדעקען מיט פאַרביגע צוגאָבען פון דער פאַנטאַזיע. צוליב דערזעלבער אורזאַך קאָן עס אויך ניט זיין די אָבזיכט פון דעם קינסטלער, אַז אונזער פאַנטאַזיע זאָל אונטערשטעלען אויף דעם אָרט פון דעם געזעהענעם בילד — א צווייטעס, אַזאַ, וואָס זאָל האָבען אַנדערע ליניעס און שאָטען־פלעקען, ווי זיינס. די ליניעס און שאָטען־פלעקען זיינען אים נויטיג פונקט דאָרט וואו ער גיט זיי, זיי דאַרפען בלייבען און ניט אָפּטרעטען זייער אָרט פאַר אַנדערע פאָרמען. אויב דער קינסטלער איז אויסען געווען אַנ־דערע פאָרמען, פאַרוואָס האָט ער זיי אַליין ניט געגעבען, צו וואָס זאָל ער דאָס איבערלאָזען פאַר'ן צושויער? ניין, מיר דאַרפען באַ־

געמעלען בוכשטעבליך מיט זייער זינליכער שילדערונג פון דעם געגענשטאַנדליכען.

איך בין זיך משער, אַז דער לעזער האָט שוין לאַנג פאַרטיג איין איינווענדונג. ער קאָן זאָגען: דער קינסטלער וועקט בלויז אויף די פאַנטאַזיע, און זי פאַרענדיגט, דערגענצט און בייט איבער דאָס בילד. ווען מיר באַטראַכטען רעמבראַנדטס צייכענונגען „זעהען" מיר די זאַכען ניט אַזוי ווי זיי זיינען אין דער אמת'ען איבערגעגעבען געוואָרען אויפ'ן פאַפיר. אָבער אונזער פאַנטאַזיע קומט אונז צו הילף, מאַכט זיי אַנדערש און גיט זיי צו אַ נאַטירליכען אויסזעהן. אַזוי שיינען זיי טאַקע צו זיין אין אונזער אויפפאַסונג. דאָסזעלבע מיט גראַווירען און געמעלען. מיט דער הילף פון אונזער פאַנטאַזיע ווערט סוף כל סוף באַשאַפען אַ ריכטיג בילד פון דעם קאָנקרעטען געגענשטאַנד. אויפ'ן אָרט דערפון, וואָס מיר פאַסען באמת אויף, רוקט אונז די פאַנטאַזיע אונטער אַן אַנדער בילד, און אונז דאַכט זיך, אַז מיר זעהען עס. און כאָטש אָט דאָס בילד האָט זיין עקזיסטענץ צו פאַרדאַנקען אונזער פאַנטאַזיע, איז דאָס פאָרט אַ זינליך בילד פון דעם אָביעקט און ניט זיין איינפאַכער ניט־בילדליכער איינדרוק.

אָט דער אַרגומענט איז אמת אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דער קינסטלער מאַכט אָמאָל אַרבייטען אויך אונזער פאַנטאַזיע. דאָס פאַסירט אָבער בלויז דאָרט און דאָן, וואו ער בלייבט דער האַר פון אירע באַוועגונגען, וואו ער צווינגט זי מיט זיינע פּינקטליכע אָנווייזונגען צו אַנטוויקלען די עלעמענטען פון דעם אוממיטעלבאַר־אויפגעפאַסטען. אַזוי, למשל, איז עס ביי דער פאָרשטעלונג פון טיפקייט און ווייטקייט אויף דעם געמעל. דאָס בילד איז גלייכצייטיג אויף אַ פלאַך, און שטרענגט גערעדט, זעהען מיר בלויז אַ פלאַך. אויב אָבער עס איז דאָ אַ פאַרטיפערונג, איז דאָס די אַרבייט פון דער פאַנטאַזיע; אָבער ווי שאַרף, ווי ווייט געהט די פאַרטיפערונג דאָס אַלץ איז פּינקטליך באַשטימט דורך די ראַטען פון דער פּערספּעקטיוו. פאַרקערט, דער קינסטלער קאָן גאָרניט איבערלאָזען צו אונזער פאַנטאַזיע, אַז זי זאָל מאַכען אַ ווירקליכע דערגענצונג. זיין ווערק וואָלט פון זיינע הענט

זעהען זיי אויס גאנץ **א נ ד ע ר ש**. הייסט עס, אז ער איז ניט אויסען צו רעפּראָדוצירען מיט זיין צייכענונג די זינליכע קאָנקרעטקייט פון דעם געגענשטאַנד. אמת, מיר קריגען אַ לעבעדיגען איינדרוק פון דעם פאָרגעשטעלטען געגענשטאַנד; דאָס קאָן אָבער ניט זיין די זינליכע געשטאַלט פון דעם געגענשטאַנד. מיר נעמען אָן אַ צייכענונג אַלס די געשטאַלט בלויז, פון דעם אָביעקט, אַזוי צו זאָגען, אין אַ פיגוראַטיווען זין. אין דער צייכענונג דאַרף זיין אַ ניט-בילדליכער איינדרוק. אויב דאָס איז דעם קינסטלערס ציל, וועט ער אויסקלייבען יענע מיטלען, וואָס רופען אַרויס די טיפסטע ווירקונג, און ער וועט זיך ניט קימערען וועגען דעם, צי מיט דער הילף פון די געגעבענע מיטלען ווערט גלייכצייטיג אויך דערגרייכט די זינליכע קאָנקרעטקייט, אָדער ניט.

אויב מיר האָבען דאָס קלאָר באַגריפען אויף די צייכענונגען, לאָמיר איצט באַטראַכטען רעמבראַנדטס מעטאַל-שטיכען. ער גיט אונז די סוגעסטיע פון אַ לאַנקע, אַ פעלד, ניט וויזענדיג אונז קיין איין גראַז-שטעמעל, קיין איין זאַנג; זיינע בוימער זיינען באַבלעטערט, אָבער מיר זעהען אפשר ניט קיין איין בלאַט אין זיין ווירקליכער קאָנקרעטקייט. זאָגט ניט, אַז דאָס זיינען בילדער, וואָס מען זעהט זיי פונדערווייטענס. ניטאָ אַזאַ פּונקט, פונוואַנען דער לאַנדשאַפט זאָל ערשיינען אַלס אַזאַ נעץ ליניעס און פלעקען, ווי דער מאָלער צייכענט אים. אויב דער פאָרגעשטעלטער לאַנדשאַפט וואָלט געווען רעאַל, וואָלט ער קיינמאָל ניט געקאָנט מאַכען אויפ'ן אויג אַזאַ זינליכען איינדרוק, וואָס זאָל אויף אַן אויסערליכען אופן צענויפפאַלען מיט דעם מעטאַל-שטיך. בלויז דער ניט-בילדליכער איינדרוק וואָלט געבליבען רערזעלבער.

און איצט ניט אַ קוק אויף די גרעסערע נעמעלען — פון רעמבראַנדטען און פון אַנדערע קינסטלער. און ווידער וועט איר מאַכען די אַנטדעקונג, אַז פאַר דער קלאַסישער פאָרשטעלונג פון דעם געגענשטאַנד איז גאָרניט נויטיג איבערצוגעבען די זינליכע קאָנקרעטקייט. דאָס, וואָס מיר זעהען באמת אויפ'ן געמעל, קאָן זיך שטאַרק אונטערשיידען פון דעם פאָרשטעלונגס-געגענשטאַנד. מיר נעמען ניט אָן די

# בראָדער קריסטיאַנסען

אין דער בילדליכער קונסט וועט אונזער טעזיס זיך אנשטויסען אויף גרעסערע שוועריגקייטען. עס האט זיך דאך איינגעווארצעלט די מיינונג, אז דער ציל פון די בילדליכע קונסטען איז צו דינען דעם בליק, אז זיי ווילען געבען און נאך פארשטארקען די זעה־אייגענשאפטען פון זאכען. היתכן, אז אויך דא שטרעבט די קונסט ניט צו א זינליך בילד פון דעם אביעקט, נאר צו עפעס ניט־בילדליכעס, וויבאלד זי שאפט „בילדער“ און הייסט אליין „בילדליכע“ קונסט? דערביי קאנען מיר אפילו ניט בארופען זיך אויף אזוינע ווערק, וואס זיינען בפירוש אויסגערעכענט אויף דער ווירקונג פון פארם, און וואס שעצען גרינג—אפשר צוליב זייער אומפעהיגקייט אלס פרימיטיווען — די קאנקרעטע פארשטעלונג פון זאכען; דאס וואלט געמיינט זיך אפזאגען פון אן איינוועגדונג. מיר דארפען ווייזען אז די גענענשטאנדליכע פארשטעלונג שטרעבט צו ניט־בלידליכקייט אפילו ביי אזוינע מייסטערס, וואס באהערשען פולקאמען די טעכניק. און ניט בלויז דארט, וואו דאס פסיכישע איז די טעמע, נאר אויך ביי ניט לעבעדיגע געגענשטאנדען.

איך וועל קודם כל ברענגען א משל, וואס צייכענט זיך אויס מיט אן אויסערגעוועהנליכער באשיינפערליכקייט: רעמבראנטס צייכענונגען. קיינער וועט ניט נעמען אפלייקענען, אז פילע פון זיי זיינען אומפארגלייכליך אין דער פארשטעלינג פון דעם געגענשטאנד אין רופען ארויס א באזינדערס לעבעדיגע אביעקט־עמפינדונג. נו, פרעגט זיך איצט: וואס פאר אן איסזעהן האבען די פארגעשטעלטע געגענשטאנדען אין דער ווירקליכקייט? טאקע אזא, ווי אויף דער צייכענונג? האט דער קינסטלער געוואלט, אז מיר זאלען זיי באטראכטען אלס אמת׳דיג? מיט אט די שארפע ליניעס פון דעם פראפיל, מיט אט די סטענגעס־ענליכע קאנטורען, מיט אט די וואונדערבארע פלעקען און שטריכען אויפ׳ן פנים און אויף די הענט, מיט אט די צענויפגעקניטשטע קליידער? אזוי קאנען אבער באין אופן ניט אויסזעהן זאכען אין דער ווירקליכקייט, און דער קינסטלער האט אונז ניט געקאנט צווינגען צו גלויבען אין דעם. ער רעכנט ניט, אז זאכען דארפען אויסזעהן אזוי, ווי ער צייכענט זיי. ער שטעלט פאר זאכען, וואס אין לעבען

דער באַשרייבונג. זיין איינפלוס באַשטעהט אבער ניט אין דעם פאַראַלעליזם פון די בילדער — זעה איך דען באמת ביי מעריקע'ן די פליגעל פון דעם יונגען שמעטערלינג און זייט ביי זייט—די בלעטער פון דעם קאַשטאַן־בוים ? דער איינפלוס פון דעם פאַרגלייך איז די טאָן־איינהייטליכקייט, דער אוניסאָן פון די ניט־בילדליכע איינדרוקען : דער צוזאַמענקלאַנג פוןביידע פאַרהעכערט די אינטענסיווקייט. עס איז דאַ נאָך א מיטעל, וואָס איז אין עצם פאַרוואַנדט מיט דעם פאַרגלייך כאָטש אויסערליך זעהט עס אוים צו זיין גאַנץ אנדערש : די צענויפשטעלונג זייט ביי זייט פון אביעקטען, וואָס געבען איינדרוקען, וועלכע זיינען איינהייטליך לויט'ן טאָן, כאָטש די דאָזיגע אביעקטען דאַרפען זיין אזוינע, אז מען זאָל זיי ניט קאָנען פאַרגלייכען אלס בילדער. די ליריק פון גאָטפריד קעלער באַהערשט מייסטעראהאַפט אָט דאָס מיטעל. אויך — דאָס פאָלקסליד. לאָמיר שוין דאָ דערמאָנען נאָך אָן אופן פון פּאָעטישער פאַרשטעלונג. אזוי ווי פאָרם און געגענשטאַנד שפּילען די זעלבע ראָלע, באַאיינפלוסען נעמליך מיט זייערע ניט־בילדליכע איינדרוקען, איז מעגליך אויך א צוזאַמענקלאַנג צווישען פאָרם און געגענשטאַנד, און ניט בלויז צווישען די פאָרמען גופא איינע מיט דער אנדערער, אין ניט בלויז צווישען די געגענשטאַנדען איינער מיט דעם אנדערען. אויף אזאַ אופן קאָן מען נאָך פאַרטיפען די פאַדערונג פון פּאָעטישער בילדערישקייט : די לעצטע דאַרף באַלעבען דעם געגענשטאַנדליכען איינדרוק, מיט פאָרמען, וואָס זיינען איינהייטליך לויט'ן טאָן. אזאַ צוזאַמענקלינגען באַדינגט די קראַפט פון דעם איינדרוק, וואָס א פשוט בילד וואָלט ניט געקאָנט דערגרייכען. מיר שפּירען דעם געגענשטאַנד, גלייך ווי ער וואָלט געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אינערליך ליכט און מיר באַקומען אָפּט פון אים א שטאַרקערע איבערלעבונג, ווי ווען ער וואָלט געשטאַנען לעבעדיגערהייט פאַר אונזערע אויגען אָדער אין דער פאַנטאַזיע.

---

זיינען ניט ריכטיג. איך טראָג, למשל, געוועהנליך איבער דעם אָרט פון האַנדלונג איז א געוויסער ערצעהלונג אין מיין היימישען דאָרף. א זאַך, וואָס קלעפּט זיך מערכטענטיילס זעהר שלעכט. אָדער ווען איך לעז רילקעס „איינהאָרן“, („אוניקאָרן“) — זעה איך, אמת, עפּעס זעהר קלאָרעס, אָבער עס איז גאָרניט קיין „איינהאָרן“, נאָר א כאָרנע, אַן עראינערונג אָן א שעהנער אַנטיקער בראָנז־פיגור. אַט די געשטאַלט פּאַסט זיך גאָרניט אהער, טראָגט אריין עפּעס פרעמדעס, שטערט אין דער אמת׳ן. אָבער ניט קוקענדיג דערויף רופט דער „איינהאָרן“ אין מיר די שטאַרקסטע איבערלעבונגען, נאָר, פאַרשטעהט זיך, ניט דערפאַר, וואָס ביי מיר אַנטשטעהט די דערמאָנטע געשטאַלט.

וואָס באַדייט אָבער די פאָדערונג פון בולטקייט, וויבאַלד זי האָט ניט צו טאָן מיט די געשטאַלטען פון דער פאַנטאַזיע, קאָן מיט זיי ניט האָבען צו טאָן, מחמת זיי ווערען ניט באַשטימט דורך דעם פּאָעט? זי קאָן באַדייטען בלויז איינס: דעם ניט־בילדליכען איינדרוק פון דעם אָביעקט; דאָ ווערט געפאָדערט א לעבעדיגער און שטאַרקער איינדרוק.

ווערטער און ווערטער־קאָמבינאַציעס זיינען ניט גלייך לויט דער קראַפט פון זייער סוגעסטיע. דער פּאָעט דאַרף פאַר זיין שילדערונג אויסקלייבען די דייטליכסטע ווערטער. זיין פאָרשטעלונג דאַרף אריין אין דער נשמה. די בילדליכקייט פון דעם וואָרט האָט דערביי, נאַטירליך, א סימפּטאָמאַטישע באַדייטונג. אויב דער ניט־בילדליכער איינדרוק פון׳ם אָביעקט איז באַזונדערס לעבעדיג לאָדט ער זיך לייכט אויס אין א ריי אָפּגעריסענע געשטאַלטען. אזוינע פראַגמענטען פון דער פאָרשטעלונג־קראַפט זיינען פונקט אזוי ווייניג דער ציל פון פּאָעזיע, ווי יענע געשטאַלטען פון דער פאַנטאַזיע, וועלכע ווערען צענויפגעפלאָכטען מיט די קלאַנגען פון מוזיק. נאָר אויב אַזוינע פראַגמענטען אַנטשטעהען, איז דאָס א סימן, אַז דעם פּאָעט איז געלונגען צו געבען א מעכטיגען, כאָטש ניט־בילדליכען איינדרוק פון דעם אָביעקט. דערין איז די הויפּטזאַך, און די בילדליכע אַסאָציאַציעס, וואָס לאָזען זיך ניט אַנכאַפּען — דאָס איז בלויז אַן אומוויכטיגע באַפּוצונג. דער פאַרגלייך איז א באַקאַנט מיטעל פון דער שילדערונ־

ווערטער. אבער דעם בילד׳ס רעטאלען ווערען דורך די ווערטער ניט באשטימט. וואס פאר א פארמען דאס בילד וועט אננעמען, גענויער וואס פאר א באשטימטע געשטאלט וועט געבוירען ווערען אין דער פאנטאזיע פון דעם לעזער, דאס הענגט אפ פון דעם צופעליגען שפיל פון אסאציאציעס. דער פאעט גיט בלויז די טעמע פאר דעם בילד, דעם לעזערס פאנטאזיע פארענדיגט זי ערשט, אויב זי איז פעהיג דערצו. דערביי בלייבען די איינצעלהייטען פון דער טעמע גאנץ אומ־באשטימט. דער דיכטער איז ניט מער פאראנטווארטליך פאר דער געשטאלט, וואס שווימט ארויס אין דער פאנטאזיע פון דעם לעזער, ווי דער מעצענאט, למשל, איז פאראנטווארטליך פאר די בילדער, וואס ער באשטעלט ביים מאלער. צי די געשטאלט אין מיין פאנטאזיע איז שעהן אדער ניט שעהן — דאס ווענדט זיך ניט אן דעם פאעט, נאר אן מיין אייגענער קינסטלערישער באגאבטקייט. מיט איין ווארט: אזוי ווי די אנטשטעהונג פון א בולט בילד איז ניט א רעזולטאט פון דעם דיכטערס איינפלוס, קאנען די בילדער, גיט האבען קיין וועזענט־ליכע באדייטונג פאר זיין ווערק. די פארענדיגונג פון די וועזענטליכע שטריכען קאן דאך ניט איבערגעלאזען ווערען פאר דעם צופעליגען קאפריז פון אסאציאציעס.

באאבאכט זיך אויפמערקזאם און זייט אויפריכטיג — פאר די מערסטע איז דאס ניט אזוי שווער, אויב דער פאראורטייל וועגען דער פאעטישער קאנטעמפלאציע פון בילדער איז נאר צעשאקעלט—און איר וועט מוזען מודה זיין, אז די פאנטאזיע פארנעמט זיך ס׳רוב גארניט מיט דער שאפונג פון פארענדיגטע בילדער. זייערע פראגמענטען שווימען ארויף אין דעם שטראם פון קלאנגען־איינדרוקען. אט די פראגמענטען זיינען אבער אזוינע פליענדיגע און נעפעלדיגע, אז, זיי שווימען ארויף כדי באלד ווידער זיך פונאנדערצושווימען. און דאך פאנגט אונז די פאעטישע פארשטעלונג פון דעם געגענשטאנד, און עס איז זעהר מעגליך, אז ווען אונזער פאנטאזיע, וואלט זי דערמאלט, וואלט אט די פאעטישע פארשטעלונג פארלארען איר שעהנקייט. איך באמערק אפט, אז בעת איך הער א פאעטיש ווערק, אנטשטעהען אין מיר אזוינע בילדליכע פארשטעלונגען, וואס איך ווייס גום, אז זיי

## בראָדער קריסטיאַנסען

וואָל, האָט אויך, זעהט אויס, יעדער אונז באַקאַנטער רעאַלער אָביעקט זיין איינענע אים כאַראַקטעריזירענדע שטימונג־אימפּרעסיע, און אָט די לעצטע איז גענוג צו אונטערשיידען די אָביעקטען אין דעם פּראָצעס פון דעם ניט־בילדליכען דענקען.

---

מיר וועלען איצט פּרואווען צו באַווייזען, אז דער ציל פון פאַר־שטעלען דאָס געגענשטאַנדליכע אין דער קונסט איז ניט *דאָס זינליכע בילד פון דעם אָביעקט*, נאָר דער *ניט־בילדליכער* איינדרוק. מיר וועלען אָנהויבען פון פּאָעזיע און מיר וועלען זיך קודם כל אָפּשטעלען דערביי, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס דער שטאַרקסטער אַרגומענט געגען אונזער גרונד־הנחה. געוועהנליך פאָדערט מען ביים פּאָעט די *בולטקייט* פון שילדערונג. איך וויל געבען אַ פּאָר ביישפּילען, וואָס וועלען דאַכט זיך מיר, פולשטענדיג באַפרידיגען אָט די פאָדערונג.

אָט זיינען מעריקעס פערזען:

זעה נאָר: די קינדערישע בלעטער פון קאַשטאַן
הענגען ווי פליגען פון נאַסליכען שמעטערלינג,
וואָס האָט פאַרלאָזט ערשט זיין קאָקאָן.

און אָט ציטירען מיר פון ליליענקראָן'ען:

און רוהיג איז די געלע רויז געלעגען
אויף שוואַרצען סאַרקאָפאַג אינ'ם זאַל פון מאַרמאָר.

גיט דאָס אונז עפּעס אַ בילד? מסתמא. ביי מיר קומט עס אַרויס אָביסעל ניט פול. ביי אַ מאָלער קאָן עס אָבער זיין אַזוי גענוי, אַז ער וואָלט דאָס בילד געקאָנט אויפצייכענען. אָבער לעזט אָט די פערזען פאַר עטליכע מאָלערס און בעט זיי צו מאַכען דערפון אַ צייכענונג און דערביי זאָלען זיי פון זיך אַליין גאָרניט צו־געבען. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז קיינע פון די צייכענונגען וועט ניט זיין ענליך איינע צו דער אַנדערער. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז אַ זינליך בילד קאָן אַנטשטעהן אַלס רעזולטאַט פון דעם פּאָעטס

הייסט עס, אַז מיר זוכען די עראינערונג פון דעם בילד פון דעם אביעקט מיט דער הילף פון דער ניט־בילדליכער אביעקט־פאַרשטעלונג. אויב די אַנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט באַזייטיגט יעדע אריינ־דרינגונג פון דרויסען, און ניט קוקענדיג דערויף, שווימט דאָס גע־זוכטע ארויף ניט מיט אַמאָל, דערגרייכט דאַן די ניט בילדליכע אבי־עקט־פאַרשטעלונג, וואָס „זוכט" אין אונז, אַזאַ ברייטקייט און אינ־טענסיוויקייט, אַז עס פילט אונז אַן אינגאַנצען. דאָס איז טאַקע יענער מאָמענט, ווען די שנעלע אריינמישונג פון דעם אַנאַליז קאָן אים אויפ־כאַפּען. און וואָס געפינען מיר דעמאָלט? איז דאָס ניט האַמאַגעניש מיט די איבערלעבונגען וואָס מיר רופען: שטימונגען? איז עס ניט ענליך צו דעם צווייטערליכען איינדרוק פון א פאַרב־שאַטירונג, ווען די קאָליר פילט פון אומעטום אַן אונזער אויג און מיר זיינען אינגאַנצען בלויז ראיה? אדער איז עס ניט ענליך צו דעם קלאַנג־איינדרוק? פאַרמאָגט עס ניט קיין באַשטימטע אינדיווידועלע אייגענשאַפט, און געפינען מיר ניט אין אנדערע עמאָציאָנעלע אייגענשאַפט אין יעדען נייעם רעאַלען אביעקט?

איך האָב מיט דער הילף פון די נעמען געזוכט איינעם נאָכ'ן אנדערען די געשטאַלטען פון צוויי מיינע פריינד פון דער פריסטער יוגענד, און צוזאַמען מיט זייערע נעמען איז אין מיר אַנטשטאַנען עפּעס אַזוינס באַשטימטעס לויט דער אייגענשאַפט אַז איך וואָלט עס גע־קאָנט פאַרגלייכען מיט א טעם־געפיל אויפ'ן צונג; און אויב די גע־וואונשענע בילבערע וואָלטען ערשינען, וואָלטען זיי געדאַרפט באַ־ווייזען זייער אידענטיטעט מיט דער הילף פון אָט די עמאָציאָנעלע אייגענשאַפטען. אָבער פונקט, ווי דער פאַרב־איינדרוק אַנטוויקעלט זיך געוועהנליך ניט אין אַן אמת'ער זעלישער שטימונג נאָר בלייבט בלויז אַלס א פראַגמענט פון א שטימונג, אַזוי קומען מיר אויך צו דער היפּאָטעזע — ווען מיר פאַרטייטשען אונזער באַאָבאַכטונג אין אַן אַנאַלאָגישען זין, — אַז די ניט־בילדליכע פאַרשטעלונג פון דעם גע־געגנשטאַנד, וואָס מען קאָן געווענליך ניט אויפכאַפּען, טראָגט דעם כאַ־ראַקטער פון אַן עמאָציאָנעלען עלעמענט.

ווי יעדע פאַרב, יעדע רוימליכע פאָרם, יעדער קלאַנג־אינטער־

פראַצעס קומט פאַר — אויב דער מענש איז ניט קיין ליטעראַט לויט דער פראָפעסיע, אַפט אויך אפילו אין אַזאַ פאַל — סיי אָהן געגענשטאַנדליכע בילדער חיי אָהן וואָרט־בילדער. עס איז ניטאַ קיין צייט אפילו פאַר דער זינליכער פאַרשטעלונג פון ווערטער, און דער געדאַנק זוכט בלויז אויף צוריק און גאַנץ שווערליך אַ פאַסיגע וואָרט־באַדייטונג. עס זיינען דעריבער פאַראַן אָביעקט־פאַרשטעלונגען פון אַ גאַנץ ניט־בילדליכען כאַראַקטער, אָבער זיי זיינען פאַרט גענוג באַשטימט פאַר דער אונטערשיידונג פון די אָביעקטען. און אַט די ניט־בילדליכע פאַרשטעלונגען זיינען באַוועגליכער, איידער די בילדליכע, זיי אַנשטעהן אפילו שנעלער, ווי די ווערטער. אַ דאַנק זיי איז מעגליך דער גרעסטער איבערבייט פון די פאַרשטעלונגען דערפאַר איז שווער זיי צו באַאָבאַכטען און אין דעם מאָמענט, ווען מיר ווילען זיי אויפכאַפען און אַנאַליזירען — זיינען זיי שוין מער ניטאַ; און עס דאַכט זיך, אַז אין דעם באַוואוסטזיין איז באמת גאָרניט געווען, גלייך ווי אונזער דענקען וואָלט אייגענטליך פאָרגעקומען אָהן שום דענקען, גלייך ווי מיר וואָלטען נעקאַנט טראַכטען וועגען אָביעקטען, ניט האָבענדיג אין אונזער באַוואוסטזיין קיין שום פאַרשטעלונג וועגען זיי.

עס זיינען אָבער פאַראַן פאַלען, ווען די ניט־בילדליכע פאַרשטעלונגען קאָנען זיין דורעהאַפט, זיין אימשטאַנד צו וואַקסען. ווען מיר ווילען, למשל, זיך דערמאָנען אַן דער פאַרגאַנגענהייט דאַרפען מיר האָבען עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן צוציען צו זיך אַסאָציאַציעס. אַנשטרענגענדיג אַלע אינערליכע כחות אונזערע און איינשליסענדיג זיך אין זיך, כאַפען מיר זיך אַן אַן אַט דעם פונקט אין אונזער באַוואוסטזיין, און מיר וואַרפען אויף אים דאָס העלע ליכט פון אויפמערקזאַמקייט. אַפט איז דער דאָזיגער קאָנצענטרירענדער פונקט עפּעס אַ בילדליכע פאַרשטעלונג, אַזאַ, וואָס שטעהט אין אַ געוויסער פאַרבינדונג מיט דעם געזוכטען. אָבער ניט זעלטען איז דערביי ניטאַ קיין שום בילד, און פאַר דער אַרויסרופונג פון דער אַסאָציאַציע איז ניטאַ קיין שום זאַך, אויסער דעם נאָמען פון דעם געזוכטען אָביעקט. צוזאַמען מיט דעם לעצטען ערשיינט אַט די ניט־בילדליכע פאַרשטעלונג וועגען דעם, וואָס דער דאָזיגער נאָמען באַצייכענט. עס פאַסירט,

איידער אויפצולעבען א זינליך בילד. אדער אפשר ווערט דאס בילד פון דעם אביעקט פארביטען דורך א ווארט, א געהערטס, א געלעזענס אדער א ווידערהאלטס פאר זיך — ד. ה. דורך דעם זינליכען בילד פון דעם ווארט? קלאר איז אבער, אז דאס ווארט וועט אן און פאר זיך ניט זיין די פארשטעלונג פון דעם אביעקט, ווייל ניט אלע ווערטער פארשטעהען מיר דאך, למשל: די ווערטער פון אן אומבאקאנטער שפראך. צו פארשטעהן א ווארט מיינט נעמליך צוצוגעבען צו דעם ווארט־בילד עפעס נייעס: די פארשטעלונג דערפון, וואס דאס ווארט דריקט אויס. פאר דעם פארשטעהן פון די ווערטער דארף אין דעם באוואוסטזיין צוזאמען מיט דעם ווארט־בילד אויך זיין די אביעקט־פארשטעלונג: הייסט עס, אז דאס ווארט אליין איז ניט גענוג. דאס ווארט אליין אהן דער באגלייטענדער אביעקט־פארשטעלונג וואלט גע־ווען א קלאנג פון א גאנץ אומבאקאנטער שפראך. דערויף פלעגט מען איינגווענדען: די אביעקט־פארשטעלונג איז פארבונדען בלויז מיט די ווערטער, וואס זיינען אונז באקאנט, אבער מיט די אומבאקאנטע ווער־טער—ניט. אויב מיר וואלטען געוואוסט מיט וואס איין ווארט אונטער־שיידט זיך פסיכאלאגיש פון דעם אנדערען, וואלטען מיר אפשר משיג געווען די ניט־בילדליכע פארשטעלונג פון דעם אביעקט. אבער אט דעם אונטערשייד שפירען מיר אלס א געוויסע שאטירונג, וועלכע מען קאן, אויב איר ווילט, באצייכענען אלס דאס געפיל פון באקאנטקייט. איז עס אידענטיש מיט דעם פארשטעהן דאס ווארט? אזוי האט מען באהויפטעט. דאך איז דאס ניט דענקבאר. דאס געפיל פון בא־קאנטקייט איז אלעמאל געווען, קומט דעריבער אויס, אז אלע באקאנטע ווערטער וואלטען גענדארפט האבען דעם זעלבען זין. פונקט אזוי זעהן אונז אויס ווערטער פון א שפראך, וועלכע מיר האבען פריער בא־הערשט, אלס באקאנט, כאטש מיר פארשטעהן זיי ניט מער, און מיר ווייסען ניט, וואס זיי באדייטען.

די איבערצייגענדסטע אפלייקענונג פון דער טעאריע, אז די פאר־שטעלונג פון דעם אביעקט ווערט פארביטען דורך דעם ווארט, אויב עס פעלט דאס בילד, באשטעהט אין דעם, וואס בעת דער פארשטעלונג פון דעם אביעקט קאן דאס ווארט פעלען. א זעהר שנעלער דענקונגס־

טען זיינען פארבונדען צווייטערליכע איינדרוקען, און צוליב אָט דעם צוועק ציען מיר די אויפמערקזאמקייט פון דעם לעזער צו דער פראגע: ווי אזוי שטעלען מיר זיך פאָר די אָביעקטען? געוועהנליך ענטפערט מען: מיט דער הילף פון דער זינליכער אויפפאסונג. ווי אָבער, אז די אָביעקטען זיינען דערווייטערט פון אונז, ד. ה. ניט צוגענגליך פאָר דער אויפפאסונג, אויב זיי זיינען אומגעקומען? דאן שטעלען מיר זיך פאָר די זאכען א דאנק די אָפּשטעמפּלונגען, וואָס זיינען פארבליבען אין זכרון, אלס געדעכענישען פון די זינליכע איינדרוקען. און אויב מיר האָבען קיינמאל ניט געזעהען דעם געגנשטאנד, דאן שטעלען מיר צו־נויף זיין געשטאלט דורך דעם, וואָס מיר קאָמבינירען יענע זינליכע דאַטען, וואָס זיינען פאַרבליבען אין די עראינערונגען. מיט איין וואָרט, עס איז פאַראַן אָ מיינונג, אַז די קאָנקרעטע אָביעקטען ערשיינען אויף אזאָ אָדער אַן אנדערען אופן א י ן ב י ל ד ע ר. אין אָט דער מיינונג איז פאַראַן אָ קערן אמת. אָהן צווייפעל געפינען מיר אין זיך אזוינע איבערלעבונגען. דאָך, ווען מיר קוקען זיך אריין טיפער, קע־נען מיר לייכט באַמערקען, אַז די ערשיינונג פון דעם אָביעקט קומט מ ע ר ס ט ע נ ט י י ל ס אנדערש פאָר. וואָס קומט פאָר אין אונז ווען מיר לעזען אָדער הערען אויף שנעל אָ געוויסע ערצעהלונג? דאָרט רעדט זיך וועגען א סך זאכען, אַלץ נייע געגענשטאַנדען שווימען ארויס און טרעטען אריין אין נייע באַציהונגען צווישען זיך, און מיר פארשטעהען יעדעס וואָרט: הייסט עס, אַז מיר שטעלען זיך פאָר די אָביעקטען. אנטשטעהען אָבער אויך דערביי די ב י ל ד ע ר פון די אָביעקטען? מעגליך, אָבער אַזוי אומדייטליך, אַז זיי זיינען ניט גענוג פאַר א פינקטליכער אונטערשיידונג פון די אָביעקטען. דאָך זיינען מיר, ניט קוקענדיג דערויף, זיכער, אַז מיר מישען ניט צענויף איינעם פון די אַנגערופענע אָביעקטען מיט די אַנדערע. פאָר די מערסטע פון זיי זיינען צומאל ניטאָ קיין ברעקלעך עראינערונגען. אָהן ספק שאַפען מיר זיך אויך דאָ פאַרשטעלונגען פון די אָביעקטען, מיר פאַרשטעהן דאָך די באַדייטונג פון די ווערטער. קיין בילדער זיינען אָבער דאָ ניטאָ. און אָט די בילדער קאָנען ניט פארביטען ווערען דורך באַ־גריפען, מחמת צו דענקען באמת א געוויסען באגריף איז פיל שווערער

אויך אין דעם געגענשטאנדליכען דורכפירען אן אונטערשיד צווישען דער זינליכער ערשיינונג און דעם צוויטערליכען איינדרוק? אפשר באטייליגט זיך בלויז דער לעצטער, אן אבסטראהירטער פון דער גע־שטאלט פון דעם געגענשטאנד, אין דעם סינטעז פון דעם עסטעטישען אביעקט? דאן וואלט פארשטענדליך געווארען דאס, וואס האט אונז פריער געחידושט: ווי אזוי עס איז מעגליך א פאראייניגונג צווישען פארם און אינהאלט, און ווי קען זיין א רייד וועגען זייער אנטשפרעכונג אדער ניט־אנטשפרעכונג, וויבאלד מיר מוזען זיך דוקא אבסטראהירען פון דער געגענשטאנדליכער באדייטונג פון די פארמען, כדי אויפצו־פאסען די זינליכע אייגענשאפטען אלס פארמען.

כדי צו באזייטיגען מיספארשטענדנישע, מוזען מיר גלייך ער־קלערען פאלגענדעס: אויב מיר רעדען דא וועגען די שטימונג־אימפרע־סיעס און וועגען דער מעגליכער עמאציאנעלער פיזיאנאמיע פון דעם געגענשטאנד, האבען מיר אין זינען ניט די פאלשע און ליגנערישע ראמאנטיק, מיט וועלכער עס קוויקען זיך נאאיווע הערצער, די ביליגע שפייז פון דער סענטימענטאליטעט. מיר שליסען זיך אויך ניט אריין אין דעם קרייז דערפון, וואס ווערט אין א מער נאבעלען זין באצייכ־נעט אלס די „קונסט פון שטימונגען." מיר בעטען זיך צו דערמאנען אן דעם, אז מיר האבען ניט גערן געוואלט איינשטימען מיט נעמען און אננעמען זיין אויסדרוק „זעלען־שטימונג" פאר די צוויטערליכע פאר־בען־איינדרוקען. דאס זיינען אייגענטליך גאר ניט קיין שטימונגען. דאס איז ווייניגער ווי א שטימונג — אפשר בלויז עלעמענטען פון שטימונגען, דיפערענציאלען, עפעס אזוינס, וואס קען ווערען א שטי־מונג ערשט נאכדעם, ווי עס האט זיך פארשטארקט און פונאנדערגע־וואקסען. בלויז וועגען עלעמענטען פון אזא מין קען אויך זיין א רייד, ווען מיר קומען צום געגענשטאנדליכען. פילע אינהאלטען גיבען גאר ניט קיין גאנצע שטימונג און דאך קענען זיי זיין ווערטפול אין דעם קונסטווערק. אין אונזער אויספארשונג שטעלען מיר זיך ניט אלס ציל צו פארטיידיגען די קונסט פון שטימונגען, אויך ניט צו רעדען נעגען איר.

מיר וועלען פרוואווען קודם כל צו ווייזען, אז מיט רעאלע אביעק־

צו דער וועלבער צייט גענצליך פארשידען לויט זייער גייסטיגען אינ־האלט. געטע ווייזט אז דערויף, מיט וואס פאר א לייכטקייט די געלע פארב בייט ראדיקאל דעם כאראקטער פון דער שטימונג, וואס זי האט געשאפען. די קלענסטע ענדערונג אין דער שאטירונג פון אט דער פארב האט א באדייטונג. דערפאר פאסירט אפט ביים אויסערליכען נאכמאכען די פארמען פון א ווערק, אז דער ווערט פון די פארמען ווערט באזייטיגט צוליב דעם, וואס דער קאפיסט פארמאגט ניט גענוג עמפינדונג צו פארמען און איז ניט בכח אויפצופאסען פארשידענע שאטירונגען.

דערפאר איז עס אויך ניט זעהר זיכער אין דער קונסט צו נעמען די זינליכע עלעמענטען פון די פארמען אלס אויסגאנגס־פונקט. שוין בעסער צו מאכען דאס געגענשטאנדליכע פאר אט דעם פונקט. און כאטש מיר שרייבען שטארק אונטער די באדייטונג פון די פארמען פאר דעם קונסט־ווערק, ווילען מיר דערמיט ניט זאגען, אז די פארם דארף זיך אויסערליך שארף ווארפען אין די אויגען. די פארמען קע־נען זיין שרייענדיג און ארויפצווינגענדיג אין זייער זינליכער ערשיי־נונג, און דאך זיין ארים אין אינהאלט. גיכער איז די הויפטזאך אזא ארדנונג פון פארמען, וואו זינליכע איינדרוקען טרעטען אריין אין טעלעאלאגישע פארבינדונגען. זיי דארפען ארויסווייזען זייערע סימ־פאטיעס און אנטיפאטיעס, אויסגעפינען זייער פארוואנדשאפט, איינ־פראבירען זייער קראפט אויף ווידערשטאנד, און דערגרייכען די פאר־ענדיגקייט אין געגענזייטיגע היפיכיב. די אויסערליכע פארשווענדע־רישקייט פון פארמען, ווי ביי פידיס'ען אדער ביי וואן־דע־פעלד'ען, איז בלויז א מאניעריזם און באשאפט ניט קיין שום וויכטיגעס. פארקערט, ביי קינסטלער, ווי האלביין און לעיבעל, טרעט די פארם ניט ארויס בולט, און דאך באזעלט זי דאס גאנצע ווערק מיט איר עמאציאנעלען אינהאלט.

---

דאס וואלט געווען גענוג פאר אונזערע צוועקען, ד.ה. פאר דעם אנאליז פון דעם כאראקטער פון די פארמען. צי קען מען אבער ניט

דעם קומענדען. אין אַט דעם צענויפגוס פון די מאָמענטען פון דער ריי, ווערט די ריי־פאָלגונג פאַרוואַנדעלט אין אַ צוזאַמענעקזיסטענץ, און ווען דער פינאַל, וואָס זיין דערנעהענטערונג פילט יעדער איינער, ברענגט מיט זיך די אַנטשיידונג, דויערט נאָך אויך די אַנשטרענגונג פון ערוואַרטונג, וואָס איז געקומען פון סאַמע אָנהויב; ווי אויך דער קאַמף צווישען די פאַרשידענע קרעפטען, וואָס איז פאַרגעקומען צווישען די דאָזיגע מאָמענטען. אויף אַזאַ אופן פאַרשווינדט אין אַ געוויסען זין פאַר די שטימונג־אימפּרעסיעס דער אונטערשייד צווישען די זינליכע פאָרמען פון דער צוזאַמענעקזיסטענץ און די זינליכע פאָרמען פון דער ריי־פאָלגונג: ביי די לעצטע בלייבט פון זייער גאַנצער ריי בלויז דער טעלעאָלאָגישער מאָמענט, בעת ביי די ערשטע ווערט דאָס צוזאַמען עקזיסטירענדע פריער פאַרוואַנדעלט, אַ דאַנק דער צעטיילענדער קראַפט פון דעם טראָפּ, — אין אַ טעלעאָלאָגישער ריי, און אַלס אַזעלכע ווערט זי סוקצעסיוו צונויפגעגאָסען.

---

אונטער דעם זעהבאַרען — דאָס ניט זעהבאַרע, אונטער דעם הערבאַרען — דאָס ניט הערבאַרע; אונטער דער זינליכער ערשיינונג פון פאָרמען — זייער גייסטיגער אינהאַלט. אמת דאָס לעצטע הענגט אָפּ פון דעם ערשטען, מחמת די פאָרמען זיינען נויטווענדיג פאַר דער אויפוועקונג פון דעם גייסטיגען אינהאַלט. און דאָך איז אַט דער אינהאַלט ניט אין אַלע הינזיכטען פּראָפּאָרציאָנעל צו די פאָרמען. אַט דער גייסטיגער אינהאַלט פון די פאָרמען האָט זיך זיין אייגענע פריינדליכע און פיינדליכע וועלט, ער קניפּט אָן פאַרבינדונגען, וואָס קיין שום זינליכעם ענטשפּרעכט זיי ניט. מיר האָבען שוין גערעדט וועגען דעם, אַז די פאָרמען קענען זיך ווייט פאָנאַנדערגעהן צווישען זיך אין זייער זינליכער אייגענשאַפט, און דערביי דאָך זיין פאַרוואַנדט אין זייערע שטימונג־אימפּרעסיעס. עס איז פאַראַן, למשל, אַ שאַטירונג פון רויט, וואָס איז ענליך צו דעם דונערענדען שאַל פון אַ טרומייט. און פאַרקערט: אויסערליך קענען די פאָרמען זיין ענליך און

פון די שטימונג־אימפּרעסיעס. געוויס, אויך דאָ קומט אונז אויס צו זאָגען דאָס זעלבע: אַנהאַלטען זיי אַפּגעטיילטערהייט אין אַנטפּלעקען זיי פאַר'ן בליק אין זייער פולער גאַנצקייט איז נישט אימשטאַנד אַפּילו דאָס סאַמע פילאומפאַסענדיגסטע באַוואוסטזיין. אויב די טעגער מוזען פאַרשווינדען און דאָך איבען זיי אויס זייער ווירקונג, איז דאָס מעגליך נאָר ביי דעם באַדינג, *ווען די פאַראייניגונגס־פאָרם פון די שטימונגס־אימפּרעסיעס איז ניט קיין עקסטענסיווקייט, ניט קיין צוזאַמענעקזיסטענץ אין באַוואוסטזיין, נאָר אַן אינטענסיווקייט, אַ צענויפגוס.*

און שוין דער פאַקט אַליין, וואָס דער אויסגעהערטער טייל פון דעם שטיק בלייבט איבער אין זכרון און ווירקט אויף די נייע קלאַנגען, און וואָס אַלץ נעמט זיך דאָ פון די שטימונג־אימפּרעסיעס, און ניט פון די זינליכע איינגענשאַפטען פון די קלאַנגען, אָדער פון דעם זכרון, וואָס רעפּראָדוצירט זיי — אַט דער פאַקט גופא ווייזט אָן, אַז די שטימונג־אימפּרעסיעס פון דער ריי־פאָלגונג פון די טענער גיסען זיך צענויף איינע מיט דער אַנדערער און פאַרבלייבען אויף אַזאַ אופן אין דעם באַוואוסטזיין. איז דאָס ניט אַזוי? יעדער נייער טאָן, וואָס מיר הערען, און יעדער אינטערוואַל, וואָס שליסט זיך אָן אין דער ליניע, וועלכע עס בילדעט די מעלאָדיע, קומט צו ניט אַלץ ניי גליד, וואָס זאָל זיך לעגען זייט ביי זייט — אויף אַן עקסטענסיווען אופן — מיט די אַלטע, נאָר גיסט זיך צענויף מיט עפּעס דויערענדיגעס, און אַט דער „עפּעס“ געהט דורך אַ געוויסע פאַרוואַנדלונג און ווערט אַביסעל רייכער. אין דער אמת'ען איז די מעלאָדיע גאָר ניט קיין אויסגעצויגענע ליניע. אַלס אַזאַ ערשיינט זי בלויז ביי דער עמפּירישער באַטראַכטונג פון דער צייטליכער ריי־פאָלגונג. די מעלאָדיע איז פאַר דעם, וואָס פאַסט זי אויף, אַן איבערלעבונג, וואָס בייט זיך און וואַקסט כסדר, אין וועלכער די אויפגעפאַסטע עלעמענטען פאַרבלייבען דאָך און דרינגען דורך איינער דעם אַנדערען: אַן איבערלעבונג, אין וועלכער דאָס פריהערדיגע לעבט נאָך און באַווירקט די ערוואַרטונג פון

ענר און האַרמאָניעס, ווען די קלאַנגען־כוואַליע האָט דערגרייכט איר מיטען? נייע טענער פילען איצטער אָן מיין אויער, די פריהערדיגע זיינען אָפּגעשטאָרבען; אַלס זינליכע ערשיינונגען עקזיסטירען זיי מער ניט. אָדער איז עפּעס געבליבען פון זיי אין מיין באַוואוסטזיין? עס זעהט אויס אַז יאָ, אַניט וואָלט געוועזען גאַנץ עגאַל, צי איך האָב נאָכגעפאָלגט די טענער פון אָנהויב אָדער ניט. וואָס אָבער איז געבליבען אין באַוואוסטזיין פון די פריהערדיגע קלאַנגען? די טענער גופא? ליגען זיי אָפּגעשטעמפּעלטערהייט אַלס געשטאַלטען פון זכרון *איינער לעבען דעם אַנדערען* אין מיין באַוואוסטזיין? דאָס איז אוממעגליך. קיין שום זכרון וואָלט זיי ניט געקענט איינהאַלטען, קיין שום באַוואוסטזיין וואָלט ניט געוועזען אימשטאַנד אָנצוהאַלטען אַ צו גרויסע צאָל קלאַנגען און פאָרשטעלען זיי אין איין זעהונגספעלד.

נאָר אויב עס וואָלטען געבליבען בלויז מאַנכע פון די געהערטע טענער, וואָלטען זיי אַלס גאַנצעס באַשאַפען אַ פאַלש בילד; זיי וואָלטען צענויפגעשטעלט אַן אַנדער גאַנצעס — ניט דאָס, וואָס מיר האָבען געהערט. מען קען אָבער ניט רעדען וועגען אַ צענויפּפאַסונג פון די זינליכע קלאַנגען־איינגענשאַפטען: די ערשיינונגען פון דער אַקוסטישער טענער־צענויפמישונג גיבען גאָר אַן אַנדער רעזולטאַט, ווי אַ *ריי־פאָלגונג פון טענער*. אויב דער מוזיקאַלישער זכרון וואָלט באַזירט אויף דעם צענויפגוס פון טענער, וואָלט ער פאַרקריפּעלט דאָס בילד פון דער געהערטער מעלאָדיע. זאָלען אַלע טענער פון אַ מעלאָדיע אַ קלינג טאָן מיט אַמאָל אין צוזאַמען, וועט זיך באַקומען גאָר אַן אַנדער זאַך, ווי זייער ריי־פאָלגונג.

די אָפּגעטיילטקייט פון טענער איז נויטווענדיג פאַר דער מעלאָדיע, אָבער ניט אַזוי קען דאָס מוזיקאַלישע ווערק אָפּגעהיט ווערען אין דעם באַוואוסטזיין. און דאָך זאָגען מיר: עפּעס איז געבליבען אין זכרון, מחמת פאַר אונז איז ניט אַלין איינס, צי מיר פאָלגען נאָך דאָס שטיק פון אָנהויב אָן, אָדער ניט. אויב די טענער אַליין זיינען פאַרשוואונדען, און דער זכרון קען מער ניט אָנהאַלטען זייערע זינליכע בילדער, בלייבט איבער צו מאַכען די השערה, אַז אַלץ נעמט זיך

אבער אזוינע עלעמענטארע איינהייטען קענען זיך קאמבינירען אויף דעם פארשידענארטיגסטען אופן אויף דעם זעלבען בילד. דער איינפאכסטער פאל וואלט געווען יענער, וואו די אקצענטען פאלען צוזאמען און באשאפען איין אייבמערקזאמקייטס־צענטער דורך דעם, וואס זיי דרינגען אריין איינער אין דעם אנדערען און קלייבען זיך פאסענווייז אן איינער לעבען דעם צווייטען. ווען דאס אויג האט זיך אריענטירט, ווערט אט דער צענטער דער פונקט פון רוה פאר דער ראיה. פונדאנען לאזט זיך דאס אויג ווייטער זוכען נייע רייצונגען און נייע פראגען; אהער קערט זיך עס ווידער און ווידער צוריק, און דא געפינט עס דעם פינאל און אן ענטפער אויף יעדער פראגע. איצט איז קלאר, פארוואס די סימעטריע איז אזוי וויכטיג פאר דער קינסטלערישער אינדוסטריע און פאר דער ארכיטעקטור, און פארוואס די מאלעריי באנוצט זיך זעהר קארג מיט איר, אי דאס פאר גאנץ באזונדערע צוועקען.

אמאל רעדט מען וועגען א „באהאלטענער סימעטריע" אין בילדער, אבער אט דער אויסדרוק זאגט אונטער דעם פאלשען געדאנק, אז דא באגעגענט מען א געוויסע ארט סימעטריע אדער איר פארמילדערטע פארם. אין דער אמת'ען זעהט מען אין דער ווירקליכקייט דעם געגענזאץ און די אפלייקונגען פון דער סימעטריע. אט די „באהאלטענקייט" רופט דאך ארויס עפעס גאנץ נעגענזעצליכעס פון סימעטריע. די סימעטריע פארבינדט די טעלעאלאגישע דינאמיק, בעת אט די „באהאלטענקייט" בינדט פאנאנדער די כוחות מיט דער הילף פון א דייטליכען טראפ, מאכענדיג פון איינער פון זיי אן אויפרעגענדען מאמענט, און פון דער צווייטער — די אויסלאדונג פון דעם דאזיגען מאמענט.

---

די מוזיק אנטפלעקט פאר אונז אמלייכטסטען, ווי אזוי עס קומט פאר די קאארדינאציע פון איינדרוקען. ווען איך הער מוזיק, איז מיר דען אלץ איינס, צו איך הער דאס שטיק פון אנפאנג אדער בלויז פון מיטען? פארשטעהט זיך, אז עס איז א גרויסער חילוק. אבער פאר וואס? זיינען דען ניט אנטשוויגען געווארען אלע פריהערדיגע טע־

פון קעמפענדע כחות. דאס איז בלויז א מיטעל פאר באזונדערע צוועקען. ווען מען דארף, למשל, בייקומען א מאטעריעל געוויכט, איז נויטיג צו באפעסטיגען די ארויפשטייגענדע שטרעבונג און פארמערען איר ענערגיע. אויב די אנשטרענגונג פון דעם אויפהויבען וואלט באלאנסירט געווארען דורך אן אראפשטייגענדער ליניע, וואלט מען ניט געהאט מיט וואס צו באזיגען די קראפט פון דעם געוויכט.

א צווייזייטיגע סימעטריע גיט דאס בילד פון א שטרעבען אין דער הויך: דער טענעאישער אפאלא וויל ווי אפרייסען זיך פון דער ערד. כדי צו אנצוהאלטען פיגורען אין דער לופט, ווי אין דעם פאל, ווען מען וויל פארשטעלען דאס ארויפשטייגען אין הימעל, איז נויטיג א שטרענגע סימעטריע, ווענינגסטענס פאר דעם צענטראלען באאבאכטונגס־פעלד. די סימעטרישע פלאכען פון א דאך זיינען ניט גערוכט איינע אראפ, די צווייטע ארויף, נאר ביידע הויבען זיך אויף און האלטען אונטער איינע די אנדערע. דער סימעטרישער קאנטור פון פוזי־יאמא באדייט א שטרעבען ארויף. פארקערט, די ניט־סימעטרישע ליניעס פון בערג, די אומגלייכע זייטיגע ווענט פון א דרייעק און די קאנטורען פון א כוואליע אנטהאלטען א הויבען און א פאלען — איין קראפט לאדט זיך אויס אין דער צווייטער.

הייסט עס, אז כדי עס זאל זיך קענען אנטוויקלען א דינאמישע פארהעלטעניש צווישען צוויי צוזאמען עקזיסטירענדע איינדרוקען, איז נויטיג דער אקצענט. דערביי אנטהאלט דער שוואכער און ניט אונטערגעשטראכענער עלעמענט אן ארויסרוף, און דער אונטערגעשטראכענער — אן אויסלאדונג; דער לעצטער בארוהיגט דעם בליק און ווערט דעריבער דער פינאל. דער טראפ פארוואנדעלט דא די צוזאמענעקזיסטענץ אין א ריי־פאלגונג, ניט אין כראנאלאגישען, נאר אין טעלעאלאגישען זין. די בלייכע פארב רעגט אויף און די קאליר, וואס צייכענט זיך אויס מיט דעם שטח פון דער באפארבטער פלאך, מיט העלקייט, מיט דער אייגענארטיגקייט פון איר קראפט, אדער מיט אן אינטערעס צוליב אזא אדער אן אנדערען מאטיוו, — ווערט די טרעגערען פון ערפילונג. די ערשטע שטעלט די פראגע, די צווייטע גיט דעם ענטפער.

אַז אויסגאַנג און געפינט אים אין אַ צווייטען, אַ נייעם איינדרוק. אַ דאַנק אַט דעם לעצטען מין פאַרוואַנדשאַפט קאָנען זיך אויך די איינדרוקען קאָמבינירען אין אַ טעלעאָלאָגישער איינהייט.

אויב, ווידער, אַט די דינאַמישע געגענזייטיגע פאַרהעלטענישע צווישען צוויי גלידער, קאָן אַז און פאַר זיך איבערגעקערט ווערען, און די צייטליכע ריי־פאָלגונג באַשטימט נים ווערכעס פון זיי דאַרף טראָגען מיט זיך די אויפרעגונג און ווערכעס — די באַפרידיגונג; אויב זיי לאָזען זיך ביידע גלייכצייטיג באַטראַכטען, ווי דאָס פּאַסירט מיט די אָביעקטען פון זעהן, דאַן דאַרף די דיפערענצירונג באַשאַפען ווערען דורך דעם אַ ק צ ע נ ט. אויב מען זאָל צענויפשטעלען פּורפּור מיט גרין אין דעם זעלבען גראַד, וועט זייער צוזאַמענהאַנג ניט זיין איינגאַנצען אַנטוויקעלט. ער וועט זיין איינגעשמידט דורך דער סימעטריע. דאָס זעלבע קומט פאָר מיט ליניעס, פלאַכען, און קערפּערליכע פאָרמען. דער איינפלוס פון סימעטריע שמידט אַלץ איין. ביי דער סימעטריע איז ניט מעגליך קיין צעטיילטקייט צווישען שטרעבונג און פאַרווירקליכונג. וויבאַלד די ליניעס פאַלען צו סימעטריש איינע צו דער אַנדערער, קאָן איינע ניט באַדייטען אַ דערהויבונג און די צווייטע — אַ פאַלען. זייערע כחות זיינען דאָ גיכער פאַרבונדען איינס מיט'ן אַנדערען און זיי געהען אויף דעם זעלבען וועג. מען האָט דאָ פאַר זיך ניט קיין אַנשטרענגונג און ערפילונג. זיי קאָנען אפשר צוזאַמען אַריינטרעטען אין אַזאַ באַציהונג צו עפּעס אַ דריטען עלעמענט. דעריבער איז די סימעטריע אַ מיטעל אָדער בכלל צו פ אַ ר ה אַ ל־ט ע ן די אַנטוויקלונג פון כחות דאָרט, וואו זי וואָלט ערשינען אַלס איבעריג (מערסטענטיילס איז זי אַם פּלאַץ אין די אַנגעוואַנדטע קונסטען) אָדער זי העלפט אָנהאַלטען די קראַפט אין איין געוויסער ריכטונג און זי פאַרטאַפלען, אין פאַל עס איז נויטיג ביינצוקומען דעם ווידערשטאַנד פון אַ דריטען עלעמענט. אַזאַ פונקציע האָט די סימעטריע אין דער אַרכיטעקטור. די סימעטריע געהערט, דעריבער, נים צו די גרונד־ערשיינונגען פון דער עסטעטיק. גיכער איז אַזאַ ערשיינונג דער ניט־סימעטרישער צוזאַמענהאַנג צווישען אַנשטרענגונג און אויסלאָדונג, ווייל די סימעטריע באַדייט קודם כל אַ צענויפגעשמידקייט

אויב אין אַט דער קאָמבינאַציע בלייבט הערשען איין געוויסע טענדעניץ פון טאַנישער קוואַליטעט, אויב איין באַשטימטער טאָן ווערט ערוואַרט אַ׳ן עמפּ׳נדען אַלס די שליסענדע פאַרענדיגונג פון דעם גאַנצען, און צו דער זעלבער צייט איז ער דער באַזיס און די מאָס פאַר דער באַוועגונג פון די טאַנישע שריט: דער טאַנישער פונקט, פון וועלכען זיי יאָגען זיך אַוועק און צו וועלכען זיי דאַרפען זיך צוריקקערען; און אויב עס גיסען זיך צענויף דערמיט די איינדרוקען פון די ריטמען — דאַן אַנטשטעהט די געשטאַלט פון אַ געשלאָסענעם מוזיקאַלישען מאָטיוו פון א מעלאָדיע. אלס גאַנצעס — אַן אָנשטרענגונג און אַן אויסלאָדונג — טיילט זיך די מעלאָדיע דייטליך פאַנאַנדער אויף א קאָנטינואירטער ריי פון קלענערע אָנשטרענגונגען און רייצונגען, און עס איז באַזונדערס לייכט אויפצוכאַפען ווי די ריטמען־כוואַליעס ווערען קאָמפּליצירט, ווי זיי פלעכטען זיך צענויף מיט די אַנוואַקסונגען און פאַלונגען פון די טאַנישע שריט: זייערע שפּיצען פאַלען אָפּט צענויף איינער מיט׳ן אַנדערען. אָבער יעדע עלעמענטאַרע איינהייט, וואָס איז א פאַרבינדונג פון אָנשטרענגונג און אויסלאָדונג, האַלט דערביי אַן, ווי די ליניע, איר אייגענע געשטאַלט און באַשאַפט קוואַליטאַטיוו אַ באַזונדערען איינדרוק, וואָס טרעט פון זיין זייט אַריין אין אַ פאַרבינדונג מיט די אייגענשאַפטען פון דערזעלבער אָרדנונג. און אַזוינע גאַנצע געשטאַלטונגען — אַמאָל זיינען זיי פאַרקירצט — קאָנען זיך אין אַ צוזאַמעסיגען געבוי אַריינשליסען אין אַליץ ברייטערע און ברייטערע טעלעאָלאָגישע קאָמבינאַציעס.

---

דאָס זיינען בלויז עטליכע ביישפּילען דערפון, ווי אויף אַלע געביטען פון דעם זינליכען טרעטען אַרוים די כאַראַקטעריסטישע שטימונג־אימפּרעסיעס, און ווי צווישען זיי בילדעט זיך דאָ אַ פאַרוואַנדשאַפט אין דעם זין, וואָס זיי זיינען פון איין טאָן,—דאָ ווידערשפּרוכען. חוץ דעם, זעהען מיר, אַנטשטעהט אויך אַ פאַרבינדונג פון אַן אַנדער מין: די שטרעבונג, וואָס איז אייגען איין געוויסען איינדרוק, זוכט

איינער פון דעם אַנדערען אין דער טענער־סקאַלע אויף אַן אָקטאַווע: די אויבערשטע אָקטאַווע שאַפט אויפרעגונג, און ווען די אונטערשטע פאָלגט נאָך איר, ווערט זי דער באַרוהיגענדער פינאַל. ווען אַנדערע טענער קומען צווישען זיי, קענען זיי זיך אויך באַטייליגען אין אָט דער שטרעבונג; זיי פאַרהאַלטען זי, אָדער דערנענטערען צום ציל. אָבער צוזאַמען מיט די איינדרוקען פון די באַזונדערע טענער, איז וויכטיג דער אינטערוואַל — דער שריט פון איין טאָן צום צווייטען, וואָס פאָלגט נאָך דעם ערשטען. בעת די באַזונדערע טענער קען מען פאַרגלייכען מיט די פאַרבען־איינגענשאַפטען, דערמאָנען די טענער־אינטערוואַלען אָן די ליניעס. ווען צוויי טענער קומען איינער נאָך דעם אַנדערען, גיבען זיי עפּעס מער, ווי צוויי פאַרבען, וואָס ליגען זייט ביי זייט. אָט דער פּליוס, דער מאָנישער אינטערוואַל, וועלכען מען קען שוין אייגענטליך ניט באַצייכענען אַלס זינליכע עמפּינדונג, סיידען אפשר זינליכע האַלב־איינגענשאַפט, שאַפט אָן און פאַר זיך אַ כאַראַקטעריסטישען שטימונגסעלעמענט. און אומאָפּהענגיג פון דער הויך פון די טענער עקזיסטירט צווישען די אינטערוואַלען די פאַרוואַנדשאַפט פון זייערע שטימונגען ווי אויך געגענזייטיגע דינאַמישע פאַרהעלטענישען: זיי לאָזען זיך פאַראייניגען אויף דעם זעלבען אופן, ווי עס גיסען זיך צענויף אין דער זעלבער צייכענונג די פאַרשידענע ליניעס, די ליניעס וואָס הויבען זיך אויף און פאַלען אַראָפּ, וואָס שטרעבען פאַראויס און פאַרהאַלטען זיך, וואָס צעגערען און רייכען זיך אַוועק. אָבער אָט די צוויי מינים איינדרוקען — די טענער און די אינטערוואַלען קאָמבינירען זיך צווישען זיך על פּי נויט, מחמת די אינטערוואַלען ווערען קיינמאָל ניט געגעבען אָן קוואַליטאַטיווע טענער, און דער גאַנצער וועג פון איין אויפרעגענדען טאָן צום צווייטען, צו דעם, וואָס ברענגט די פאַרענדיגונג, באַשאַפט אַליין פון זיך — ביי דעם פעלען פון צווישען־רינגען — אַ כאַראַקטעריסטישע שטימונג. צום ביישפּיל: דאָס אַראָפּפאַלען אויף אַן אָקטאַווע. צווישען אָט די טענער, ווידער, שטעלט יעדער שריט פון די פאַרהאַלטענדע אָדער פאַרשנעלערענדע טענער פון זיין זייט פאַר דעם איינדרוק פון אַן אינטערוואַל און טרעט אַריין אין געגענזייטיגער פאַרהעלטעניש מיט אַנדערע.

# קונסט

דאָן — **דער גראַם.** אין דעם ערשטען גענראַמטען וואָרט ליגט די פּאָדערונג, אין דעם צווייטען די ערפילונג; דערביי שעפּט יעדער גראַם זיין חן פון דער אייגענאַרטיגקייט פון זיין ציזאַמענקלאַנג; אַנדערע גראַמען, וואָס רייסען זיך אַריין צווישען די ערשטע, שטערען זיי און פאַרשטאַרקען זיי צו דער זעלבער צייט מיט דער האַמאָגעניש־קייט פון זייער שטרעבען. אָט איז נאָוואַליס, מיט זיין „לאָבט דאָך אונזערע שטילען פעסטע". דאָ ווערט די ערפילונג פון דעם פאַרשפּרעכען אַלץ מער אָפּגערוקט און דערווייטערט דורך דעם אַריינרייסען זיך פון אַלץ נייע גראַמען. און מיר וואַרטען ווידער און ווידער אויף דער פולער פאַרענדיגונג. דאָן קומט גראַם און ריטם אין זייער געגענזייטיגער שייכות. דערביי אַנפּלעקט זיך ווידער דער זעלבער מין סינטעז: די קליינע פאַרענדיגטע פאַרען זיינען אונטערוואָרפען דעם ציל, וואָס געהט אַרויס פון זייערע גרעניצען. זיי אַליין ברענגען די אַנשטרענגונג און די פאָדערונג, און דאָס ברענגט אַ נייע פאָר פאַר זייער אויסלאַדונג. אויף אַזאַ אופן שטרעבט די באַוועגונג אַלץ מער און מער דורך די איינצעלנע פאַרענדינגונגען צו איר לעצטען ציל. די באַזונדערע פאַרענדינגונגען ערשיינען בנוגע דעם ציל אַלס פאָדערונגען, אָדער אַלס שטער און ווידערשטאַנד. דאָס לעצטע — אויב דער עלעמענט ווערט פאַרגליווערט אין זיין אייגענאַרטיגקייט; ווען דער עלעמענט איז אָבער איינגעשלאָסען אין דער אַלגעמיינער ריי, זיינען די איינצעלנע פאַרענדיגונגען ווייטערע שריט בנוגע דעם גאַנצען, אָדער אָט די איינצעלנע פאַרענדיגונגען שטעלען — ענדליך — מיט זיך פאָר די פולע פאַרענדיגונג פון דעם גאַנצען

אין דעם רייך פון קלאַנגען רופט יעדער באַזונדערער טאָן אַרויס זיין באַזונדערע שטימונג־אימפּרעסיע — ווי אין דעם רייך פון ליכט יעדער פאַרבען־ניואַנס, און די פילפאַכיגקייט פון די גלייכצייטיג קלינגענדע טענער באַשאַפט אַליין אַ נייעם איינדרוק, וואָס איז קאָמפּליצירטער ווי די סומע פון די באַזונדערע נאָטען. עס טרעטען אַרויס די דינאַמישע באַציהונגען פון די טענער צווישען זיך, וואָס רופען אַרויס איינער דעם אַנדערען, ווי אין דעם פאַל פון די דערגענצענדע פאַרבען, און ברענגען באַפרידיגונג. למשל, צוויי טענער, וואָס שטעהען אָפּ

# בראַדער קריסטיאַנסען

מיר באַגעגנען אַ פאַרשידענאַרטיגקייט פון ריטמען: פיס און טאַקטען, אַלס די קלענסטע געשטאַלטונגען, וועלכע ערשיינען פאַר אונז אַפט, ווי טעלעאַלאַגישע איינהייטען; דאַס זעהען מיר דאָרט, וואו אין דער דערהויבונג האַט מען דעם איינדרוק פון אַן אַנטשטאַנענעם פאַרלאַנג, און די נאָכקומענדע אַראָפּפאַלונגען ברייגנען זיין פאַרווירקליכונג; יעדע אַרט פון פערזען־פוס מיט איר כאַראַקטעריסטישען איינדרוק, וואָס איז ניט ענליך צו אַנדערע; די גרעסערע איינהייטען, וואָס זיינען פון זיי צונויפגעשטעלט — פערזען און סטראָפען, וואו עס ענטפּלעקט זיך ווידער דער דינאַמישער שפּיל פון שטרעבונג און דערגרייכונג. דער צווייפערז, למשל, אַנטפּלעקט באַזונדערס קלאָר די גראַוויטעטישע קראַפט פון זיין שטרעבען — פון דער דערהויבונג און אַראָפּפאַלונג; ווען די באַוועגונג איז נאָך דערצו דורכגעגאַנגען אַ ריי האַרמאָנישע געשטאַלטונגען, פאָדערט דאָן דער העקזאַמעטער שטורמיש — דעם פּענטאַמעטער. דערמאָנט זיך אין מעריקעס „היימישע סצענע“, וואָס דעקט קאַפּריזיג און שאַרף אויף אַ פיינליכען דיסאָנאַנס, וועלכער אַנטשטעהט דאָ, ווען אַפילו אין העקזאַמעטער שטעהט איינזאַם אין דער רייפאָלגונג פון די פערזען. נאָר קוים האָט מען איינמאָל קלאָר באַרשטאַנען די שייכות פון דעם העקזאַמעטער צום פּענטאַמעטער, איז לייכט צו באַמערקען, אַז יעדער איינער פון זיי טיילט זיך פון זיין זייט טעלעאָלאָגיש פונאַנדער; אַז ביידע העלפטען, למשל, פון דעם פּענטאַמעטער, שטעלען פאָר איינער פאַר דעם אַנדערען אַן אַרויסרוף און ערפילונג, און אַז יעדער פון ביידע טיילען באַשטעהט אַליין פון כאַרטען, וואָס אַנטהאַלטען איז זיך אי אַן אָנשטרענגונג אי אַן אויסלאָדונג. דאָ וועלען מיר אָבער אויך באַמערקען, אַז דער שלוס־טאַקט פון דעם פּענטאַמעטער בלייבט איבער ניט־פאַרענדיגט. אַן אַנאַלאָגישע ערשיינונג ווידערהאָלט זיך אין די געשטאַלטונגען פון אַן אַנדער מין, און צווישען אַנדערע קוואַליטאַטיווע עלעמענטען. די פולע פאַרענדיגונג פון דעם גאַנצען ווערט דערגרייכט מיט דער הילף פון איין גליד, וואָס בלייבט אַליין ניט פאַרענדיגט; אויף אַזאַ אופן אַנטהאַלט די אויסלאָדונג פון דעם גאַנצען אַ טיילווייזע אָנשטרענגונג און דער פינאַל ווערט דורך דעם אין אַ געוויסער מאָס פאַרשאַרפט.

נייע פאָרמען, און אַן אומבאַדייטענדע וואַריאַציע פירט אָפּטמאָל דערצו, אַז עס באַקומט זיך אַ גאַנץ אַנדערער נייער איינדרוק.

חוץ דעם, וועט יעדע ליניע אויסדריקען עפּעס אַנדערש צוליב אַ ריי אַנדערע אומשטאַנדען. עס ווענדט זיך אַן דעם, צי זי איז דורכגעפירט מיט ברייטע אָדער דינע שטריכען, עס ווענדט זיך אַן דעם, ווי זי באַוועגט זיך: צי זי ווערט דיקער אָדער דינער, אָדער צו זי פּליסט גלייכמעסיג. מיר דאַרפען אויך געדענקען, אַז פאַררונדעלטע פאָרמען פון ליניעס טראָגען אַן אַנדערען כאַראַקטער, ווי ווינקעלדיגע; אויסגעצויגענע ווירקען אַנדערש ווי צונויפגעדריקטע. די פאַרשידענאַרטיגקייט איז דאָ אַזוי גרויס, אַז פאַר איר באַשרייבונג וואָלטען מיר געדאַרפט אויסנוצען די גאַנצע פון אַלע מעגליכע שטימונגען און אַלע פאַרגלייכען מיט די איבערלעבונגען פון די איבריגע געפילען.

ווייטער קומט די גלייכצייטיגע באַוועגונג פון די ליניעס. זיי קענען אַלע שטרעבען צו איין ציל, אָדער זיי ציהען זיך אין דער זעלבער ריכטונג, ווייל עס איז זיי ביים וועג, אָדער איין געוויסע ליניע ציהט אָפּ — שפּילענדיג זיך — אַ צווייטע פון איר וועג, פאַרדרענגט זי. אָדער זיי באַשאַפען אַלע צוזאַמען אַ נייעם און אייגענאַרטיגען איינדרוק דורך דעם, וואָס זיי פלעכטען און קרייצען זיך דורך איינע מיט דער אַנדערער.

אַט דער לעצטער מאָמענט איז באַזונדערס וויכטיג, און ער ווידערהאָלט זיך אַנאַלאָגיש ביי אַלע אַנדערע זינליכע פאָרמען. פון דער קאָמבינאַציע פון די זינליכע דאַטען קען אַנטשטעהען דער איינדרוק פון אַ נייער אייגענשאַפט, וואָס איז אַנדערש פון די איינדרוקען, וואָס די עלעמענטען באַשאַפען, און וואָס איז עפּעס גרעסערס, ווי זייער איינפאַכע סומע. דערפאַר האַלט די קונסט פאַרבאָרגען אין זיך אומבאַגרעניצטע מעגליכקייטען. מיט דער הילף פון אַלץ נייע קאָמבינאַציעס קען זי פירען צו איבערלעבונגען, וואָס קיינער האָט פריער אפילו ניט פאָראויסגעפילט. דערפאַר קען מען גאָר קיין אַהנונג ניט האָבען וועגען אירע מיטלען. זי באַשאַפט פון זיך אַליין אַלץ נייע מיטלען און אַט דאָ איז דאָס אמת'ע פעלד פון טעטיגקייט פאַר דער ע ר פ י נ ד ע ר י ש ע ר קינסטלערישער פאַנטאַזיע.

אַט דעם געזעץ. דאַ שלענגעלט זי זיך פאַראויס, דאַ צוריק, דאָ שטייגט זי און דאָ פאַלט זי. אַמאָל איז אַט די טענדענץ אַזוי פּשוט, אַז מען קאָן זי מאַטעמאַטיש פאָרמולירען. אַן אַנדערש מאָל קאָן מען זי גאָרניט באַשרייבען, ניט אַרומכאַפּען זי מיט קיין שום פאָרמולירונג. בלויז אין דער אומיטעלבאַרער איבערלעבונג אַנטפּלעקט זיך די שטרעבונג פון אַזוינע טענדענצען. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז זיי פאַרמאָגען אַ ציל־אידעע, וואָס פון איר שטאַנדפּונקט באַדייט זייער באַוועגונג דאָ אַ דערנעהנטערונג, דאָ אַן אָפּווענדונג און אַ פאַרהאַלטונג, און — ענדליך — די דערגרייכונג. עס קאָן אויך אַמאָל פּאַסירען, אַז די ליניע איז פאַרבונדען מיט עפּעס געגענשטאַנדליכעם; זי וואַרפט זיך, ווייזט אויס, פרייוויליג אונטער אַ פרעמדען געזעץ: דער צייכענונג פון קאָנטורען אָדער פיגורען. זי פאַרגעסט אָבער דערביי ניט איר זעלבשטענדיגען ציל, און וואו עס איז נאָר מעגליך, געהט זי איר אייגענעם וועג. עס טרעפט נאַטירליך, אַז די ליניע פאַרגוואַלטיגט אַביסעל דעם געגענשטאַנד, ציהט אים אויס אָדער פאַרטונקעלט אים, הויבט אים אויף אָדער שטעלט אים איבער. דערין ווייזט זיך אייגענטליך אַרויס די גאַנצע ענערגיע פון איר אייגענעם שטרעבען. חוץ דעם שאַפט די ליניע, אפילו דאַן, ווען זי אַנטהאַלט שוין אין זיך די דיפערענצירונג פון די אָנגעשטרענגטע און אויסגעלאַדענע כחות, נאָך אַלץ איר באַזונדערע אימפּרעסיע־שטימונג. זאָל צום ביישפּיל, אַ פיר־עק פאַרשטעלען אַ דורכקרייצונג פון צוויי פאַרשידענע כחות, — פאַרמאָגט דער אַלגעמיינער אויסקוק פון אַט דער פיגור פון זיין זייט אַ פעהיגקייט איבערצולאָזען זיין באַזונדערען איינדרוק, וואָס איז ניי אין פאַרגלייך מיט דער פיגור׳ס עלעמענטען. דעריבער רופען אַרויס די פאַרשידענע קאָמבינאַציעס פון די זעלבע עלעמענטאַרע פיגורען גאַנץ פאַרשידענע איינדרוקען, אָפט אַזוי ווייט פאַרשידענע, אַז דאָס באַוואוסטזיין כאַפּט ניט אויף גלייך די אידענטישקייט פון די עלעמענטען, אויף וועלכע זייערע שיטמונגען זיינען באַזירט. מען פילט דאָס אַביקלערסטען, ווען מען בלעטערט דורך איינעם פון יענע ביכער מיט מוסטערען, וואָס דרוקערס לייגען אונז פאָר: פון די ווייניגע אָרנאַמענטאַלע טיפּען ווערען — אַ דאַנק די פאַרשידענע קאָמבינאַציעס — דערגרייכט אַלץ נייע און

# קונסט

מיר האבען געזעהן, אז די איינפאכע זינליכע עמפינדונגען רופען ארויס א ריי צווייטערליכע איינדרוקען. אט די לעצטע פארמאגען טאקע א קוואליטאטיווע באשטימקייט און קאנקרעטקייט, זיי קאנען אבער פארט ניט באצייכענט ווערען אלס אייגענטליכע זעה־איינדרוקען. געוויס, זיי אנטהאלטען אין זיך גארניט פארשטאנדליכעס און זיי זיינען ניט קיין געפילען און נים קיין אייגענטליכע זעלען־שטימונגען, זיי דערנעהנטערען זיך אבער קוואליטאטיוו צו די לעצטע. און צווישען די שטימונגס־אימפרעסיעס, וואס קומען פון פארשידענע זינליכע עלעמענטען געפינען מיר א פארוואנדשאפט פון איינטאניגקייט, וואס טרעט אפט אריבער די גרעניצען פון די באזונדערע זינליכע ספערען. מיר זעהען אויך שטימונג־אימפרעסיעס פון א דינאמישען כאראקטער, וואס זייער נעגענזייטיגע שייכות איז ווי די שייכות צווישען דורשט און איר לעשונג. די פילארטיגקייט פון די שטימונג־אימפרעסיעס איז קוואליטאטיוו ניט ארימער איידער די פילארטיגקייט פון די זינליכע עמפינדונגען. די ערשטע איז נאך אפילו רייכער. מיר באמערקען, אז ניט בלויז די איינפאכע דאטען פון די געפילען, נאר אויך זייערע קאמבינאציעס קאנען ארויסרופען אייגענארטיגע איינדרוקען. אזוי, למשל, שאפט יעדע קאמבינאציע פון פארבען א באזונדערען איינדרוק, וואס איז אנדערש ווי דער איינדרוק פון די איינצעלנע פארבען.

גיט נאר א טראכט וועגען די פילע פארשידענארטיגע פילפאכיגע אימפרעסיע־מעגליכקייטען, וואס ליניעס רופען ארויס. כדי צו באווייזען מיט די איינפאכסטע ביישפילען זייער דינאמישען כאראקטער, וועלען מיר דערמאנען אן דעם, אויף וויפיל די ארויפשטייגענדע ליניע פאדערט א ליניע וואס זאל אראפפאלען, אויף וויפיל א בויגען, וואס פארקרימט זיך ארויף, פאדערט א פארקערטע פארקרימונג. וואסערע קאמבינאציעס, וואס פאר א צענויפפלעכטונג פון קאנטראסטען אנטשטעהען אויך דאן, ווען איין פאר פיס, וואס איינער פון זיי איז אויפגעהויבען און די צווייטער געהט נאך דעם ערשטען, באגעגענט זיך מיט צוויי אנדערע, וואס לאזען זיך אראפ און טרעטען צוריק. אזוי רייך־רעדעוודיג איז די באזונדערע ליניע, אויב זי טראגט אין זיך א טענדענץ, א ציל־געזעץ, און וויקעלט זיך פאנאנדער אין איינקלאנג מיט

איז פאַרוואַנדט צום איינדרוק פון קאַלט. בלוי און קאַלט זיינען פאַרוואַנדט לויט זייערע שטימונגען. דאָס זעלבע מיט וואַרם און געל, א. אַז. וו.

דאָס ברענגט אונז פּנים לפּנים מיט דעם פאַקט, אַז פּונקט ווי פאַרבען, רופען אויך אַנדערע זינליכע עמפּינדונגען אַרויס אַ ריי צווייטערליכע איינדרוקען, און אַז דערביי אַנטפּלעקט זיך אַ וונדערבאַרע פאַרוואַנדשאַפט: עמפּינדונגען, וואָס זיינען אַלס זינליכע אייגענשאַפטען גאַנץ פאַרשידען און אומפאַרגלייכבאַר, ווערען פאַרגלייכבאַר אין די עלעמענטען פון זייערע שטימונגען. זיי טרעטען אַריין אין אַ באַציהונג פון האַרמאָניע צווישען זיך, אָדער פון אַ געגענזאַץ, אָדער אין אַ וועלכע עס איז אַנדערער פאַרהעלטניש. ווען מען דאַרף, דעריבער, כאַראַקטעריזירען די צווייטערליכע איינדרוקען, קומט אָפט אויס צו באַרופען זיך אויף העטעראָגענישע קוואַליטאַטיווע געביטען, מיט וועלכע אַט די איינדרוקען זיינען פאַרוואַנדט. פאַראַן פאַרבען, וואָס זייער ווירקונג פילט מען, ווי דעם שאַל פון אַ טרומפּייט; אָדער ווי עפּעס האַרטס אָדער ווייכס, טערפּקעס אָדער זיסעס.

אין דער צייט, וואָס די זינליכע אייגענשאַפטען ווייזען זיך אויס דעם סוביעקט אַלס פרעמדע, אַלס „פון דרויסען" געקומענע, ערשיינען פאַר אים די עלעמענטען פון די שטימונגען גיכער אַלס עפּעס אייגענס. זיי *שטעהען נעהענטער צו דער ספערע פון אַקטיוויטעט*. דערפאַר האָט זיי אויך געטע באַצייכענט, אַלס זינליך־*מאָראַלישע* ווירקונגען. זייער ענגע שייכות מיט אַקטיווקייט ווייזט זיך אַמקלערסטען אַרויס אין איין אייגענטימליכקייט, וואָס מען קען אויך גוט באַאָבאַכטען אויף פאַרבען: בלוי *פאַדערט* געלבליך־רויט אַלס דערגענצונג־פאַרב, פּורפּור פאָדערט גרין, א. אַז. וו. דאַ קען מען ניט זעהן דעם צוזאַמענהאַנג צווישען די זינליכע אייגענשאַפטען גופא, זיי פאַרמאָגען ניט קיין שום פּאָזיטיוו־ליגענדע גלויבען. דאָס קאָן בלויז באַדייטען, אַז אין דער שטימונג־אימפּרעסיע פון וועלכער עס איז פאַרב, געפינט זיך עפּעס, וואָס איז ענליך צו ענערגיע, צו שטרעבונג, און אַז אַט די שטרעבונג ווערט באַפרידיגט פון אַ באַשטימטער אַנדערער פאַרב.

# קונסט

כענען מיר דאך דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון דער נשמה. אבער בלויז אין זעלטענע פאלען קענען די פארבען־עמפינדונגען אליין אים ארויסרופען. בלויז דאן, ווען דאס אויג איז אינגאנצען פארנומען מיט איין פארב און גיט זיך אינגאנצען איבער דעם קוקען, קען דער צווייטערליכער איינדרוק ווערען א זעלען־שטימונג. הייסט עס, אז אט דער איינדרוק שיידט זיך ניט אונטער קוואליטאטיוו פון אזא איבערלעבונג, וועלכע מיר רופען אן שטימונג, ער האט נאר ניט איר טיפקייט. א שטימונג איז עפעס גאנצעס, און אט דער איינדרוק באציט זיך צו איר אלס איר עלעמענט. די צווייטערליכע איינדרוקען שטעלען מיט זיך פאר א באזונדערען מין דיפערענציאלען פון שטימונג, וואס פון זיי ווערט זי באשאפען. איך וואלט פאר זיי געוואלט באנוצען דאסווארט „שטימונגס־אימפרעסיע." נאך דער פריערדיגער ערקלערונג דארף אט דאס ווארט זיין פארשטענדליך. עס דייט אן דערויף, אז מיר האבען דא צו טאן מיט דער ווירקונג, וואס די זינליכע אייגענשאפטען האבען אויף דעם סוביעקט, און אז אט דער איינדרוק דערנעהענטערט זיך קוואליטאטיוו צו די שטימונגען.

לאמיר זיך אפשטעלען דערויף, ווי אזוי געטע כאראקטעריזירט די באזונדערע שטימונגס־אימפרעסיעס. זיין מעטאד עפענט פאר אונז א וויכטיגע אייגענטימליכקייט. ער ווייזט ניט בלויז דירעקט אן אויף די באקאנטע שטימונגען: געל — פרעהליך, בלוי — טרויעריג, נאר באשרייבט אויך געל אליין „ווארים" און בלוי אליין „קאלט." ער פארגלייכט, אלזא, די פארבען מיט די טעמפעראטור־עמפינדונגען. עקזיסטירט אבער אן ענליכקייט צווישען די זינליכע איינדרוקען גופא, צווישען די זעה־און־ווארעמקייטס־עמפינדונגען? און צי האט געטע טאקע אין זינען געהאט אזא מעגליכקייט? געוויס ניט. ער האט, נאטירליך, געטראכט וועגען אן אינדירעקטער פארוואנדשאפט דורך דער פארמיטלונג פון די צווייטערליכע איינדרוקען. בלוי איז ניט קאלט און ניט ענליך אויף קאלט. בלוי און קאלט קען מען אן אין פאר זיך גאר ניט פארגלייכען. מען קען אבער יא פארגלייכען די שטימונגס־אימפרעסיעס, וואס זיי שאפען. בלוי רופט ארויס אן איינדרוק, וואס

# בראָדער קריסטיאַנסען

אויב מיר ווילען געפינען יענעם אויסערזינליכע, וואָס פאַרוואַנדעלט די זינליכע אייגענשאַפטען אין „פאַרמען.“

---

אין איינעם פון די קאַפּיטלען פון זיין אויספאָרשונג וועגען קאָלירען, רעדט געטע וועגען דעם „זינליך־מאָראַלישען“ איינפלוס פון פאַרבען. ער וויל דערמיט זאָגען, אַז דער איינדרוק פון דער פאַרב ווערט ניט אויסגעשעפּט מיט דער זינליכער עמפּפינדונג, און אַז יעדע קאָליר רופט נאָך אַרויס אַ באַזונדערע גייסטיגע שטימונג. אַט דער צווייטערליכער איינדרוק איז אָפּשטאַרקבטען דאָ, ווען דאָס אויג ווערט אָנגעפילט מיט איין איינציגער קאָליר. ווען מען זאָל, צום ביישפּיל, קוקען דורך געפּאַרבטען גלאָז. אויף אַט דעם פּונקט מאַכט געטע אַזאַ מין כאַראַקטעריסטיק פון פאַרבען: די געלע פאַרב איז פרעהליך. זי באַלעבט, גיט אַ צאַרטע אויפגעראַמטקייט; רויטליך־געל גיט דאָס געפיל פון וואַרימקייט; ביי געלבליך־רויט דערגרייכט די לעבעדיגקייט אַ שטאַרקע קראַפט; העל־בלוי שאַפט אַ שטימונג פון קעלט, פּוסטקייט, טרויער, פון שטרעקעס, וואָס ציען זיך אַוועק אין דער ווייט, א. אז. וו.

וואָס באַדייטען אַט די צווייטערליכע איינדרוקען אין אַ סוביעקטיווען זין? זענען דאָס עמאָציעס? אין דער נייסטער פּסיכאָלאָגיע רעדט מען דאָך אַ סך וועגען דער עמאָציאָנעלער באַפאַרבונג פון די זינליכע אייגענשאַפטען. מיט די געפילען פון פאַרגעניגען און וועהטאָג האָבען אַט די איינדרוקען גאָרניט צו טאָן. די עמאָציאָנעלע אַלטערנאַטיווע ווייזט זיך אַרויס אַלס צו ענג פאַר זייער אומערשעפּליכער פילאַרטיגקייט. יעדער צווייטערליכער איינדרוק אונטערשיידט זיך פון דעם אַנדערען ניט בלויז אין דעם גראַד, נאָר אויך לויט דער אייגענשאַפט. געטע באַצייכענט זיי אַלס זעלישע שטימונגען. אָבער דאָס וואָלט אויך געקענט אַריינפירען אין אַ טעות.

אַט די באַגלייטער פון די זינליכע אייגענשאַפטען ווערען זעלישע שטימונגען בלויז ביי געוויסע באַדינגונגען. מיט דעם אויסדרוק באַציי־

# קונסט

טערוואל צווישען איין טאן־איינדרוק און דעם צווייטען; אין דער מעלאדיע לעבט מען איבער עפעס מער אדער עפעס אנדערש, ווי אן איינפאך, אקוסטיש בילד פון א ריי טענער. ניט יעדע קאמבי־נאציע פון טענער שאפט א מעלאדיע. די ריי־פאלגונג פון טענער קען זיין אינהאלטסלאז. וואס־זשע פעהלט דאן אין איר? מאנכע זיינען ווי באשאנקען מיט דער מתנה פון שפראך, אנדערע — ניט. געוויס רייען טענער זיינען ניט מער, ווי א זינלאזע פלאפלעריי, אנדע־רע פארשטעהען מיר גלייך, ווי אונזער אייגען לשון. ווי עפעס וואלט אין אונז אויפגעוואכט ביי די ערשטע קלאנגען פון א מעלאדיע, און אט דער „עפעס" פירט אונז צו איין ציל, וועלכען מיר פילען פאר־אויס, כאטש די וועגען גופא קענען מיר ניט פאראויסזעהן; און אט דאס פילען פאראויס פון דעם ציל מאכט פארשטענדליך פאר אונז יעדען שריט פון דער מעלאדיע. מיר הערען די טענער, דאך זיינען מיר היינגעריסען פון דער מעלאדיע. פאראן ארטיסטען מיט אזא רייכען אינערליכען אינהאלט, אז ביי זיי פארשווינדט דאס ריין גע־הערליכע. וואס, אלזא, ליגט אזוינס אין דער מעלאדיע הינטער דער פלאך פון טענער?

מיר קענען עס ניט באשרייבען, מיר קענען רעדען וועגען דעם בלויז מיט פארגלייכען. מיר וועלען זאגען: אין אט דער שפראך פילען מיר, גלייך ווי עס וואלט צו אונז גערעדט א באקאנטע שטים אויף א היימישען לשון. זי דערצעהלט אבער אונז גאר ניט וועגען דעם, וואס עס איז אדער וואס קומט פאר; גאר ניט וועגען דער גע־גענווארט אדער פארגאנגענהייט. קיינער איז אויך ניט מיט אונז, ער זאל אונז עטוואס מיטטיילען, מיר זיינען אליין מיט זיך, מיט אונזער איבערלעבונג. דאס איז אבער ניט קיין פרייע איבערלעבונג. עס ציט אונז צו עפעס א ציל, מיר שטרעבען אויך אליין צו אים, אין אונזער יעדער שריט איז פול אי מיט פרייהייט אי מיט צוואנג. אבער דאס זיינען בלויז בילדער און פארגלייכען. די מעלאדיע איז א צו קאמפליצירטע זאך, אז מיר זאלען קענען פון איר אנהויבען אונ־זער אנאליז. מיר מוזען זיך ווענדען צו די איינפאכסטע פאלען.

# בראדער קריסטיאנסען

אויב מיר זאלן שטעלן די פראגע, צי די עלעמענטן פון דעם עסטעטישן אביעקט געפינען זיך אין דער זינליכער אויפפאסונג גופא, אדער מיט אנדערע ווערטער: צי ווערן די געזוכטע עלעמענטן פון דעם עסטעטישן אביעקט באשטימט אלס זינליכע אייגענשאפטן, וועט גיכער אויסקומען צו ענטפערן „ניין" איידער „יא". דאס זינליכע זעהט אויס צו זיין בלויז דער אורשפרינגליכער מאמענט פאר די געזוכטע עלעמענטן פון דעם אביעקט. אינהאלט, טאן, פארם ווערן דיפערענצירט ערשט נאך דער זינליכער אויפפאסונג. ביז זיי זיינען ניט אפגעטיילט קען גאר קיין רייד ניט זיין וועגן זייער קאארדינירונג אדער ניט־קאארדינירונג. נאך זייער דיפערענצירונג ערשיינען זיי אלס ניט פון איין מין, די איינמיניגקייט איז אבער א נויטווענדיגע הנחה אפילו פאר דער פשוטער מעגליכקייט פון זייער הארמאניע. דערפון איז לויט מיין מיינונג געדרונגען, אז דער פונקט פון זייער באגעגעניש געפינט זיך אין יענעם געביט, וואס איז ניט אזוי אפען פאר דעם סוביעקט, ווי זיינע זינליכע איבערלעבונגען, וואס אנטרינט לייכטער פון זעלבסט־באאבאכטונג.

וואס אמבאלאנגט דער פארם, וואלט מען דא גיכער געקענט דענקען וועגן א צוזאמענפאל צווישן די אוממיטעלבארע זינליכע דאטען מיט די עלעמענטן פון דעם עסטעטישן אביעקט, נאר געגען דעם רעדט שוין דאס אליין, וואס די זינליכע אייגענשאפטן געהען אויך אריין אין דער עמפירישער באטראכטונג פון די רעאלע אביעקטן, און דא דינען זיי פונדעסטוועגן ניט אלס „פארם." די זינליכע אייגענשאפטן, הייסט עס, זיינען נאך עא איפסא ניט קיין פארמען. געגען דעם רעדט אויך דער אומשטאנד, וואס ניט יעדער מענש, וועלכער פארמאגט געזונטע אפענע געפילן, צייכענט זיך אויך אויס מיט אן עמפינדליכקייט צו פארמען. מיר האבן אגב שוין פריער אנגעוויזן אויף דער מעלאדיע. זי איז דורכאויס ניט קיין איינפאכע ריי־פאלגונג פון טענער פון פארשיידענער הויך. געוויס, מיר דארפן שענקען אויפמערקזאמקייט צו די טענער, אניט וועלן מיר די מעלאדיע ניט באמערקען. זי איז אבער אויך ניט קיין צייטליכער אינ־

אַראָפּ. פון דער אַנדערער זייט באַגעגנט מען אין דער מוזיק, אין דער אַרכיטעקטור אַ פאָרם אָהן געגענשטאַנדליכקייט, און אפילו ווען אינהאַלט און פאָרם וואָלטען פּאַקטיש געווען ניט צוטיילבאַר, וואָלט דאָס נאָך אַלץ ניט ערקלערט זייער האַרמאָניע, און ווייניגער פון אַלץ זייער דיסאָנאַנץ. די קאָאָרדינאַציע צווישען פאָרם און אינהאַלט קומט דורכאויס ניט פון זיך אַליין. עס איז ערשט די אויפגאַבע פון דער קונסט זי צו דערגרייכען. ווען אַ ניט־קינסטלער זאָל פאַרשטעלען אַ געגענשטאַנד, וואָלטען די זינליכע אייגענשאַפטען, מיט וועלכע ער וועט זיך באַנוצען פאַר דער פאַרשטעלונג, ניט אַנטשפּראָכען דעם געגענשטאַנד פון דעם שטאַנדפּונקט פון פאָרם. מיר וואָלטען אויך ניט ערקלערט, פאַרוואָס די רוימליכע קאָנטורען און פאַרבען, שווין ניט צו רעדען וועגען דעם אינהאַלט, דאַרפען זיין אַנדערש אויף אַ מאָדאַנגע־בילד, אויב זי דאַרף אונז פאַרשטעלען ג אַ ט ס מ ו ט ע ר, ווי אויף אַ בילד, וואָס מאָלט אונז אַ מ ע נ ש ל י כ ע מוטער. וואָס מיינט עס אַזוינס, אַז די ליניעס און פאַרבען — ביי זייער אַבסטראַקציע פון דער געגענשטאַנדליכער באַדייטונג — קאָנען און מוזען פאַרט האַר־מאָנירען מיט דעם געגענשטאַנד? ביז איצט האָבען מיר זיך דערפאַר באַנוצט מיט דעם וואָרט „כאַראַקטער”; מיר פלעגען זאָגען: דער כאַראַקטער פון דעם פאָרם, דער כאַראַקטער פון געגענשטאַנד, דער כאַראַקטער פון מאַטעריאַל דאַרפען אַנטשפּרעכען איינער דעם אַנדע־רען. אָבער דאָס איז בלויז אַ וואָרט, מיט וועלכען מען האָט פאַרדעקט דעם אומבאַקאַנטען איקס: דעם דאָזיגען כאַראַקטער דאַרף טאַקי דער אַנאַליז דעפינירען. מיר זוכען אויף אַזאַ אופן דעם פונקט, וואו די דריי פאַקטאָרען פאַלען צענויף אין דעם עסטעטישען אָביעקט. די זינליכע אויפפאַסונג גיט ניט דעם דאָזיגען פונקט, מחמת דאָ קומט בכלל ניט פאַר קיין שום דיפערענציאַציע פון די דריי פאַקטאָרען. דערפאַר ליגט זייער קאָנטאַקט־פונקט, זעהט אויס, אויסער דעם געביט פון דעם זינליכען.

# בראָדער קריסטיאַנסען

און דאָס איז ניט קיין איינפאַכע פאַרבינדונג, ניט בלויז קיין חבור. עס איז נויטיג, אַז די פאַקטאָרען זאָלען זיין צוגעפּאַסט איינער צום אַנדערען און די צוגעפּאַסטקייט זאָל זיך אויסדריקען אָדער אין דער איינאַרטיגקייט פון טאָן אָדער אין אַ געגענזעצליכקייט, וואָס זאָל זיי געגענזייטיג דערגענצען, אָדער אין וועלכען עס איז אַנדערען אופן. פאָרם, אינהאַלט און מאַטעריאַל דאַרפען זיין געגענזייטיג האַרמאָניש. אויב מען פאָדערט אַזוינס אין דער קונסט, איז דאָס שוין אַליין אַ באַווייז דערפון, אַז ניט אַלע דריי פאַקטאָרען פּאַסען זיך נויטוועדיגערווייז — און ניט אַלע מאָל — איינער צום אַנדערען. אַ ניט, וואָלט זיך עס גאָרניט געלוינט צו פאָדערען. מיר וועלען זיך באַמיען צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי עס קאָן בכלל זיין אַ רייד וועגען זייער צוגעפּאַסטקייט אָדער ניט־צוגעפּאַסטקייט, ווי באַלד עס דאַכט זיך, אַז זיי זיינען גענצליך פאַרשיידענאַרטיג. וואָס איז דאָ געמיינזאַמעס צווישען דעם באַזונדערען כאַראַקטער פון די ליניעס אָדער פאַרבען און דער מאַדאָנע; וואָס איז דאָ געמיינזאַמעס צווישען יאַפּאַנישען פּאַפּיר און דער לאַנדשאַפט? שוין די איינפאַכע מעגליכקייט גופא פון קאָאָרדינאַציע זעצט פאָראויס אַ געוויסע האָמאָגעניטעט. אין וואָס אָבער באַשטעהט די האָמאָגענישקייט פון פאָרם, מאַטעריאַל און געגענשטאַנד?

מען וועט אויסזעצען, אַז בלויז דער אַנאַליז באַשאַפט אַט די שוועריגקייטען. אַז און פאַר זיך זיינען פאָרם און אינהאַלט כלומרשט אומצוטיילבאַר פאַרבונדען צווישען זיך, בלויז דער אַנאַליז לייגט זיי פונאַנדער און שטעהט דערנאָך פאַר דער שווערער אויפגאַבע, ווי אַזוי זיי ווידער צו פאַרבינדען. עס איז אָבער, פאַרשטעהט זיך, ניט אַזוי. אַז מען קען ניט זאָגען, אַז פאָרם און אינהאַלט זיינען אומצוטיילבאַר. קען מען זעהען פון ביידע זייטען: עס איז פאַראַנען אַן אינהאַלט אָהן פאָרם, און אַ פאָרם אָהן אינהאַלט. ביי דער עמפּירישער אויפפאַסונג פון דעם ווירקליכקייטס אָביעקט, קריגט די פאָרם — די שפּראַך פון פאָרם גופא — קיין אויפמערקזאַמקייט ניט. די זינליכע אייגענשאַפטען ווערען אויפגעפאַסט בלויז אַלס דיאַגנאָסטישע סמנים פון דעם געגענשטאַנד, און ניט אַלס פאָרמען מיט זייער אייגענאַרטיגער

# קונסט

דעריבער אויסגעפינען דאָס, וואָס פאַראייניגט זיי אונטער איין נאָמען. קודם כל ווענדט זיך אונזער געדאַנק צו דער זינליכער אויפפאַסונג, אין וועלכער מיר שעפּען אונזער וויסען וועגען זיי. זיי האָבען אַן אַלגעמיינעם זינליכען אויסגאַנגס־פּונקט; באַשטעהט ניט זייער פאַראייניגונג אין אַט דעם מין איינהייטליכקייט? און ווירקליך, דאָ עפענט זיך אַ מעגליכקייט פון אַ סינטעז. עס איז אָבער ניט דער סינטעז, וואָס מיר זוכען. די שייכות פון פאָרם, מאַטעריאַל און אינהאַלט צו דער זינליכער אויפפאַסונג גיט אונז בלויז אַן ערקלערונג דערפון, ווי אַזוי זיי קענען ערשיינען צוזאַמען אין דעם אויסערליכען קונסט־ווערק אַלס איין און דיזעלבע געשטאַלטונג אין דער וועלט פון ווירקליכקייט. אַ באַאַרבייט שטיק מאַרמאָר קען, למשל, זיין די טרעגערין פון פאָרם, מאַטעריאַל און אינהאַלט. אָבער דאָס איז פאַר אונז ניט גענוג. אין דער זינליכער אויפפאַסונג — אַלזאָ אויך אין דעם אויסערליכען קונסט־ווערק — זיינען נאָך אַט די דריי פאַקטאָרען ניט דיפערענצירט. נאָך ניט אַרויסגעטיילטע — זיינען זיי איינגעשלאָסען איינס אין דעם אַנדערען. מיר האָבען דאָך שוין אָנגעוויזען דערויף אַז אין דער זינליכער געגעבענקייט פאַלען געגענשטאַנד אין פאָרם פולשטענדיג צונויף, ווייל די זעלבע זינליכע אייגענשאַפטען באַשרייבען דעם געגענשטאַנד און דינען גלייכצייטיג אַלס עקספּרעסיע. די געגענזאַצען צווישען פאָרם און אינהאַלט קען מען דורך דער אויפפאַסונג ניט אויפכאַפּען. אויף וויפיל מיר בלייבען דעריבער ביי דער זינליכער אויפפאַסונג, קענען מיר פאָרם און אינהאַלט ניט צוטיילען. מיר ווילען אָבער וויסען: ווי אַזוי פאַראייניגען זיך די ד י פ ע ר ע נ צ י ר ט ע פונקציעס? ווי באַלד זיי שיידען זיך אָפּ איינער פון אַנדערען, ווי אַזוי קענען זיי ווידער זיך צונויפקומען, ווען זייער אונטערשייד איז שוין דערקענט? מיט אַנדערע ווערטער: מיר זוכען די מעגליכקייט פון זייער פאַראייניגונג אין דעם עסטעטישען אָביעקט. אין דעם אויסערליכען ווערק ווערען זיי געגעבען צוזאַמען דורך דער זינליכער אויפפאַסונג, נאָר נאָך אויף אַן אומצוטיילטען אופן. אָבער אין דעם עסטעטישען אָביעקט דאַרפען זיי זיין גלייכצייטיג אי דיפערענצירט, אי דאָך פאַראייניגט.

זיין א פארם אהן א געגענשטאנד. די מוזיק וויים נים פון קיין שום „וואס“ און „ווי אזוי“ אין אט דעם זין. מיר אידענטיפיצירען ניט די פארם מיט אט דעם „ווי אזוי“ אויך דערפאר, וואס דער לעצטער באציט זיך אייגענטליך אליין — ווי עס שטעלט זיך מערסטענטיילס ארוים פון דעם נעברויך פון אט דעם וואָרט — צו דעם געגענשטאנדליכען, באדייט נעמליך, די אינדיווידועלע באשטימטקייט פון דעם געגענשטאנד און ווערט בלויז אנטקעגענגעשטעלט דער אלגעמיינער טעמע. און מיר ריידען וועגען פארם אהן שום שייכות צו דעם געגענשטאנדליכען. צווייטענס, פארשטעהען פילע שרייבער אונטער פארב בלויז די רוימליכע פארם־בילדונג און מאכען אויף אזא אופן אן אונטערשייד צווישען פארם און פארב אדער ליכט. געווים די טערמינאלאגיע איז אלעמאל א געשמאק־זאך, און אן און פאר זיך איז אזא געברויך פון דעם וואָרט פונקט אזוי גערעכט ווי יעדער אנדערער. אבער אין אזא פאל וואלט אונז געפעלט אן אלגעמיינער אויסדרוק, וואס זאל ארומנעמען אלע איינצעלהייטען. און ווען מיר זאלען זוכען א וואָרט פאר אלע באזונדערע פונקציעס פון די ליניעס, פאר דער פלאך און דער טיף, פאר פארב און ליכט, פאר טאקט און טאן, פאר גראם און ריטם, פאר דער קלינגעוודיגקייט פון די וואקאלען און פאר דער רומפקייט פון די קאנסטאנטען, פאר דעם שפיל פון באוועגונגען, פאר אלע אנדערע זינליכע אייגענשאפטען און האלב־אייגענשאפטען, ווען יעדערע פון זיי רעדט איר אייגענע שפראך — ווען מיר זאלען פאר אט די אלע נעמען זוכען איין אלגעמיין, אלץ ארומנעמענדיג וואָרט, וועלען מיר ניט געפינען קיין בעסערען און סוף כל סוף פאר אונז נעהענטערען אויסדרוק ווי „פארם.“

---

מיר האבען געפונען דריי פאקטארען, וועלכע באטייליגען זיך אין דעם סינטעז פון דעם עסטעטישען אביעקט. איצט אנטשטעט די פראגע, ווי אזוי איז בכלל מעגליך זייער פאראייניגונג. מאטעריאל, געגענשטאנד און פארם זיינען גענצליך העטעראגעניש. דארפען מיר

דריטער פאקטאר: די פ א ר ם. איהר באדייטונג פאר דעם עסטעטישען אביעקט איז באוויזען געווארען. איהר ריינסטע שאפונג זעהען מיר אין דער מוזיק. די פארם איז נויטוועגדיג פאר יעדען ווערק. דערפון איז נאטירליך ניט געדרונגען, אז זי מוז אלעמאל אריבערוועגען אין דעם סינטעז פון דעם אביעקט. דער אלגעמיינער איינדרוק פון די פארמען געפינט זיך קיינמאל ניט אין קאנטראסט מיט דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון דעם ווערק, ווי דאס פאסירט מיט דעם געגענשטאנד. גיכער ווי אליין קען מען דערגרייכען דאס פארשטעהן פון א ווערק, ווען מען געהט ארויס פון דער פארם און זיך ניט קימערען פון אנפאנג וועגען דעם, וואס עס שטעלט פאר. ווען מען זאל קודם כל באטראכטען א ווערק פון דער אינהאלטליכער זייט, קען מען לייכט מאכען א טעות. דערפאר האבען די פראנצויזען ניט פארשטאנען זייער מילע, די דייטשען — זייער לעיבלען.

מיר האבען שוין ערקלערט, וואס עס איז אזוינס פארם. אין דער זינליכער געגעבענקייט שיידט זיך די פארם ניט אונטער פון דעם אינהאלט. דאס זיינען די זעלבע זינליכע אייגענשאפטען, אין וועלכע עס ווערט פאראויסגעזעצט א צווייאיגע פונקציע: פארשטעלען דעם געגענשטאנד און צו זיין די „פארם". ווען מיר באטראכטען די זינליכע אייגענשאפטען אלס פארם, אבסטראהירען מיר זיך פון זייער געגענשטאנדליכער באדייטונג. פאר דעם געגענשטאנד זיינען אט די אייגענשאפטען בלויז די דיאגנאסטישע סמנים אדער זייער ווארטבאצייכנונג, אלס פארמען ווירקען זיי אבער מיט דער אייגענטימליכקייט פון זייער „זיין."

דאכט זיך, אז אט די דעפיניציעס זיינען גענוג פארשטענדליך. אזוי אבער, ווי ביי די פארשונגען אויף דעם געביט פון קונסט איז ניטא קיין מער וויכטיגער אויסדרוק (ווי פארם) און אזוי ווי גראד דא איז דער ווארט־געברויך אם וואקעלדיגסטען, מוזען מיר אפגרעניצען דעם באגריף פארם אויך אויף א נעגאטיווען וועג און אים פארהיטען פון מיספארשטענדענישען. פארם מיינט ניט פאר אונז קיין ענטפער אויף דער פראגע: „ווי אזוי"? אין דער באהאנדלונג פון דעם געגענשטאנד. שוין דערפאר אליין ניט, וואס אזא מין „ווי אזוי" זעצט שטענדיג פאראויס א געגענשטאנד, אבער עס קען דאך

## בראַדער קריסטיאַנסען

און פונקט אזוי קען דער געגענשטאנד, כאטש זיין איינפלוס הענגט ניט אפ פון זיינע איסערעסטעטישע ווערטען, פארט ערשיינען אלס א וויכטיגער באשטאנד־טייל פון דעם סינטעריכטען אביעקט; און ער אנטפלעקט די ראזיגע באדייטונג זיינע, ארויסשטעלענדיג דערביי געוויסע פאדערונגען. מיט דעם כאראקטער פון דעם געגענשטאנד מוז מען זיך אומבאדינגט רעכענען.

די פארמאליסטען באמערקען ניט, אז זייער געווער קען איבערגעקערט און געווענדט ווערען געגען זיי אליין. און אט אויך וואס פאר אן אופן: דער זעלבער קינסטלער, וואס מאלט א גוט בילד אויף דער טעמע „א בינטעל רעטער" וועט זיך אפילו ניט קענען אן עצה געבען מיט דער מאדאנא־טעמע און וועט ס'רוב אויסמיידען אזא סוזשעט. אט די איינפאכע מעגליכקייט — און מיט איר וועלען אלע איינשטימען — באווייזט קלאר, ווי שטארק עס איז דער איינפלוס פון דעם געגענשטאנד. ער שטעלט ארויס פאדערונגען, וועלכע זיינען ניט לויט אלעמענס כחות. וואלט דער געגענשטאנד גאר ניט אויסגעמאכט, וואס וואלט געקענט שטערען דעם קינסטלער צו באשאפען פונקט אזא שעהן בילד אויף איין טעמע, ווי אויף דער אנדערער?

פון אט דעם גאנצען וכוח און פאלעמיק צווישען דער עסטעטיק פון אינהאלט מיט די פארמאליסטען קען מען שליסען, האבט זיך מיר, אז קיינער בלייבט ניט קיין זיגער און קיינער ניט קיין באזיגטער. מיר געפינען: „פון איין זייט — פון דער אנדערער זייט."

פארם און אינהאלט טראגען צו אומאפהענגיג איינס פון אנדערען זייער חלק צום עסטעטישען אביעקט. די פארם איז אומבאדינגט נויטיג פאר דעם קונסטווערק, אהן דעם געגענשטאנד קען עס זיך באגעהן. אבער דארט, וואו ער איז דא על פי נויט, ווי למשל, אין דער ערציילערישער און פלאסטישער קונסט, קריגט ער א באדייטונג א דאנק זיין באזונדערען כאראקטער, פאדערט א באשטימטע סטרוקטור און א צופאסונג צו זיך מצד די איבעריגע פאקטארען פון דעם אביעקט.

אין דעם סכום זינליכע דאטען פון דעם קונסט־ווערק האבען מיר צוזאמען מיט מאטעריאל אין דעם געגענשטאנד אויך דעפינירט דעם

# קונסט

דערמיט האבען מיר נאך דורכאוים ניט אנערקענט די גערעכטקייט פון דעם עקסטרעמען פארמאליזם. וועגען אים דארף מען נאך קלאר ווערען. אט וואס פאר א באווייז עס בלייבט נאך ביי אים צו גונסטען דער פולשטענדיגער גלייכגילטינקייט פון דעם געגענשטאנדליכען פאר דער קונסט: אליין איינס צו וואס פאר א געגענשטאנד א גרויסער קינסטלער זאל זיך ניט נעמען, וועט ער דערפון באשאפען א ווערטפול ווערק. א גוט געמאלט בינטעל רעטיכער איז העכער ווי א שלעכט געמאלטע מאדאנע. הייסט עס, אז דער געגענשטאנד איז אבסאלוט ניט וויכטיג.

וואלט מען אבער דעם זעלבען ארגומענט ניט געקאנט באנוצען אויך געגען דער עסטעטישער באדייטונג פון דעם מאטעריאל? זאל זיך דער קינסטלער נעמען צום איינפאכסטען מאטעריאל, וועט ער דערפון באשאפען א ווערטפול ווערק. א גוט באארבייטע האלץ־סקולפטור איז העכער ווי א שלעכטע סטאטוע פון גאלד אדער עלפענביין. הייסט עס, אז דער מאטעריאל איז ניט וויכטיג, אז ער איז גאנץ עגאל פאר דעם קונסטווערק? איז דאס דער אויספיר? הויבט זיך ניט אן. דער אויספיר איז בלויז דער, אז די אויסער־עסטעטישע ווערטען פון דעם מאטעריאל שפילען ניט קיין גרויסע ראלע אין דער קונסט. אזוי איז ער אויך מיט דעם ערשטען ארגומענט. ער באווייזט בלויז, אז דער געגענשטאנד קאן ניט אריינטראגען אין דעם עסטעטישען אביעקט זיינע אויסערעסטעטישע ווערטען. א קלאר פארשטעהן פון אט דעם געדאנק איז זעהר וויכטיג. דער עולם האט נפשיי פאר דעם פרייז פון דעם מאטעריאל, כאטש דאס האט ניט קיין עסטעטישען איינפלוס, און דערפאר איז ער אין זיינע אורטיילען אלע מאל גענייגט צו שענקען אויפמערקזאמקייט אויך צו די אויסערעסטעטישע ווערטען פון דעם פארגעשטעלטען אינהאלט. מיר האבען אבער געזעהן, אז ניט קוקענדיג אויף אט דער באמערקונג, איז דער מאטעריאל פארט א וועזענטליכער פאקטאר, מחמת דער כאראקטער פון דעם מאטעריאל געהט איבער אין דעם קונסט־אביעקט און פאדערט אויפמערקזאמקייט צו זיך.

# בראָדער קריסטיאַנסען

דער געגענשטאנד־אויפפאסונג. ווען די פריזען פון די קליידער ביי די געטער ליגען זיך אויס לויט דעם רצון פון דעם פארטעגאנישען מייסטער אין וואונדערבארע ליניעס, לעבען מיר איבער עפעס אזוינס, וואס איז ענליך דערצו, ווען מיר הערען מוזיק, און די אינערליכע איבערלעבונג געהט דא אוממיטעלבאר נאך דער באוועגונג פון די ליניעס. און דאך וואלט מען ניט געקאנט זאגען, אז די דאזיגע איבערלעבונג דריקט זיך אויס געגענשטאנדליך, מחמת דא איז ניטא קיין שום צווייפעל וועגען דעם וואס עס איז דער געגענשטאנד, נעמליך: די קליידער וואס פאלען אראפ פאלדעגווייז. דא פאראייניגט זיך די איבערלעבונג מיט דעם באוואוסטזיין פון דעם געגענשטאנד, כאטש די איבערלעבונג שיידט זיך אונטער פון דעם דאזיגען באוואוסטזיין. אין דער מוזיק אבער איז די איבערלעבונג איין און איינציג, מחמת דא איז ניטא קיין באוואוסטזיין פון דעם געגענשטאנד, דא רעדט בלויז די פארם. זי שילדערט אבער גאר ניט, זי דערצעהלט ניט און זי מאלט ניט. די פראגראמאטישע מוזיק — דאס איז א פארזוך אריינצופירען דאס געגענשטאנדליכע. דערווייל אבער שטעלט זי מיט זיך פאר א „קאנטיטע נעגליזשאבל" (אן אימבאדייטענדע קוואנטיטעט). און יעדענפאלס איז זי ניט קיין באווייז געגען דעם, אז מען קאן זיך אין דער מוזיק באגעהן אהן דעם געגענשטאנדליכען.

אויב מען זאל אנערקענען די הנחות פון דעם אפשאצענדען אורטייל, וואס זיינען דא אויסגעדריקט געווארען, דאן איז אומפארמיידליך דער שלוס, אז די פארם איז וועניגסטענס גלייכווערטיג מיט דעם געגענשטאנד, אין אפשר איז זי דער מער וויכטיגער פאקטאר. עס זיינען פאראן קונסט־ווערק וואס האבען גאר קיין געגענשטאנדליכקייט ניט, עס קאן אבער ניט זיין קיין קונסט אהן א פארם. אפילו אין די פלאסטישע קונסטען ווערען די הסרונות פון דער געגענשטאנדליכער איבערגעבונג באלאנסירט דורך די פארמאלע מעלות, בעת דער אינהאלט, פארקערט, קאן ניט פארגלעטען די פוסטקייט און ארימקייט פון פארם. אויף אזא אופן איז די פארם — די קאנדיציא סינע קווא נאן. די באהערשונג פון דער פארם איז עס, וואס שיידט אפ קונסט פון ניט־קונסט, די קינסטלערס פון די ניט־קינסטלערס.

בעלס בילדער מיט די פויערים ביי אנדערע קינסטלערס. מיר וועלען גאנין לייכט געפינען ווערק, וואס זיינען ניט ערגער ווי לעיבעל׳ס אין דער הינזיכט פון דער געגענשטאנדליכער כאראקטעריסטיק, און דאך זיינען זיי אהן ספק ווינציג ווערטפול. אזא פארגלייך וואלט אנטפלעקט, אז דער שטרענג פארמאלער אינהאלט ביי אים וועגט שטארק אריבער דעם געגענשטאנדליכען אינהאלט. נאך מער. אין מאנכע פון זיינע ווערק קאן מען טרעפען א מאדנעם קאנטראסט צווישען דעם אינהאלט און דער פארם. זיי פאסען זיך אפילו איינס צום צווייטען, זיי זיינען אבער ניט אינגאנצען הארמאניש, זיי געפינען זיך אין א מין פארבינדונג, וואס איז ענליך צו דער פארבינדונג פון דעם ווערק און די דערגענצענדע פארבען. ווען מען שענקט איינמאל אויפמערקזאמקייט דער דאזיגער ערשיינוג, דערקענען מיר אפט ביי רעמבראנדט׳ען, למשל, אין זיינע צייכענונגען און מעטאל־שטיכען, ווי אויך ביי גאיא׳ן און ביי פ[illegible]ין אנדערע מאדערנע קינסטלער אט די דערגענצענדע געגענזעצליכקייט צווישען דעם כאראקטער פון דעם פארמאלען און פון דעם געגענשטאנדליכען: זי איז בפירוש גינסטיג פאר דער געגענזייטיגער אומאפהענגיגקייט פון ביידע.

צום שלום וואלט איך געוואלט אנווייזען אויף דער מוזיק, וואס אנטהאלט ניט — אויסער דער פראגראמאטישער מוזיק — בכלל קיין שום אינהאלטליכעס.

מען וועט אפשר איינווענדען, אז הערענדיג מוזיק פילען מיר א שטארקע אינערליכע איבעולעבונג, דערפאר האט זי אלס איר פארשטעלונג־געגענשטאנד א פסיכישען אינהאלט. דאך וועלען מיר ניט פירען קיין שטרייט וועגען ווערטער, ווען מיר וועלען צוריקווייזען אט אט די באצייכענונג. פאר דעם פארשטעהן פון דעם עצם פון מוזיק איז נויטיג אונטערצושטרייכען, אז די זעלישע איבערלעבונג טרעט אין איר לחלוטין ניט ארוים אינהאלטליך. די מוזיק שטעלט דורכאויס ניט פאר קיין פסיכישע פראצעסען. זי דערצעלט אונז ניט וועגען דער נעגענווארט אדער פארגאנגענהייט. אמת, זי שאפט אונז אן אינערליכע איבערלעבונג, אבער אזא, וואס מען באגעגענט אויך אין דער פלאסטישער קונסט צוזאמען און צום טראץ פון

איינגעשאפטען; זיי זיינען צוויי פארשידענע מינים עלעמענטען, וואס באטייליגען זיך אין דעם סינטעז פון דעם עסטעטישען אביעקט.

דאס וואס דער פארגעשטעלטער אינהאלט קאן פארלירען זיינע וועזענטליכע שטריכען און דערביי זאל דער ווערט פון דעם ווערק ניט בארירט ווערען, שטעלט מיט זיך פאר גלייכצייטיג אי א פארא־לעלישען אי א פארקערטען באווייז פון דעם זעלבען: די פארם אליין דארף דעריבער זיין גענוג פאר דער אויפהאלטונג פון דעם ווערט. איך וואלט געקאנט אנווייזען אויף געוויסע פראגמענטען פון דעם מזרח׳דיגען פריז און פראנטאן פין דעם אטענישען פאנטעאן־טעמ־פעל: ביי אט די פיגורען זיינען אומגעקומען סיי די פנים׳ער סיי די הענט, און עס זיינען געבליבען בלויז די ברוכשטיקער פון די קערפערס וואס זיינען איינגעהילט אין קליידער. ניט געקוקט דערויף קאן ניט זיין דער מינדסטער צווייפעל אין דעם קונסט־ווערט פון אט די ווערק. אזוי ווי דער געגענשטאנד קאן אין אט דעם פאל קוים באטראכט ווערען אלס וועזענטליך, מוז מען די וואונדערבארע שענקייט צושרייבען אויס־שליסליך דעם איינדרוק, וואס עס מאכען די פארמען.

נאך א וואריאנט פון אזא באווייז גיט אונז ניקע — די סטאטוע פון דעם מענדישען פעאניוס צוזאמען מיט אירע מאדערנע רעקאנ־סטרוקציעס. אויב די לעצטע ערשיינען אלס בארבאריש אין אנגע־זיכט פון דער אנטיקער סקולפטור, לאמיר זיך פרעגען, פארוואס עס איז אזוי. אפשר איז די געגענשטאנדליכע צוריקשטעלונג אינגאנצען ניט ריכטיג? וועגען דעם ווייסען מיר אבער גארניט פאזיטיוועס—און דאך איז אונזער שאצונג־אורטייל באשטימט און אומצווייפעלהאפט. דאס נעמט זיך, אלזא, דערפון, וואס דער פארמאלער כאראקטער פון דער אנטיקער סקולפטור איז קאליע געווארען דורך דעם היינט.

איך וואלט אויך געקאנט אנווייזען אויף דער קונסט פון די פרי־מיטיווען, וועלכע זיינען נאך אזוי אומבאהאלפען צוריקגעשטאנען אין דעם פארשטעלען דאס געגענשטאנדליכע. אויב מיר געפינען פונ־דעסטוועגען צווישען זיי וויכטיגע קינסטלער, מוזען מיר זוכען דעם יסוד פון זייער ווערט אין דער שפראך פון פארמען.

אדער לאמיר, צום ביישפיל פארגלייכען, די פויערים אויף לעי־

גאַנצען ווערק זאָל ווערען צווייפעלהאַפט. דער פאָרמאַלער אונטער־שיד, וואָס איז אומוועזענטליך פאַר דעם פאַרגעשטעלטען געגענ־שטאַנד, קען דעריבער ווערען וועזענטליך פאַר דעם עסטעטישען אָב־יעקט. אין דעם דריקט זיך אָמקלערסטען אויס דער פאַקט, אַז דער געגענשטאַנד אין דער עסטעטישער אָביעקט זיינען ניט איינס און דאָס זעלבע. צווישען דער געגענשטאַנדליכער אינדיווידואַליטעט פון דעם פאַרגעשטעלטען אינהאַלט און דער אינדיווידואַליטעט פון דעם עסטעטישען אָביעקט דאַרף געמאַכט ווערען אַן אונטערשיד.

דאָס וואָס רירט במעט ניט אָן די געגעשטאַנדליכע אינדיווידו־אַליטעט, קען גענצליך איבעראַנדערשען די עסטעטישע אינדיווידואַלי־טעט פון דעם ווערק. זיי פאַלען ניט צונויף איינס מיט'ן אַנדערען. אמת, די ליניעס און פאַרבען אין די איבעריגע זינליכע פאָרמען ווערען באַנוצט אין דער פלאַסטישער קונסט אויך פאַר אַ פאַרשטעלונג פון דעם געגענשטאַנד, און דערפאַר האָבען פילע פאָרמאַלע אייגענשאַפ־טען אַ געגענשטאַנדליכע באַדייטונג. אָבער צוזאַמען דערמיט זיינען זיי וויכטיג אייך אַן און פאַר זיך, אוממיטעלבאַר, ווייל זיי באַשאַפען אַן איינדרוק מיט זייער זינליכער אייגענאַרטיגקייט: **אַ ניט וואָלט עס געווען אוממענליך, אַז אַ פאָרם־ענדערונג, וואָס איז אומוועזענטליך אין אַ געגענשטאַנדליכען זין, זאָל גורם זיין אַ באַדייטענדע פאַרקריפּלונג פון דעם ווערק.** מיר מוזען דעריבער זאָגען, אַז די זינליכע אייגענשאַפטען איבען אויס אַ צווייאיגע ווירקונג: קודם כל שטעלען זיי פאַר דעם געגענשטאַנד און דערנאָך ווירקען זיי אַן און פאַר זיך מיט זייערע אייגענטימליכקייטען, און רעדען צו אונז אוממיטעלבאַר אַלס פאַרבען, ליניעס, ליכטיגע פלעקען א. ד. ג. אַט די צווייטע פונקציע האָבען מיר אין זינען, ווען מיר באַנוצען דעם אויסדרוק „פאָרם“ אַלס טעכ־נישען טערמין, ווען מיר אונטערשיידען און שטעלען אַנטקעגען פאָרם און אינהאַלט. אַלס דאַטען פון זינליכער אויפפאַסונג זיינען פאָרם און געגענשטאַנד ניט אָפּצוטיילען. זיי זיינען אָבער פאַרשידענע, געגענזייטיג־אומאָפּהענגיגע פונקציעס פון איינע און די זעלבע זינליכע

ליב פאַרשידענע אורזאַכען. אפשר ליידט ער בכלל פון עסטעטישער בלינדקייט; אָדער ער איז פרעמד לויט'ן גייסט, צווישען אונז איז ניטאָ קיין שום סימפּאַטיע אין פּרט פון אפּשאַצונגען. און ער האָט אָדער גאָר קיין שום געזעצען פון ווערט אָדער זיי זיינען אַנדערש ווי מיינע; אָדער ער קאָן ניט געפינען זיינע אייגענע ווערטען־געזעצען. וויבאַלד אָבער ער עמפּינדט פּאַרט דעם ווערט פון די אָביעקטען אַזוי ווי איך, דאַן טרעט די לאָגיק אַריין אין אירע רעכט, און איך ציה איין די שלייף פון דעם אומפאַרמיידליכען שלום.

אָט ווי איך וואָלט געפּרואווט ענטפערען די פאַרטיידיגער פון דער עסטעטיק פון אינהאַלט: איך אַנערקען, אַז — שטרענג גערעדט — ברענגט מיט זיך יעדע ענדערונג אין דער פאָרם אַ פאַרלעצונג פון דער געגענשטאַנדליכער אינדיוווידואַליטעט. עס איז אָבער אויך ריכטיג, אַז די פאַרקריפּלינגען קאָנען האָבען אַ פאַרשידענע באַדייטונג. געוויסע פאָרמאַלע ענדערונגען רירען זעהר טיף אָן דעם באַגריף פון אינדיוווידואַליטעט, אַנדערע ווידער האָבען מיט אים גאָר ניט צו טון, און בנוגע די לעצטע קען מען רעדען וועגען אַ געוויסער עלאַסטיציטעט פון דער אינדיוווידואַליטעט. בעת די קלענסטע אָפּווענדונג פון די ליניעס אין דער צייכנונג פון אַ פּנים קען גענצליך ענדערען זיין אויסדרוק, אַזוי אַז דער פאַרגעשטעלטער אינהאַלט פון דעם בילד וועט ווערען אינגאַנצען אַן אַנדערער, — האָט די לייכט געענדערטע לאַגע פון די פאַלדען אין אַ קלייד, דאַגעגען, מערסטענטיילס גאָר קיין באַדייטונג ניט פאַר דעם געגענשטאַנד. עס זיינען אַלזאָ פאַראַן אַזעלכע פאָרם־ענדערונגען, וואָס זיינען גאַנץ עגאַל פאַר דער אינדיוווידואַליטעט פון דעם געגענשטאַנד. *אָבער גראַד זיי קענען פונדעסטוועגן זיין וועזענטליך אין אַ ווערק און מער ווי אַלץ האָבען אַן איינפלוס אויף זיין ווערט.*

אין פייערבאַכ'ס „אָרפעאוס" וואָלט אַ געוויסע ענדערונג אין די פאַלדען געקענט זיין פון גאָר אַ קליינער באַדייטונג פאַר דעם אינהאַלט פון דעם בילד, און דאָך גורם זיין, אַז דער ווערט פון דעם

אַבער בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי אינדיווידואַליזירען דעם פֿאַרגעשטעל־
טען אינהאַלט. צו דער אינדיווידואַליטעט פון דעם געגענשטאַנדלי־
כען געהערט אויך די אינדיווידועלע באַשטימטקייט פון אַלע זיינע
פֿאַרמען. קוים ווערען די לעצטע געענדערט — ווערט אויך דער גע־
גענשטאַנד אַן אַנדערער. ער געהט נאָך, אמת, אַרונטער אונטער דעם
זעלבען באַגריף, טראָגט אפשר דעם זעלבען נאָמען, ער איז אָבער ניט
דער פריהערדיגער געגענשטאַנד לויט זיין אינדיווידואַליטעט. די
באַהויפּטונג, אַז אין דער קונסט זיינען די פֿאַרמען דאָס וויכטיגסטע
קאָן דעריבער אויסגעטייטשט ווערען אין דעם זין, אַז דאָס וויכטיגסטע
איז די געגענשטאַנדליכע אינדיווידואַליטעט. דער דאָזיגער זאַץ פּאַסט
זיך אָבער אַריין אין די ראָמען פון דער עסטעטיק פון אינהאַלט.

אַט די פּאָזיציע זעהט אויס צו זיין ניטצוטריטליך. אָבער דאָס
איז בלויז דערפֿאַר, וואָס מען קאָן קיינעם ניט צווינגען צו זעהן און
צו עמפּינדען די ווערטען. מיר דאַרפען ביי זיך אָפּמאַכען, אַז אין
פראַגען פון קונסט איז ניט מעגליך אַ באַווייז וואָס זאָל, ווי אין דער
מאַטעמאַטיק, למשל, באַנוצען אַן אַלגעמיינעם צוואַנג־כאַראַקטער.
מען קאָן, אמת, אַנפאַלען אויף די באַווייזען פון דעם געגנער, און צייַ־
גען, אַז זיי טרעפען ניט גענוג ווייט, אָדער אַז זיי ליידען פון אַ ווידער־
שפּרוך, אָבער דאָס צעשלאָגט בלויז דעם אַרגומענט, דורכאויס ניט
דעם טעזיס. דאָ איז אוממעגליך צו באַווייזען אָדער צוריקצואַווייזען
וועלכע עס איז באַהויפּטונג אין אַ שטרענג אַלגעמיינעם זין. דאָס
איז פאַרבונדען מיט דער אויטאָנאָמיע פון עסטעטישע ווערטען. יע־
דער באַווייז מוז זיך שטיצען אויף דער אייגענער עמפּינדונג פון דעם
ווערט. אָבער ביי די אויטאָנאָמישע ווערטען איז אַזאַ באַווייז בלויז
אינדיווידועל־באַדייטזאַם. פֿאַר אַנדערע קאָן ער קיין באַדייטונג ניט
האָבען. איך קאָן קיינעם ניט נויטען פונקט אַזוי צו עמפּינדען עס־
טעטישע ווערטען, ווי איך עמפּינד זיי. אויף אַזאַ אופן פעלען דאָ
די הנחות פֿאַר אַן אַלגעמיין־באַדייטזאַמען באַווייז. איך קאָן בלויז
זאָגען: דאָ אָדער דאָרט פיל איך אַ ווערט, און אַט דאָ פיל איך אַ
פאַרלעצונג פון דעם ווערט. פילסטו אויך דאָסזעלבע? עס איז גאַנץ
מעגליך אַז אַ צווייטער קאָן ניט איינשטימען מיט מיר, און דאָס צו־

## בראָדער קריסטיאַנסען

איינע פון זיי וואָלט מסתמא ניט צענויפגעפאַלען מיט דעם מאָדעל. יעדערע וואָלט זיך געהאַט איר באַזונדערען טעמפּעראַמענט און איר אייגען זעליש לעבען, זיי וואָלטען בלויז ענליך געווען אויף דעם אַלגעמיינעם מאָדעל. עס הייסט, אַלזאָ, אַז דאָרט, וואו איר זעצט פאַראויס אַן אידענטישקייט פון אינהאַלט, האָבען מיר אינדיווידועל־פאַרשידענע אינהאַלטען, וואָס זיינען בלויז ענליך איינער אויפ׳ן אַנדערען, אָדער וואָס קאָנען אונטערגעפירט ווערען אונטער איין אַלגעמיינעם באַגריף. קירצער גערעדט: איר באַווייזט בלויז, אַז ניט די אַלגעמיינע טעמע באַשטימט דעם ווערט אין דער קונסט, נאָר בלויז די אינדיווידועלע ערפילונג פון דער טעמע, די אינדיווידועלע שאַטירונגען פון דעם אינהאַלט. אייער באַווייז שלאָגט דעריבער פאַרביי אונז, גיכער אַנערקענט ער, אַז גערעכט זיינען מיר. די אינדיווידועלע פאָלקאָמענהייט געהערט דאָך צום געגענשטאַנד פונקט ווי די אַלגעמיינע, און איר באַווייזט אויף אַזאַ אופן, אַז אין דער קונסט איז וויכטיג דער אינהאַלטליכער געגענשטאַנד.

אויף אַזאַ אופן ווערט אינגאַנצען צעשלאָגען דער אַרגומענט, וואָס זעהט אויס צו זיין אַזוי איבערצייגענד אין די אויגען פון דעם המון. ער האָט אַנטהאַלטען אין זיך אַ ווידערשפּרוך, וואָס מען קאָן לייכט אויפדעקען. דער, וואָס האָט זיך אין זיינע בליקען געשטיצט בלויז אויף דער דאָזיגער אַרגומענטאַציע, איז — אַליין עס ניט וויסענדיג — געווען אַן אַנהענגער פון דעם אינהאַלט־טעזיס. אמת, די צעשלאָגונג האָט דער׳הרג׳עט דעם אַרגומענט, אָבער ניט די טעאָריע. עס בלייבט איבער צו וואַרטען, צי דער פאָרמאַליזם וועט ניט געפינען קיין בעסערע גרונדען און קיין בעסערע פאַרטיידיגער. דער ענטפערקלאַפּ שלאָגט אָבער צוריק ניט בלויז דעם וויכטיגען באַווייז פון דעם געגנער, ער באַשאַפט, זעהט אויס, אין דערזעלבער צייט אויך אַ ניט־צוטריטליכע פּאָזיציע פאַר דער עסטעטיק פון אינהאַלט.

געהט אַקאָרשט צו צו איר מיט ליניעס, פאַרבען און שטופּענווייזע קאָנטראַסטען פון ליכט און שאָטענס; מיט פלאַכען, מיט דער טענדענץ פון באַוועגונגען און מיט טיפקייט: זי — די אינהאַלט־עסטעטיק — אַנערקענט די באַדייטונג פון אַט די פאָרמען פאַר די ווערטען,

רעכט, אז דער „ווי אזוי“ און ניט דער „וואס“ איז וויכטיגער, אויב איר שטעלט זייביידע איינער אנטקעגען דעם אנדערען, אבער אייער אנטקעגענשטעלען דעם „וואס“ און דעם „ווי אזוי“ איז גענצליך איינגעשלאסען אין דער ספערע פון דעם געגענשטאנדליכען; עס מיינט ביי אייך ניט קיין אנדערע זאך, ווי דער געגענזאץ צווישען דעם אלגעמיינעם און דעם אינדיווידועלען. אויף אזא אופן אייגענטליך ווערט אייער באהויפטונג רעדוצירט צום פאלגענדען: וויכטיג איז ניט די אלגעמיינע טעמע נאר די אינדיווידועלע אויפפאסונג פון דעם געגענשטאנד. אויב עטליכע קינסטלער מאלען א מאדאנע, רעדט איר וועגען דער אידענטישקייט פון דעם אינהאלט. איז אבער דער אינהאלט פון זייערע בילדער באמת דערזעלבער? דורכאויס ניט. זייער אינהאלט קען אונטערגעפירט ווערען בלויז אונטער דעם אלגעמיינעם באגריף פון דער זעלבער ט ע מ ע. פארגלייכט אקארשט זייערע מאדאנעס איינע מיט דער אנדערער: מיר האבען פאר זיך פולשטענדיג פארשידענע אינדיווידואליטעטען. זיי האבען אנדערע פנים׳ער און אנדערע נשמות. אט די אינדיווידועלע אונטערשיידען באצייכענט איר מיט דעם ווארט „ווי אזוי“. אבער דאס זיינען אונטערשיידען אין אינהאלט. זיי ווערען גענצליך געדעקט דורך דעם „וואס“, אויב מען זאל אונטער אים פארשטעהן דעם געגענשטאנד. צום אינהאלט געהערט דאך ניט נאר די אלגעמיינע טעמע, נאר אויך די אינדיווידועלע באשטימטקייט. ווען איר זאגט: דער „ווי אזוי“ באדינגט דעם ווערט, פארשטעהט איר אונטער דעם די אינדיווידועלע שאטירונג פון דעם געגעבענעם געגענשטאנד. די קינסטלער פון דעם רענעסאנס האבען ניט געשאפען קיין ווערק מיט דעם זעלבען אינהאלט. זיי האבען, אמת, גענומען די זעלבע אלגעמיינע טעמעס, נאר יעדערער האט דעם אלגעמיינעם צוגעגעבען א באזונדערע, אינדיווידועלע פארקערפערונג. און אויב פארשידענע קינסטלער מאלען פארטרעטען פון דעם זעלבען קאפ, קומען אינדער׳אמת׳ען ארויס בילדער, וואס זיינען ניט ענליך לויט׳ן אינהאלט: מיר זעהן אינדיווידועל־פארשידענע קעפ. אויב זיי וואלטען געקאנט לעבעדיג ווערען דורך עפעס א נס, וואלטען דאס געוועזן גאנץ פארשידענע פערזענליכקייטען, און קיין

טעזיס דערוויייל וואַרטען אויף דעם אָנפאַל פון דעם געגנער, כדי צו באַשטעהן דאָס זייניגע אין אַ פּאַרטיידיגונגס־קאַמף. וואָס, אַלזאָ, זאָגען די פאָרמאַליסטען? די באַווייזען, וואָס עס קומט אויס צו הערען אָממערכטען, מסתמא דערפאַר, וואָס די פאָרמאַליסטען האַלטען זיי פאַר די וואָגיגסטע, — זיינען אומגעפער פאָלגענדע:

אַז ניט דער געגענשטאַנד איבט אויס אַן אַנטשיידענדען איינפלוס אויף דעם ווערט, זעהט מען אַמקלערסטען דערפון, וואָס ווערק מיט דעם זעלבען אינהאַלט קענען האָבען אַ גאַנץ פאַרשידענעם ווערט. אויב בלויז דער געגענשטאַנד וואָלט באַשטימט מיט זיך דעם ווערט, דאַן וואָלט די אידענטישקייט פון אינהאַלט גורם געווען אַן אידענטישקייט פון ווערטען. דאָס איז אָבער דוקא ניט דער פאַל. אויב דער געגענשטאַנד וואָלט באַשטימט דעם ווערט כאָטש ווייניגסטענס אין די הויפּטשטריכען, וואָלטען ביי גלייכען אינהאַלט קיין שאַרפע אונטערשידען אין די ווערטען ניט מעגליך געווען. אָבער פאַקטיש עקזיסטירען זיי. אַ גוט און אַ שלעכט בילד קענען האָבען איין און דעמזעלבען אינהאַלט. הייכט עס, אַז עס האַנדעלט זיך ניט אום דעם איבערגעגעבענעם געגענשטאַנד. זאָלען נאָר פאַרשידענע קינסטלער צייכנען דעם זעלבען לאַנדשאַפט אָדער דעם זעלבען פאָרטרעט, וועלען זייערע ווערק ניט זיין פון דעמזעלבען ווערט. וויכטיג איז ניט דער „וואָס“, וויכטיג איז דער „ווי אַזוי“. די קינסטלער פון דעם רענעסאַנס האָבען געהאַט דעם זעלבען באַגרעניצטען קרייז פון טעמען. דאָס מאַכט פון דעסטוועגען זייערע בילדער ניט פאַר גלייכווערטיג. אָבער אַט די אייביגע ווידערהאָלונג פון דעם זעלבען סוזשעט האָט ערצויגען די קינסטלער און דאָס פובליקום און זיי אויסגעלערנט צו ווענדען זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם דאָזיגען „ווי אַזוי“, ד. ה. אויף דער פאָרם אַלס אויף דעם וועזענטליכסטען אין דער קונסט. געוויס, דער נאַאיווער אינטערעס פרעגט קודם כל אויף דעם געגענשטאַנד, אָבער עס איז דערפאַר, וואָס ער פאַרשטעהט גאָרניט אין קונסט.

אָבער די פאַרטיידיגער פון דעם ערשטען טעזיס — פון דעם אינהאַלט — וואָלטען אָהן גרויסער מי געקאָנט אָפּווענדען דעם דאָזיגען קלאַפּ. זיי וועלען ענטפערען אַט וואָס: איר זענט אפשר גע־

טיפער. דאָס קען מען באַווייזען דורך אַ פאַרגלייך. אַ גוטער פאַרטרעט טרעט צייכענט זיך אויס מיט זיין לעבעדיגקייט און דרינגט טיפער אריין אין דער נשמה פון דער געמאָלטער פערזאָן.

די פאַנטאַסטישע וועלט פון די גרויסע קינסטלער ערשיינט אויף דעם בילד אַלס פול מיט לעבען, און די פאַנטאַסטישע געשטאַלטען פון די מיטעלמעסיגע קינסטלער זיינען שאָטענס אָהן אַן אינהאַלט. דערויף זאָגען עדות די ווערטער פון די קינסטלער גופא — דערמאָנט זיך אַן מענצלע'ן, לייבלע'ן און האָקוסאַיע'ן — אַז אין זייער שאַפונג שטרעבען זיי אַנצוכאַפּען דאָס געגענשטאַנדליכע און אַלס באַדינג פון דער מעגליכקייט פון גרויסע שאַפונגען דאַרף דער אינטערעס געווענדט ווערען צו דעם אינהאַלט. דער קינסטלער דאַרף זיין אַרומגעכאַפּט מיט דעם איינדרוק פון דעם געגענשטאַנד, מחמת „גרויסע קונסט איז אַלעמאָל אַ לויב־געזאַנג“. אָבער ווען דער אינטערעס איז געריכטעט אויף אַנדערע מאָמענטען, אויף די פאָרמען אָדער אויף דער טעכניק, דאַן ווערט די קונסט אַ פלאַכער מעכאַניזם, אַ ווירטואָזירונג אָדער אַ פּוסטע קאָנווענציאָנאַליטעט, וואָס בלויז אַ צוריקקער צו דער נאַטור, צו דער געגענשטאַנדליכער ווירקליכקייט איז אַ רעטונג דערצו. ענדליך איז דער אינטערעס פון דעם מענש, וואָס פאַסט אויף אַ קונסט־שאַפונג, אָהן צווייפעל געווענדט קודם כל צו דעם געגענשטאַנדליכען; די ערשטע פראַגע אין אַנגעזיכט פון אַ ווערק באַציט זיך אַלע מאָל צו דער געגענשטאַנדליכער אָריענטירונג; וואָס שטעלט עס פאָר?

מען קען צוגעבען, אַז יעדער פון אָט די אַרגומענטען אַנטהאַלט אַ קערן אמת; ניט קוקענדיג אָבער דערויף זיינען זיי, זעהט אויס, ניט גענוג צו באַגרינדען דעם טעזיס פון דער אינהאַלט־עסטעטיק. זיי מאַכען בלויז וואַרשיינליך, אַז אין דעם סכום צאָלען פון דעם עסטעטישען אָביעקט האָט אויך דער אינהאַלט זיין באַדייטונג. אָבער אויף צו באַווייזען דעם פילישטעַנדיגען צענויפפאַל פון דעם עסטעטישען אָביעקט מיט איין אינהאַלט — מיט זיין „וואָס“, וואָלט מען געדאַרפט אויסשליסען אַלע געגענזעצליך־ווירקענדע פאַקטאָרען, און דאָס איז שווער צו דערגרייכען אויף אַ דירעקטען וועג. דערפאַר מוז אונזער

ווירקליכקייט. צי דער קינסטלער שילדערט קערפּערס אין צושטאַנד פון רו אָדער אין באַוועגונג, מכּשות'דיגע זאַכן אָדער אַטמאָספערישע פּראַצעסן, ווי זונליכקייט, דאָס שפּיל פון ליכט און שאָטן אָדער די ליפּט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַ נעפּל — איינס איז אַבסאָלוט אַזוי נעגענשטאַנדליך, ווי דאָס צווייטע.

מיר פרעגן: איז דער פאַרגעשטעלטער אינהאַלט וויכטיג פאַר דעם סינטעז פון דעם עסטעטישען אָביעקט? דאָס איז אַ פראַגע וועלכע איז מער באַקאַנט אין אַזאַ פאָרמולירונג; וואָס פאַר אַ מאָמענט האָט אַ גרעסערע באַדייטונג אין דער קונסט: דער „וואָס" אָדער דער „ווי אַזוי", דער אינהאַלט אָדער די פאָרם?

צוויי עקסטרעמע בליקען שטויסען זיך דאָ און איינער אין דעם אַנדערען. איין בליק באַהויפּטעט, אַז דער עסטעטישער ווערט פון דעם ווערק הענגט אָפּ בלויז פון דעם געגענשטאַנדליכען „וואָס". אויף אַזאַ אופן, איז דער פאַרגעשטעלטער אינהאַלט טאַקע יענער „איקס", וואָס מיר זוכען און וואָס איז אידענטיש מיט דעם עסטעטישען אָביעקט. דאַן איז דאָס פאַרשטעהען פון קונסט ניט מער ווי אַ פיינער פאַרשטעהן פון זאַכען, אַ טיפערע אַריינדרינגונג און אַ מער אינטענסיווע אויפכאַפּונג פון געגענשטאַנדען. די געגענזעצליכע טעאָריע באַהויפּטעט דאָס פאַרקערטע: אין דעם קונסט-ווערק האָט דער פאַרגעשטעלטער אינהאַלט בכלל קיין ווערט ניט. פאַר אונז וואָלט דאָס געהאַט דעם זין, אַז ניט דירעקט און ניט אינדירעקט גיט דער געגענשטאַנד עפּעס פאַר דעם סינטעז פון דעם עסטעטישען אָביעקט. דער טעזיס באַהויפּטעט, אַלזאָ, אַז דער געגענשטאַנד איז אַלץ; דער אַנטי-טעזיס — אַז דער געגענשטאַנד איז גאָרניט פאַר דעם עסטעטישען אָביעקט.

לאָמיר זיך אָפּשטעלען אויף דעם ערשטען. אויף וואָס איז באַגרינדעט די דאָזיגע באַהויפּטונג? אַלס באַווייז ברענגט מען פאָלגענדעס: אַלע גרויסע קינסטלער דערגרייכען פאָלקאָמענהייט אויף דעם געביט פון אינהאַלט, און שטייגען אַריבער אין דעם די שלעכטע קינסטלער. דאָס געגענשטאַנדליכע איז דעריבער ביי זיי רייכער און

באקומסטו עפעס דעם איינדרוק, אז דער עסטעטישער אביעקט באשטעהט, ווי א קנאספּ, פון בלויז הייטלאך, וועלכע מען קען אראפּשיילען שיכטענווייז. ווען א בילד, וואס איז געמאלען אין קאלירען, ווערט רעפּראדוצירט אין שווארץ און ווייס, רעדט מען נאך אלץ וועגען דעם זעלבען בילד: דא האבען מיר אן אפּגרעניצען זיך פון פארב.

א מוזיקאלישער ווערק זעהט אויס צו זיין אומאפּהענגיג פון דעם הויך פון דעם טאן, א סקולפּטור — פון דער אבסאלוטער גרויס; ערשט ווען די ענדערונגען זיינען צו עקסטרעם, ווערט די דעפארמירונג פון דעם עסטעטישען אביעקט באמערקבאר פאר אלעמען. דער אביעקט זעהט אויס צו זיין אומאפּהענגיג אויך פון דעם געגענשטאנד פון דער שילדערונג: ביים זינגען א ליד איז מעגליך אן ענדערונג אין דעם אינהאלט פון די ווערטער. עס פּאסירט אפט אין איינעם פון גאיא'ס „קאפּריטשאס", אז מיר פארשטעהען שלעכט דעם פארגעשטעלטען אינהאלט. אין אזא פאל ווערט דער געגענשטאנד טיילווייז באזייטיגט און דאך פארשטעהען מיר פולשטענדיג דאס געגעבענע ווערק. און כאטש מיר האבען פארגעסען אלץ אין נאוואליסעס: „ליד פון די טויטע", א חוץ דעם טאן, דעם ריטם און די גראמען־פארבינדונגען, ווייזט זיך אונז דאך אויס, אז עס איז אונז געבליבען גענוג אין דעם זכרון צו זיין איבערצייגט אין דער אידענטישקייט פון דעם ווערק.

---

מיר טיילען ארויס די צווייטע גרופּע אויפפאסונג־דאטען אונטער דעם אלגעמיינעם נאמען: ג ע ג ע נ ש ט א נ ד אדער א י נ ה א ל ט. אט דאס שטיק מארמאר איז אויסגעהאקט אזוי, אז עס שטעלט פאר ויענוס'ען; די פארבען זיינען אזוי אויסגעלייגט אויפ'ן לייווענט, אז פאר אונז ערשיינט א לאנדשאפט; דער עפּאס שילדערט די אויסערליכע שיקזאלען און די אינערליכע אנטוויקלונג פון דעם מענש א. אז. וו. דאס זעלישע קאן, פארשטעהט זיך, פונקט אזוי דינען אלס געגענשטאנד פון שילדערונג, ווי דאס קערפּערליכע; א קאפּריז פון דער פאנטאזיע פונקט אזוי ווי די זאכען, וואס זיינען גענומען פון דער

# בראַדער קריסטיאַנסען

אויב דער אויסוואַל פון דעם מאַטעריאַל איבט אויס זיין איינפלוס אויף דעם עסטעטישען ווערט, דאַרף מען דאָס, נאַטירליך, ניט פאַרשטעהן אין דעם זין, אַז דער מאַטעריאַל טראָגט צו צו דעם ווערק זיין אויסערטעטישען, למשל עקאָנאָמישען ווערט; אַז וואָס העכער דער פּרייז פון דעם מאַטעריאַל, אַלץ העכער אויך דער ווערט פון דעם ווערק. עס האַנדעלט זיך ניט אָיב דעם פּרייז, נאָר אום דער עסטעטישער צוגעפּאַסטקייט. די פּלאַסטיק ווערט ניט מער ווערטפול דורך דעם, וואָס זי איז אין זילבער אנשטאָט אין האָלץ. גיפּס, אויף זיין אָרט, קען זיין עסטעטיש ווערטפולער איידער מאַרמאָר. נאַטור־פאַרביגע שטיינער זיינען מער ווערטפול ווי דימענטען. אונזערע גראַפיקער ליידען אָפט פון דעם נאַאיווען פאַראורטייל פאַרצוציהען טייערען מאַטעריאַל. זיי האָבען אויך די שלעכטע געוואוינהייט אָפּצודרוקען צוליב קאָמערציעלע באַטראַכטונגען דיזעלבע פּלאַטע אויף פאַרשידענע סאָרטען פּאַפּיר, אַנשטאָט אויסצוקלייבען דעם איינציגען מאַטעריאַל, וואָס זאָל זייער ווערק געבען די מעגליכסט גרעסטע פולקאָמענהייט פון ערפילונג. מיר זעהען אַלזאָ, אַז אַ פולשטענדיגע צעטיילונג צווישען עסטעטישען אָביעקט און מאַטעריאַל איז נישט מעגליך. אַן ענדערונג פון דעם מאַטעריאַל צושטערט די אידענטישקייט פון דעם אָביעקט און לאָזט בלויז איבער אַ געוויסע ענליכקייט. אויף אַזאַ אופן צייכענט זיך דער עסטעטישער אָביעקט ניט אויס, אין פאַרגלייך מיט דעם אויסערליכען ווערק, מיט אַ באַזונדער גרויסער אַבסטראַקטקייט. — יעדענפאַל ניט אין דער הינזיכט פון מאַטעריאַל. זיינען מיר, הייסט עס, געקומען צו דעם רעזולטאַט: **דער מאַטעריאַל פון דעם קונסט־ווערק באַטייליגט זיך**, אַ דאַנק די פאָלגען פון זיין איינפלוס, דירעקט אָדער אינדירעקט, **אין דעם סינטעז פון דעם עסטעטישען אָביעקט.**

איבעריגענס איז דער מאַטעריאַל ניט דער איינציגער פאַקטאָר, ביי וועלכען עס באַמערקט זיך די ערשיינונג פון אַ געוויסער צעטיילטקייט און אומאָפּהענגיגקייט פון דעם אָביעקט, כאָטש דאָ איז זי פיליכט אַמקלערסטען. דערפירענדיג דעם דאָזיגען געדאַנק ביז'ן סוף,

פון די אורזאכען וואס האבען גורם געווען די פארקריפלונג פון דער גריכישער אלטערטימליכקייט. די דעפארמירונגען זיינען אין מאנכע פאלען ווייניג באמערקבאר, אין אנדערע צושטערען זיי פולשטענדיג דעם ווערט. דאס הענגט אפ פון דעם כאראקטער פון דעם ווערק. מאנכע זיינען ווייניגער אפהענגיג פון דעם מאטעריאל, בעת אנדערע זיינען מיט זייערעווארצלען פעסט צונויפגעוואקסען מיט אים און קענען ניט איבערגעפלאנצט ווערען אויף אן אנדער באדען. די ליריק איז ענגער פארבונדען מיט דעם שפראך־מאטעריאל ווי דער עפאס. און ניט יעדער מאטעריאל לאזט זיך פילען אין דעם זעלבען גראד; אמאל איז ער נייטראל.

דערפון איז געדרונגען, אז אויך די מאטעריאלע זייט פון דעם ווערק באטייליגט זיך אין דעם סינטעז פון דעם אביעקט. אויב אן איבערבייט פון דעם מאטעריאל פירט צו מער אדער ווייניגער וויכטיגע פארקריפלונגען פון דעם ווערט, באווייזט דאך דאס, אז דער איבערבייט צושטערט די אידענטישקייט פון דעם אביעקט. יעדער מאטעריאל האט זיך זיין באשטימטען כאראקטער, וואס דארף הארמאנירען מיט דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון דעם עסטעטישען אביעקט. דערפאר דארף מען אדער אויסקלייבען אזא מאטעריאל, וואס איז אין איינקלאנג מיט דער קינסטלערישער כארטראכטונג, אדער אלע איבעריגע פאקטארען דארפען זיין אונטערווארפען דעם מאטעריאל. אין פאל דער לעצטער איז שוין פון פאראויס באשטימט. דער מאטעריאל קען פאלגליך באין אופן ניט זיין פאסיוו און צוגעפאסט פאר יעדער באארבייטונג, ער דערלאזט בלויז געוויסע פארמבילדונגען. דער אומפאנג פון מעגליכע פארמען איז פארשיידען פאר פארשיידענע מאטעריאלען. אין פארגלייך מיט אנדערע לשונות, עפענט די הויך־דייטשע שפראך — א דאנק אירע באזונדערע מאדוליאציאנס־פעהיגקייטען און א דאנק איר ניט אזוי קלאר אויסגעדריקטען מאטעריעלען כאראקטער — א באזונדער רייכען געביט פון מעגליכקייטען. פון דאנען נעמט זיך איר באקוועמליכקייט פאר איבערזעצונגען. אין אט דער הינזיכט איז אויף איר ענליך די פיאנא, ווען מען זאל זי פארגלייכען מיט דער פידעל אדער מיט דער פלייט.

שום זעלבסטשטענדיגע פונקציע. ארויסגעהענדיג פון אט די באַטראַכטונגען, קען מען לייכט קומען צום אויספיר, אַז דער מאַטעריאַל האָט ניט קיין עסטעטישע באַדייטונג. דער עסטעטישער אָביעקט ערשיינט אַלס עפּעס מער אַבסטראַקטעס אײדער אַ מאַטעריעליש קונסט־ווערק. אין פיליכט די פלאַסטיק לויט איר עצם ניט מער ווי די שאַפונג פון פאַרמען אין דעם רוים און איז פאַרבונדען מיט דעם שטיין, בלויז כדי אירע פאַרמען זאָלען קריגען פעסטקייט און אַ געשטאַלט? אין פיליכט אין אַ בילד וויכטיג בלויז דער לייכטענדער שפּיל פון קאָלירען, און דער לייוועגט און די פאַרבען זײַנען נויטווענדיג בלויז דערפאַר, וואָס אָהן זיי וועט דער קאָלירען־צויבער שנעל פאַרשווינדען פאַר דעם קינסטלער און וועט קיין אַנדערען ניט קענען איבערגעגעבען ווערען? ווען מיר זאָלען פעסטשטעלען אַזאַ אַבסטראַקטקייט פון דעם עסטעטישען אָביעקט, וואָלטען מיר געקומען צום שלוס, אַז די מאַטעריאַלע עלעמענטען קען מען פאָלשטענדיג פאַרבייטען איינע אויף די אַנדערע; דעם אָרט פון איין מאַטעריאַלען טרעגער וואָלט געקענט פאַרנעמען אַ צווייטער, אַ גאַנץ אַנדערער אײדער דער ערשטער. אַ געוויסע אומאָפּהענגיגקייט מצד דעם אָביעקט פון דעם מאַטעריאַל קען מען ניט אָפּלייקענען. „די זעלבע“ גראַוויאור קען אָפּגעדרוקט ווערען אויף זייד, אויף יאַפּאַנישען אָדער האָלענדישען פּאַפּיר; „די זעלבע“ סטאַטוע קען אויסגעהאַקט ווערען פון מאַרמאָר אָדער אָפּגעגאָסען ווערען פון בראָנז, פּאָעטישע ווערק ווערען איבערגעזעצט פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער. קוקט זיך אָבער צו אויפמערקזאַמער, און איר וועט געפינען, אַז די איבערשאַפונג פון אַ ווערק אין אַן אַנדער מאַטעריאַל לאָזט ניט איבער פולשטענדיג אומבאַרירט זיין אידענטישקייט. עס אַנטפּלעקט זיך אַ געוויסע דעפאָרמירונג, וואָס דריקט זיך אויס אין דער פ א ר ק ר י פּ ל ו נ ג פ ו ן ד ע ם ו ו ע ר ט.

דער, וואָס איז ניט זעהר סענסיטיוו, וועט עס נאַטירליך ניט באַמערקען. נאָכמאַכענדיג די גריכישע אָריגינאַלען, האָבען די רוימער אָפט פאַרביטען דעם מאַטעריאַל און איבערגעזעצט פון דער שפּראַך פון בראָנז אויף דער שפּראַך פון מאַרמאָר. דאָס איז איינע

זינליכע קאַנטעמפּלאַציע פּונקט אַזוי נייטיג. כדי מען זאָל אונז ניט
פאַרוואַרפן, אַז אַט די באַמערקונג איז אַ רעזולטאַט פון אַ צו אַנגסט־
ליכער פּאַרזיכטיגקייט, בעט איך זיך אַריינצוטראַכטן אין יענער איי־
גענאַרטיגער איבערלעבונג, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דעם
אָביעקט אין דער מוזיק, וועלכן מיר רופן אַ מעלאָדיע, און מיר
זאָגן, אין וואָס עס באַשטעהט זיין עצם, צי בלויז אין דער ריי־
פאָלגונג פון די זינליכע קלאַנגען־אייגענשאַפטען.

ווי עס זאָל דאָרט ניט זיין, דער וועג פון אונזער אויספאָרשונג
עפענט זיך מיט דער פאָלגענדער הנחה; די זינליכע קאַנטעמפּלאַציע
איז דער אומפאַרמיידליכער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דעם סינטעז פון
דעם אָביעקט. קודם כל מוזען מיר זיך קלאָר מאַכען, וואָס פון די
זינליך אויפגעפאַסטע אייגענשאַפטען פון דעם קונסט־ווערק באַציט זיך
דירעקט, און וואָס אינדירעקט צו דעם עסטעטישען אָביעקט. מעגליך
אַז ניט אַלץ, וואָס מיר פאַסען אויף אין אים האָט אַ באַדייטונג, דאָס
וועט זיך אַרויסווייזען אין דעם גראַד איינפלוס אויף דעם ווערט פון
דעם אָביעקט. אַלץ, וואָס באַשטימט אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער
אופן דעם ווערט, מוז זיין וועזענטליך פאַר דעם סינטעז פון דעם
אָביעקט, און אַלץ, דאַגעגען, וואָס האָט ניט קיין איינפלוס אויף דעם
ווערט, איז אומוויכטיג פאַר דעם אָביעקט.

---

די ערשטע גרופּע פון זינליכע דאַטען קענען מיר אַרומכאַפּען
אונטער דער אַלגעמיינער באַצייכענונג פון מאַטעריאַל: למשל, מאַר־
מאָר, בראָנז אָדער האָלץ אין דער פּלאַסטיק. פאַר דעם קינסטלערס
שאַפונג ווערט דער מאַטעריאַל געגעבען אין אַ פאַרטיגען אויסזעהן.
זיין אַרבייט באַשטעהט אין געבען דעם מאַטעריאַל אַ פאָרם. דער מאַ־
טעריאַל ערשיינט דערביי אַלץ עפּעס פּאַסיוועס, ער לאָזט זיך פאַר־
מירען. ער ווייזט זיך אויס אַלץ נויטווענדיג בלויז דערפאַר, וואָס
יעדע פאָרמירונג זעצט פאָראויס דאָס, וואָס דאַרף ווערען אָפּגעשטאַלט.
ער איז בלויז דער טרעגער פון דער אידעע־פאָרם און האָט ניט קיין

גענדיגט. ווען מיר וועלען קריגען אן ענטפער אויף אט די דריי פראַגען.

פון אט דער פּראָבלעם וועלען מיר טאַקע אנפאַנגען: פון דער באשטימונג פון דעם עסטעטישען אָביעקט, זיינע עלעמענטען, זיינע קאָאָרדינירונג־פאָרמען און זיינע קאַטעגאָריעס. די צווייטע פון די צוויי גרונט־פּראָבלעמען וועלען מיר איבערלאָזען פאַר דעם נעקסטען קאַפּיטעל. דאָרט וועלען מיר פּרואוון מאַכען אַן אַנאַליז פון דעם עסטעטישען ווערט, און ערשט דאַן וועט די ערקלערונג וועגען די עסטעטישע קאַטעגאָריעס און צוזאַמען דערמיט — דאָס אַריינדרינגען אין דעם עצם פון דעם עסטעטישען אָביעקט קאָנען באַקומען אַן ענדגילטיגע באַשטימטקייט.

דער סינטעז פון דעם עסטעטישען אָביעקט געהט ארויס פון דער זינליכער אויפפאַסונג פון דעם קונסטווערק, ד. ה. פון דער זינליכער קאָנטעמפּלאַציע. דאָס וואָרט „עסטעטיש" אַליין ווייזט אָן דערויף און מען האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז די קאָנטעמפּלאַציע איז אין דער קונסט באזונדערס נייטיג. דאָ דאַרפען מיר זי האָבען אין נאָך א גרעסערער מאָס אפילו, ווי ביי דער אויפפאַסונג פון דעם עמפּירישען אָביעקט, וואו א פאַרביילויפענדער בליק איז אָפּטמאָל גענוג, כדי זיך געהעריג צו אָריענטירען. ניט אזוי אין דער קונסט. אונזער אויג רוט לאַנג אויף דער סטאַטוע, אין דער מוזיק גיבען מיר זיך פולשטענדיג אָפּ דעם געהער, מיר זיינען גרייט אינגאַנצען צו עפענען אונזער נשמה פאַר יענע איינדרוקען. וואָס פליסען צו אונז דורך די טירען פון אונזערע חושים. פון דעם קען מען נאַטירליך ניט ציען קיין צו איבערגעאיילטע שלוסען. קודם כל, ערשיינט פאַר אונז דער עסטעטישער אָביעקט אלס א פאַלשטענדיג אומבאַקאַנטער „איקס", מיר קענען ניט אָט די זינליכע ערשיינונג באַטראַכטען אלס די געזוכטע עלעמענטען פון דעם עסטעטישען אָביעקט. עס איז דאָך מעגליך, אַז דער קינסטלער האָט ניט די ערשיינונג געהאַט אין זינען, נאָר אירע אינדירעקטע איינפלוסען אויף דעם סוביעקט, און אַז זי האָט דעריבער ניט מער ווי אַן איבערגאַנגס־באַדייטונג. אָבער אויך אין דעם פאַל איז די

זאָל בנוגע דעם אָביעקט קענען שטעלען די פראַגע וועגען ווערט, זי מאַכט אים פאַר א מעגליכען טרעגער פון ווערט.

פון דאַנען איז געדרונגען, אז די פראַגע וועגען קאַטעגאָריעס איז פאַרבונדען מיט דער פראַגע וועגען דער באַדייטונג פון דעם ווערט. מיר וועלען ערשט דעמאָלט פאַרשטעהן די קאַטעגאָריעס פון דעם עמפּירישען אָביעקט, ווען מיר וועלען אויסגעפינען, וואָס עס באַדייט אזוינס „רעאַליטעט“: ערשט דאַן וועלען מיר פאַרשטעהן, פאַרוואָס בלויז די זאַכען און די אורזאַכליכע רייען דערלאָזען די פראַגע וועגען רעאַליטעט. פון דער באַשטימונג פון דעם ווערט קען מען אויך דרינ־גען די באַדינגונגען פון איר מעגליכקייט. די דערקענטעניש־טעאָריע, וועלכע וואָלט געפּרואווט זיך ארויסדרעהען פון צו באַשטימען די רע־אַליטעט, וואָלט ניט געווען אימשטאַנד ארויסצופירען די קאַטעגאָריעס פון דעם רעאַלען.

וואָס פון דער דאָזיגער אויספאָרשונג פון דעם עמפּירישען אָבי־עקט קען אריינגענומען ווערען אין אונזער פּאַראַלעגמיינטער סכעמע, איז קלאָר פאַר זיך אליין. ביי די שאַצונג־אָביעקטען פון דעם זעלבען מין וועט נויטיג זיין צו באַשטימען דריי אַנטשפּרעכענדע מאָמענטען, מחמת יעדער אָביעקט איז אויפגעבויט פון געוויסע עלעמענטען, און אַט די עלעמענטען געפינען זיך אין אן אייגענאַרטיגער, זיי אַנגעהע־ריגע קאָמבינאַציע. און ענדליך דאַרפען זיין די קאַטעגאָריאַלע פאָר־מען, וועלכע באַדינגען די אָביעקטיוויטעט, ד. ה. די מעגליכקייט פון שאַצען. און אימעטום קענען די פונקציעס פון די קאַטעגאָריעס פאַר־שטאַנען ווערען בלויז דורך דער ווערטען־באַשטימונג. אויף אַזאַ אופן האָבען מיר אויך אויף דער פראַגע וועגען דער סטרוקטור פון דעם עסטעטישען אָביעקט געפונען א פּאַראַלעגמיינטע סכעמע פון לייזונג. מען דאַרף באַשטימען: וואָס שטעלען מיט זיך פאָר די עלעמענטען פון דעם עסטעטישען אָביעקט? וואָס אזוינס זיינען די פאָרמען פון קאָאָרדינירען אַט די עלעמענטען? און וואָס אזוינס זיינען די עס־טעטישע קאַטעגאָריעס? אויף וואָס פאַר א וועג עס זאָל ניט אוועק אונזער אויספאָרשונג, וועט מען זי ערשט דאַן קענען באַטראַכטען אלס

פארבינדענדע רינגען. אט די פארם פון דער איינהייט פון א זאך אדער פון דער אורזאכליכקייט ווערט געוועהנליך אנגערופען קאטעגאריע. אויף אזא אופן האבען מיר געפונען, אז דער רעאלער אביעקט לאזט זיך באשטימען אין דרייערליי הינזיכטען: אין דער הינזיכט פון די עלעמענטען, פון וועלכע ער באשטעהט, די פארמען פון קאארדינאציע פון אט די עלעמענטען — און די קאטעגאריע. די עלעמענטען זיינען אין דעם געגעבענעם פאל די זינליכע אייגענשאפטען; די פארמען פון קאארדינאציע — דאס איז די רוים־און־צייט־שכנה׳שאפט; און די קאטעגאריעס — דאס איז די זאך און די אורזאכליכקייט. אט די דריי מאמענטען כאראקטעריזירען דעם עמפירישען אביעקט; וואו מען באגעגענט זיי, דארט איז מעגליך די פ ר א ג ע וועגען רעאליטעט. עס איז אבער ניט שווער זיך צו איבערצייגען, אז דוקא די קאטעגאריעס אנטשיידען עס די פראגע וועגען דער שאצונג־מעגליכקייט. ווארים ווען מען האט פאר זיך בלויז די רוים־און־צייט־שכנה׳שאפט פון זינליכע אייגענשאפטען, פארלירט דאך די פראגע וועגען רעאליטעט איר זין. בלויז די קאטעגאריע שטעלט צונויף דעם שאצונג־אביעקט פון דער עלעמענטען־קאארדינאציע. ווידערהאלענדיג קאנטס אויסדרוק, קענען מיר זאגען, אז די קאטעגאריע גיט „אביעקטיוויטעט.“ אבער אונטער דעם פארשטעהען מיר די מעגליכקייט פון שאצען, די פשוטע מעגליכקייט פון דער פראגע וועגען ווערט און מיר שליסען אויס דערפון יעדע אנצוהערעניש אויף דעם פ א ז י ט י ו ו ע ז ווערט. די קאטעגאריע באשטימט לחלוטין ניט פאראויס אונזער יא אדער ניין. די קאטעגאריאלע אפגעשטאלטקייט פון דעם עמפירישען אביעקט באשאפט ניט זיין ווירקליכקייט, נאר גיט בלויז די מעגליכקייט צו שטעלען די פראגע וועגען דער רעאליטעט פון דעם אביעקט. דאס, וואס איז קאטעגאריאל ניט אפגעשטאלט, קען ניט זיין רעאל אדער ניט רעאל, מחמת די פראגע גופא וועגען דער רעאליטעט האט דא קיין זין ניט. די קאטעגאריע גיט, פאלגליך, די אביעקטיוויטעט אין דעם זין פון דער מעגליכקייט צו שאצען. זי מאכט ערשט מעגליך, אז מען

לאזען קיין שום אנדערע שאצונגען. אויף אזא אופן קומען מיר צו דער פראבלעם: ווי אזוי דארף זיין די סטרוקטור פון דעם אביעקט, אז די פראגע װעגען זיין רעאליטעט זאל האבען א זין? און וואס פאר אייגענשאפטען דארף דער אביעקט באזיצען, אז מען זאל קאנען פרעגען וועגען דעם, צו ער איז שעהן אדער מיאוס, א. אז. וו. מערקט זיך: די פראגע איז ניט, וואסערע אביעקטען זיינען שעהן, וואסערע אייגענשאפטען זיי דארפען האבען, אז זיי זאלען פאררדינען באצייכענט צו ווערען אלס שעהנע—די פראגע איז, וועלכע אביעקטען זיינען שעהן א ד ע ר מיאוס; מיט אנדערע ווערטער; ווי אזוי דארף זיין דער אביעקט, אז די פ ר א ג ע ג ו פ א וועגען זיין עסטעטישען ווערט זאל זיין מעגליך.

ווען מיר זאלען, צום ביישפיל, וועלען אנאליזירען דעם עמפּירי־שען אביעקט, ד. ה. אזעלכען, וואס בנוגע אים האט די פראגע וועגען רעאליטעט א זין, וואס זיין ווירקליכקייט קאן מען באשטעטיגען אדער אפלייקענען, זאגען מיר, אט דעם עפּעל, אדער א קינד'ס געשריי דארט, אויפ'ן גאס, וואלטען מיר געקומען צו פאלגענדען רעזולטאט (צי מיר באנעמען דערביי דעם אביעקט גופא אדער בלויז זיין במקום, זיין סובסטיטוט, מאכט אין דעם פאל קיין אונטערשייד ניט): מיר וואל־טען קודם כל געמוזט אנרופען א גאנצע מאסע זינליכע אייגענשאפ־טען און עס וואלט אונז דערביי בלויז שווער געווען אויפצוכאפּען יעדע פון זיי באזונדער און פאר יעדער געפינען א באזונדערען נא־מען: די פארבען און די פיגורען, די שאטירונגען פון ליכט און טעם, די גערוכען און די באריר־אייגענשאפטען; אדער א מאסע טענער און קוואליטאטיוו־פארשיידענע גערוישען. צווייטענס, וואלט מען גע־דארפט באשטימען די געגענזייטיגע פאזיציע און פארבינדונג פון אט די זינליכע אייגענשאפטען אין דער הינזיכט פון רוים און צייט. און ענדליך וואלטען מיר אויסגעפונען, אז די דאזיגע עלעמענטען בינדען זיך צונויף אין אן אייגענארטיגער איינגקייט, אזוי נעמליך, אז אין זייער פארבינדונג בילדען זיי א „זאך", אדער באדייטען אן „אורזאכ־ליכע ריי־פאלגונג." אדער, אז זיי קענען איינגעשלאסען ווערען אין א געוויסער זאך אדער אין אן אורזאכליכער ריי־פאלגונג, אלס זייערע

באלד זעהן, אז דאס איז ניט אזוי. און באווייזען ווערט עס דורך דעם, וואס אויף איין און דעם זעלבען אביעקט קרייצען זיך דורך פארשידענע ארטען פון אפשאצונג. דערפון אנטשטעהט פאלגענדע אויפגאבע: עס איז נויטיג אפצוגרעניצען איינע פון דער אנדערער די באזונדערע ארטען פון אונזער באציהונג צו זאכען. וואס באדייט „יא — רעאל“, וואס אונטערשיידט אט דעם זאץ פון „יא — גוט“, און פון „יא — שעהן“? מיט אנדערע ווערטער, דארף די ווערטען־פילאזאפיע באשטימען די באזונדערע מינים פון די ווערטען, זי דארף ווייזען, וואס עס מיינט רעאליטעט, שעהנקייט, א. אז. וו. אויף וויפיל עס רעדט זיך וועגען די אויטאנאמישע ווערטען, גיט דאס פריערינע קאפיטעל אנווייזונגען פאר אזא באשטימונג. לאמיר זיך דערמאנען, אז כדי צו באשטימען די אויטאנאמישע ווערטען דארף מען אנווייזען אויף דעם גרונד־דראנג, וואס באשטימט זיי און זייער באדייטזאמקייט, ווי אויך זייער כאראקטעריסטישע באציהונג צו אט דעם דראנג. אט האבען מיר פאר זיך די ערשטע פון די צוויי פראבלעמען אין איר פאראלגעמיינערטען אויסזעהן און צוגלייך טאקע — די פארם פון איר לייזונג.

דעם וועג צו דער צווייטער פראבלעם עפענט פאר אונז דער אנאליז פון פאלגענדער ערשיינונג: כאטש איין אביעקט דערלאזט אמאל פיל פארשידענע שאצונג־ארטען, דאך איז דערמיט נאך ווייט ניט געזאגט, אז יעדער אביעקט ערלויבט די אנווענדונג פון יעדער שאצונג־ארט. מיר קאנען ניט, למשל, זיך אוועקשטעלען און פרעגען וועגען דער עמפירישער רעאליטעט פון א מאטעמאטישען פונקט, אדער וועגען דעם מאראלישען ווערט פון א בערגעל זאמד, אדער וועגען דער שעהנקייט פון א היסטארישער כראנאלאגיע. די באשטעטיגונג און די אפלייקענונג פון דעם ווערט אין אזוינע פאלען איז גלייך אומזיניג. עס שטעלט זיך, אלזא, ארויס, אז דער אביעקט מוז פארמאגען געוויסע באשטימטע אייגענשאפטען כדי די ספעציפישע פראגע וועגען זיין ווערט זאל בכלל האבען וועלכען עס איז זין. די מ ע ג ל י כ ק י י ט גופא פון שאצען זעצט שוין פאראויס א באזונדערע סטרוקטור פון דעם אביעקט. עס איז מעגליך, אז דער אביעקט, וואס ערלייבט לויט זיינע אייגענשאפטען א פראגע בנוגע איין מין ווערטען זאל ניט דער־

„מיאוס"? וואס באדייטען די עסטעטישע ווערטען? די דאזיגע פראגע איז דיזעלבע, וואס די פראגע וועגען דעם ע צ ם פ ו ן ד ע ר ק ו נ ס ט. די דעפיניציע פון די עסטעטישע ווערטען דארף באשטימען די ענדגילטיגע צילען פון דער קונסט. צווייטענס — אזוי ווי דער עסטעטישער אביעקט איז ניט אידענטיש מיט דעם אויסערליכען קונסט־ווערק דארף מען קלאר ווערען וועגען זיינע אייגענשאפטען: פון וואס פאר א מין איז דער סינטעז וואס באשאפט אים (דעם עסטעטישען אביעקט)? מיט וואס אונטערשיידט זיך די עסטעטישע קאנטעמפלאציע פון דער זינליכער אויפפאסונג? ו ו א ס ש ט ע ל ט מ י ט ז י ך פ א ר ד י ס ט ר ו ק ט ו ר פ ו ן ד ע ם ע ס ט ע־ ט י ש ע ן א ב י ע ק ט?

לאמיר נעמען די פראבלעם אין איר אלגעמיינסטער פארשטעלונג, כדי צו קריגען די שטיץ־פונקטען פאר א פארגלייך, און כדי אין פאראויס אנצוצייכענען די פארם פון איר לייזונג. מיר ווע לען, אלזא, רעדען וועגען אפשאצונגען בכלל. ביי יעדער אפשאצונג האבען מיר פאר זיך צוויי מאמענטען: דעם שאצונג־אביעקט און דעם אורטייל וועגען ווערטען. מיר האבען פאר זיך דעם אביעקט, וואס זיין ווערט שטעלט מיט זיך פאר דעם געגענשטאנד פון אורטיילען, און דעם אורטייל וועגען דעם ווערט, וואס אין אים באשטימט דער סוביעקט זיין באציהונג צום אביעקט דורך די אויסדרוקען: „יא" אדער „ניין", גוט, צו שלעכט, רעאל אדער ניט רעאל, א. ד. גל. אין זייער אלטערנאטיוו־כאראקטער זיינען אלע שאצונג־אורטיילען ענליך איינער צום אנדערען. דאס איז אלעמאל אן ארויסזאגען זיך פאר אדער געגען, א באשטעטיגונג אדער אן אפלייקענונג. אנטשטעהט אבער די פראגע: מעגליך אז די שאצונג־אורטיילען זיינען אין אזא פאל בכלל האמאגעניש? באדייטען דער י א און דער נ י י ן אלעמאל דאס זעלבע, עקזיסטירט בלויז איין אופן פון באשטעטיגען, וואס ווערט דיפערענצירט ערשט ווען ער ווערט אנגעווענדט צו פארשידענע מינים אביעקטען? ווען מיר מאכען קלאר אונזער שטעלונג צום אביעקט אין דער פארם פון י א און נ י י ן, באשטימען מיר אויך דא פולשטענדיג דעם זין פון דעם ווערט? מיר וועלען

טואזיטעט פון דער טעכניק, אדער עס געפעלט אונז נאר דערפאר, וואס עס שפיגעלט אפ דעם סימפאטישען געדאנקענגאנג פון דעם קינסטלער: דאס, וואס ער איז א גוטער דייטש און אן ערליכער מענש, וואס ער איז פרום, א פאטריאט און איבערגעגעבען דעם קייסער — אדער פונקט פארקערט.

פון דער אנדער זייט ווערט דער אורטייל־אביעקט נאך ניט ענדגילט באשטימט דורך דער זינליכער אויפפאסונג פון דער קונסט־ווערק. ניט יעדער איינער, וואס געהט צו מיט אפענע און געזונטע חושים צו א ווערק, איז דאך אימשטאנד צו „פארשטעהן" עס. עס איז ניט גענוג איין מאל צו באטראכטען די ווערק פון א זעלטענער און א נייער קונסט כדי זיי זאלען זיך פולשטענדיג אנטפלעקען פאר דעם צושויער. דער אביעקט פון עסטעטישען אורטייל, אדער ווי מיר וועלען אים באצייכענען קירצער: *דער עסטעטישער אביעקט* ווערט באשאפען ערשט מיט דער הילף פון א סינטעז, וואס פאלט יעדענפאלס ניט פולשטענדיג צענויף מיט דער זינליכער אויפפאסונג, כאטש ער זאגט פאראויס די לעצטע. אויף אזא אופן באציט זיך דער עסטעטישער אורטייל אוממיטעלבאר צום פראדוקט פון אט דעם סינטעז און בלויז אינדירעקט צום אויסערליכען קונסט־ווערק; און די פארשידענע אורטיילען מכח איין און דעם זעלבען ווערק קאנען זיין געווענט צו פארשידענע אביעקטען. אורטיילענדיג וועגען א ווערק זאגט דער מענש אודות א מיינונג וועגען דעם, וואס *ער* פארשטעהט און שטעלט זיך פאר אין אט דעם ווערק. דער עסטעטישער אביעקט איז א געשטאלט, וואס איז אויפגעבויט אין דעם סוביעקט. דאס אויסערליכע ווערק גיט בלויז דעם מאטעריאל און די אנווייזונגען פאר דער קאנסטרוקציע, עס איז אבער נאך ניט קיין פארטיגער אביעקט פון אורטייל.

אט די באטראכטונגען פירען אונז צו די צוויי וויכטיגסטע פראבלעמען פון דער עסטעטיק: אויב ניט יעדעם פארגעניגען — אדער אומפארגעניגען אין באצוג צו א קונסט־ווערק איז אן עסטעטישער אורטייל, דאן פרעגט זיך, וואס כאראקטעזירט די עסטעטישע אורטיילען אלס אזוינע? מיט אנדערע ווערטער: וואס הייסט „שעהן" און

אלס א גענוג־באשטימטען, באצייכנענדען סמן פון אן עסטעטישער איבערלעבונג באטראכט מען געוועהנליך די צושרייבונג פון אט דער איבערלעבונג צו וועלכען עס איז קונסטווערק. דארט איז איר אנהויב און איר סוף. זי הויבט זיך אן מיט דער זינליכער אויפפאסונג פון דעם ווערק און ענדיגט זיך מיט דעם אורטייל וועגען אים. יעדעס געפיל פון פארגעניגען אדער אומפארגעניגען, וואס א קונסט־ווערק רופט ארויס ביי אונז, ווערט דעריבער אנגענומען אלס אורטייל וועגען דעם עסטעטישען ווערט פון דעם ווערק און פון דער אנדער זייט קומט אויס, אז אלע עסטעטישע אורטיילען, וויבאלד זיי זיינען ארויסגערופען דורך דעם זעלבען ווערק, באציהען זיי זיך בלויז צום אורטייל־אביעקט. אריינטראכטענדיג זיך אבער טיפער, וועלען מיר געפינען, אז אזא דעפיניציע האט ניט קיין לאגישען ווערט. די דאזיגע בויג־ליניע, וואס איז אנגעצייכענט דורך דער אידענטישקייט פון דעם אנהויב־און־אויסלאז־פונקטען, קאן דאך ארומכאפען אורטיילען, וואס וועלען ניט זיין קיין עסטעטישע אפשאצונגען אין דעם אמת'ען זינען. א קונסט־ווערק קאן געפעלען אדער ניט געפעלען צוליב אזוינע טעמים וואס האבען גארניט צו טאן מיט עסטעטישע אפשאצונגען. עס איז גענוג זיך צוצוקוקען צו די מאטיווען פון דער באנאלער עסטעטישער קריטיק איינצוזעהן, ווי אפט עס באגעגענען זיך שאצונגען, וועלכע ליגען אויסער דער עסטעטיק. א בילד, למשל, לויבט מען פאר דער געטרייישאפט צו דער נאטור, אדער דערפאר וואס עס ערלויבט אונז צו באטראכטען איינצעלהייטען מיט א גרעסערער באקוועמליכקייט, ווי די ווירקליכקייט. אין א ראמאן לויבט מען די אינטערעסאנטע באשרייבונג פון דער סביבה אדער די פסיכאלאגישע קענטענישען פון דעם אויטאר. מען פילט מיט דער טענדענץ פון א דראמע; מען האט הנאה, ווען מען באגעגענט א ווערק, וואס קאקעטירט מיט דער וויר־

# II.

# דער עסטעטישער אָביעקט.

# בראָדער קריסטיאַנסען

פון דער פאַרענדערליכקייט פון די אנגענומענע געשמאַקען: די ביל־דונג מוז דאָך ניט קוקענדיג אויף איר פּאָפּולאַריזאַציע אַלעמאָל בייטען ווי נאָרמען, כדי אַנצוהאַלטען אירע פּריווילעגיעס. נאָך אַ לענגערער דער קורצערער הערשאַפט ווערט איין געבילדעטע מאָדע פאַרביטען ...ד אַן אַנדערער, און אַלע מאָדעס צוזאַמען באַשאַפען דעם איינדרוק ...עס וואָלט זיך אין משך פון דעם היסטאָרישען פּראָצעס געביטען די ע...טעטישע אורטייל־פעהיגקייט פון די מענשען. אין דעם ווייזען זיך אַבער ב...לויז ארויס די ווידערשפּרוכען פון דער העטעראָנאָמישער קאַטע־גאָריע. ...די העטעראָנאָמישע אורטיילען האָבען אַבער גאָרניט צו טאָן מיט געש...יאַק, מחמת ניט זיי האָבען אים דיקטירט. אַבער אויך ביי אַ צוזאַמענ...טויס צווישען אויטאָנאָמישע אורטיילען זיינען די חלוקי־דעות אָפּטמאָל בלויז שיינבאַרע. צו די עסטעטישע אורטיילען ווערען צוגעמישט שאַ...צונגען פון אַן אַנדער מין; דאַן קאָן מען ניט דורכפירען קיין פאַרגלייך ...צווישען זיי. אָדער עס איז מעגליך, אַז זיי באַציהען זיך בלויז צו דע...ם אויסערליכען ווערק, אַבער אוממיטעלבאַר — צו גאַנץ פאַרשידענע ...יסטעטישע אָביעקטען, אויב די פעהיגקייט פון פאַר־שטעהן איז אַנטוויק...עלט ניט אויף אַ גלייכען אופן, און דער צווייטער־ליך־שעפערישער סינ...טעז גיט דעריבער פאַרשידענע רעזולטאַטען. אין אַזאַ פאַל זיינען די... אורטיילען ניט פאַרגלייכבאַר און קאָנען דערי־בער ניט שטעהן אין ק...יין שום ווידערשפּרוך איינער צום צווייטען, מחמת זיי באַציהען זיך צו פאַרשידענע אָביעקטען. דעריבער טאַקע איז די אויסטייטשונג פון ...פאַקטען אַזוי אומזיכער און וואַקעלדיג, און די גרייטקייט פון יעדען זיך ...איבערצוגעבען דעם דראַנג פון זיינע האָפ־נונגען הענגט אָפּ אָן דעם אָפּ...טימיזם, אָן דער קראַפט פון זיינע פאַר־לאַנגען.

# קונסט

אויסזעהן איז אנדערש, און אונזער אויפמערקזאמקייט געהט איצט אויף דעם וועג וואס דאס קונסטווערק פאדערט טאקע. די שארפקייט, בוינזאמקייט און עלאסטישקייט פון דער סינטעטישער פעהיגקייט ווענדען זיך אן איבונג און געוואוינהייט. אן איינזייטיגע איבונג אנטוויקעלט א שארפקייט פון אורטייל אין א באגרעניצטער ספעיע, אבער זי מאכט אונז אומעלאסטיש. דערמיט דערקלערט זיך די אלטע, אונז צעטומעלענדיגע ערשיינונג, וואס די גרויסע קינסטלער אנער־קענען ניט איינער דעם אנדערען. אזוי ווי זייער אייגענע שאפונג געהט כסדר אויף איין און דעם זעלבען וועג, ווערט זייער צפאסונג־פעהיגקייט אפגעטעמפט. זיי זיינען שוין ניט אימשטאנד דורכצופירען דעם נויטיגען סינטעז, אויב דער לעצטער געהערט צו אן אנדער טיפ. דאס איז א סמן פון אן איינזייטיגען און באגרעניצטען פארשטעהן און האט גארניט צו טאן מיט זייער געשמאק. זיי פארשטעהן ניט קיין אנדערען קינסטלער, דערפאר פאראורטיילען זיי זיים. זיי זעהען זיין ווערק ניט אזוי ווי ער וויל עס; ווען ער אליין אלט עס געזעהן, אזוי ווי זיי, וואלט ער מסתמא אויך אזוי גענומען אורטיילען וועגען זיין איינען ווערק.

---

לאמיר אונטערציהען דעם סך הכל. די מעגליכקייט פון אן עס־טעטישער קולטור זעצט פאראויס די געכינזאמקייט פון ווערטען. קיין אלגעמיינע אפשאצונג־מאס פון דעם יעהנעם קאן, נאטירליך, ניט זיין, מחמת די עסטעטישע ווערטען זייגן אויטאנאם, נאר דעם ארט פון געמיינזאמקייט פארנעמט די גלייקייט אדער ענליכקייט פון די קריטעריומס. די ערפארונג באווייזט אז עס עקזיסטירט ווירקליך א פארוואנדשאפט אין דער וועלט פון ווערטען.

ווי ווייט זי פארשפרייט זיך, איז שווער צו באשטימען. פון איין זייט רופט די איינארטיגקייט פ בילדונג ארויס די אילוזיע פון א סימפאטיע בנוגע די אפשאצונג. פון דער אנדער זייט קאן מען ניט באטראכטען יעדע מיינונג־פארשידענקייט אלס אן אמת'ען באווייז פון דעם נעגענזעצליכען. אט נעמט זיך די מיינונג־פארשידענקייט

זערע אורטײלן געהען זיך פאנאנדער קאן דאס זיך נעמען דערפון, וואס אײנער פון אונז פארשטעהט ניט ריכטיג דאס ווערק. דאן דאכט זיך בלויז אויס, אז עס איז פאראן א ווידערשפרוך פון אפשאצונג, מחמת די אורטײלן באציהען זיך דירעקט בלויז צו דעם פראדוקט פון דעם צווײטערליכען סינטעז; דערבײ איז ניטא די הויפט־באדינגונג פון דעם פארגלײך: דאס באציהען זיך צו אײן און דעם זעלבען אורטײל־אביעקט. די פארשידענקײט פון די אפשאצונגען, באווײזט ניט אין דעם פאל קײן אומענליכקײט פון געשמאקען. און איך בין איבערצײגט, אז זעהר פיל חלוקי דעות אין דער ספערע פון אפשאצונגען דארפען אויף אזא אופן אנערקענט ווערען בלויז אלס כלומרשטע מײנונגס־פארשידענהײטען. איך וויל באין אופן ניט אפלײקענען אז עס זײנען פאראן אמת׳ע געשמאק־אונטערשידען. איך בין אבער חושד, אז עפטער באגעגענט מען דיפערענצען אין דעם פארשטעהן. אט די לעצטע באשאפען עס אויך די אילוזיע פון געשמאק־ענדערונגען אין דער אנטוויקלונג פון אן אײנצעלנער פערזאן. אין דער אמת׳ען ווערען ברײטער די סינטעטישע פעהיגקײטען, די אורטײל־אביעקטען שטעלען זיך פאר אנדערש, ווי פריהער, און מען זאגט ארויס אנדערע אפשאצונגען, כאטש די קריטײשע פעהיגקײט איז געבליבען בײ איר פריהעריגער ריכטונג.

דערמאנט זיך אן די ערשטע באגעגענישען מיט אן אומבאקאנטער קונסט. פון אנהויב לײקענען מיר זי אפ. ווען מיר קערען זיך אבער צוריק צו איר, ציהט אונז עפעס צו. און אײן שענעם פרימארגען זײנען מיר זיך מודה, אז זי געפעלט אונז. שפעטער הערען מיר שוין אויף צו פארשטעהן, ווי עס האט גאר געקאנט זײן אנדערש. וואס האט זיך געענדערט אין אונז? דער געשמאק? אין משך פון דער זעלבער צײט איז ער פארבליבען דערזעלבער בנוגע אלע אנדערע אפשאצונגען. גיכער, האבען זיך, אלזא, די נײע ווערק ערשט איצט פאר אונז אנטפלעקט. מיר זעהען זײ אנדערש. פארשטעהט זיך, אז דאס איז ניט קײן נײ זעהן אין עמפירישען זין. אויך פריער איז אונזער אויג ניט בלינד געווען צו פלאכען, ליניעס און פארבען. מיר באשאפען אבער פון די זינליכע דאטען עפעס נײס. דאס אלגעמײנע

דאזיגער אויסטייטשונג, דארפען זיי שוין באשאפען זייער מעלאדיע אן דעם איינדרוק פון זייערע פארמען. פארקערט: ווען מיר האבען פאר זיך א בילד וואס איז געמאלען אויף לייווענט און אויב זי פארמאגט סטיל, באטייליגען זיך די ליניעס אין דער שפראך פון פארמען ערשט נ א ך דער אויסטייטשונג פון דעם אינהאלט פון בילד, ערשט נאך דעם, ווי די ליניעס זיינען פארלענגערט געווארען אין דער טיף לויט די געזעצען פון פערספעקטיוו. ווענדט מען אין דעם צווייטען ווי אין דעם ערשטען פאל דעם פארקערטען סינטעז־אופן און א ניט־פארשטעהן וועט זיין דער רעזולטאט.

אדער נאך א משל: ווער עס זעהט צום ערשטען מאל א יאפאנישע קאקעמאנא און יאפאנישע האלץ־שניצעריי, איז געוועהנליך אנטוישט, מחמת ער זוכט די הויפט־ליניעס דארט, וואו דער יאפאנישער קינסטלער פאדערט אבסטראקציעס. ער קוקט אריין אין די פנימער פון הארונאבוס קליינע פרויען, זוכט אין זיי אן אויסדרוק — אבער ער געפינט גארניט. די קערפערס זיינען פארבונדען, איינגעהילט אין ברייטע קליידער און פארגליווערט אהן באוועגונג. נאר אויב מען זאל זיך אין זיי אביסעל עפטער איינקוקען, וועט זיך אפשר אנטפלעקען א דינער בויג פון האלז, און מאדנע פאנטאסטישע ליניעס וועלען ווי א קוואל א שלאג טאן און ווי שפילענדיג זיך, נעמען שיטען מיט געדאנקען; זיי וועלען, ווי קלאנגען, כוואליע־מעסיג זיך אויפהויבען און אראפלאזען און ארומוויקלען איינע די אנדערע. און דאן וועט זיך אויסווייזען גלייך ווי עס וואלט געפונען געווארען א פארבארגענע פרוזשינע אין א געהיימער שקאטולקע: דאס בילד האט זיך פאר אונז געעפענט, רעדט מיט אונז, און — מערקווירדיג — אויף א שפראך וואס איז אונז גאנץ פארשטענדליך, גארניט אויף א יאפאניש. אט איז א לעקציע פון א נייעם סינטעז־אופן. די היערארכיע פון פאקטארען, וואס א יאפאניש בילד פאדערט, דרעהט כמעט איבער מיט'ן קאפ אראפ אונזערע געוועהנליכע בליקען.

יעדעס קונסטווערק פאדערט. אלזא, א באזונדערען מין סינטעז, וואס ניט יעדער איינער איז אומשטאנד יאים דורכצופירען. אויב אונ־

שטעהט אין דעם אויף וויפיל דערווירקליכער אינטערעס צום געגענ־שטאנד דארף אויספארשען די דעטאלען; וואס פאר א פארמען מען זאל באטראכטען גענויער, פינקטליכער כדי זיי זאלען זיין כישר פון א געוויסער צייט ארויסרופען א געוויסע שטימונג; די פראגע באַ־שטעהט אין דעם ווי אזוי מען זאל ריכטיג פונאנדערטיילען די שאַטי־רונגען פון אונזער אויפמערקזאמקייט און אויסגעפינען די גאנצע היעראַרכיע פאקטארען, וואס איז געלעגען אין דער פארטראכטונג פון דעם קינסטלער. די פראגע באשטעהט אין דעם, צי זאל מען פאר־בינדען געוויסע פארמען אין איין גאנצעס אדער זאל מען אויפפאסען יעדע באזונדער — מחמת דאס וועט באשאפען גאר אן אנדער איינ־דרוק. די פראגע באשטעהט אין דעם, ווי אזוי זיך אפצושיידען פון געוויסע מאמענטען, כאטש זיי זיינען דא אין דעם סוזשעט אדער אין דער טעכנישער אויספירונג, ווי אזוי זיך פון זיי צו באפרייען. די בילדער פון דעם 16טען יארהונדערט, למשל, נויטיגען זיך אין אביסעל אן אנדערען סינטעז, ווי די בילדער פון דער פריהערדיגער עפאכע. ראפאעל׳ס א בילד פאדערט אז דער צושויער זאל צענויפבינדען די ליניעס פון דער לאנדשאפט מיט די קאנטורען פון די פיגורען, און אז ער זאל שענקען אויפמערקזאמקייט דעם פאראלעליזם אדער דער ניט־אנטשפרעכונג פון אט די ליניישע עלעמענטען: זייער צענויפבינדונג באשאפט אזא איינדרוק, וואס אין די באזונדערע קאנטורען איז ער נאך ניט געווען צו געפינען; לויט דער פארטראכטונג פון דער בילד זיינען זיי איין גאנצעס. נאר אויב מען זאל מיט אזא מין סינטעז צוגעהן צו די בילדער פון דעם 15טען יארהונדערט וועט אנטשטעהן א מאמענט פון דיסהארמאניע: אין דעם עסטעטישען אביעקט וועט אריינגעטראגען ווערען עפעס אזוינס וואס איז אין דעם קינסטלערס פארטראכטונג ניט אריינגעקומען.

נאך א ביישפיל. א צייכנונג — אויב זי האט, נאטירליך, סטיל — פאדערט, אז מיר זאלען די באוועגונג פון די ליניען אויפכאפען אוממיטעלבאר אויף דער פ ל א ך פון דעם בילד; נאך איידער מען פארטייטשט דעם זין און די פערספעקטיוו־אייגענשאפטען פון אט די ליניעס אין דער פארם ווי זיי ערשיינען פאר אונז פ א ר דער

צו אורטיילען, אדער אום דעם געשמאק, נאר אום דער פעהיגקייט פון עסטעטישער קאנטעמפלאציע.

וועגען וואס אורטיילען מיר? וועגען דעם קונסטווערק? יא, אבער בלויז אויף אן אינדירעקטען אופן. דאס אויסערליכע ווערק, וואס געפינט זיך פאר אונז אין דעם רוים — אט דאס אויסגעהאקטע שטיק מארמאר, אדער אט דער באפארבטער לייווענט — גיט אונז בלויז אן אנשטויס און שיקט אונז איבער דערצו, צו וואס דער ווערטען־אורטייל האט אן אוממיטעלבארע שייכות. דער אמת׳ער אביעקט פון עסטעטישען אורטייל, אדער — לאמיר עס אנרופען קורץ: דער עסטעטישער אביעקט — איז עפעס וואס איז אין סוביעקט גופא, און ער קאן ערשיינען אלס גאנץ אנדערש, אלס פארשידען פאר פארשידענע באאבאכטער פון דעם זעלבען אויסערליכען ווערק. אויף אזא אופן איז די אידענטישקייט פון דעם עסטעטישען אביעקט נאך ניט געדרונגען פון דער איינהייטליכקייט פון דעם קונסטווערק. דער אורטייל־אביעקט אנטשטעהט אין דעם אויפפאסענדיגען באוואוסטזיין בלויז דורך א באזונדערען אקט פון א מין צווייטערליכער שאפונג, פון אן איבערשאפונג. אלס רעזולטאט באקומט זיך אבער ניט בלויז אן איינפאכע ווידערהאלונג פון דעם אויסערליכען ווערק: דאס לעצטע גיט בלויז דעם מאטעריאל און די אנווייזענדע פעדים פאר דעם סינטעז. און אט צו דעם פראדוקט פון דעם צווייטערליכען שעפערישען סינטעז איז געווענדט דער אפשאצענדער אורטייל, צו אים באציט ער זיך. צו פארשטעהן ריכטיג א קונסט־ווערק מיינט: דורכפירען א סינטעז פון דעם אביעקט, צופאסענדיג זיך צום אימפולס און צו דער סוגעסטיע, וואס געהען ארויס פון דעם קונסט־ווערק. דאס געלינגט ניט יעדען איינעם. דערצו איז נויטיג א באזונדערע סינטעטישע פעהיגקייט: א קינסטלערישער חוש.

אזוי ווי יעדעם קונסטווערק פאדערט א באזונדערען מין סינטעז, קאנען פילע איין ריי קונסטווערק יא פארשטעהן, און אנאנדער ריי — ניט. צו אט דעם ענין וועלען מיר זיך נאך צוריקקערען אין איינעם פון די שפעטערע קאפיטלען. דא וועלען מיר בלויז אנווינקען אויף מאנכע אונטערשידען פון דעם סינטעטישען מעטאד. די פראגע בא־

## בראָדער קריסטיאַנסען

עסטעטישער איבערלעבונג. יעדענפאלס ביי אזעלכע, וואס איז פארבונדען מיט א קונסט־ווערק און ניט מיט דער שעהנקייט פון דער נאטור, איז פאראן איין אבלינאטארישע באדינגונג, וואס איז חל אויף אלעמען, אהן אויסנאם. די דאזיגע באדינגונג האט, איבעריגס צו טאן ניט מיט דעם אורטייל איבער ווערטען, נאר מיט דעם סינטעז פון דעם אפגעשאצטען אביעקט. עס האנדעלט זיך אום דעם *פארשטעהן* א קונסט־ווערק. יעדעם קונסט־ווערק פאדערט א מין באזונדערען, צווייטערליכען שאפונג־סינטעז, און יעדער איינער, וואס אורטיילט וועגען אים איז זיכער, אז ער פארשטעהט דאס ווערק ריכטיג. מיר פארשטעהען א ווערק, ווען מיר פאראייניגען אויף א באזונדערען אופן די עלעמענטען, וואס ווערען אונז דירעקט אדער אינדירעקט געגעבען אין די זינליכע איינדרוקען — ווען מיר פאראייניגען זיי אזוי, ווי עס פאדערט טאקע דאס קונסט־ווערק. פארשטעהן א ווערק און אורטיילען וועגען זיין ווערט — דאס זיינען צוויי גאנץ באזונדערע זאכען. דאס פארשטעהן קונסט און די פעהיגקייט צו אורטיילען קאנען זיין אנטוויקעלט ניט אין א גלייכער מאס. אזוי אבער ווי דער סינטעז פון דעם אביעקט איז אן אומבאדינגטע הנחה פאר'ן אורטיילען, אנטהאלט שוין ממילא יעדע אפשאצונג־ערפארונג די איבערצייגונג, אז דאס קונסטווערק איז ריכטיג פארשטאנען. ווען איך זאג ארויס אן אורטייל, מיין איך, אז איך שטעל מיר דאס ווערק פאר אזוי, ווי עס פאדערט אליין, — אזוי, הייסט עס, ווי אלע זיינען עס מחויב צו פארשטעהן. עס קאן זיין, אז אט די פרעטענזיע פירט עס אריין אין א טעות די פילאזאפען פון דער קריטישער שולע, מחמת זי צווינגט זיי צוצושרייבען אויך דעם אויטאנאמישען אורטייל א שטרענגען צוואנג־כאראקטער. זיי באמערקען ניט, אז דא האנדעלט זיך עס אום דער נארם פון דעם אביעקט־סינטעז און ניט אום דער נארם פון זיין אפשאצונג. אפגענארט דורך אט דעם זעלבען מאמענט, פירט אט די נאאיווע אנזיכט דורך אן אונטערשיד צווישען גוטען און שלעכטען געשמאק אויך אין אויטאנאמישען זין. אין דער אמת'ען האט מען דא פאר זיך די פעהיגקייט אדער אומפעהיגקייט ריכטיג צו פארשטעהן א ווערק. דא האנדעלט זיך עס דורכאויס ניט אום דער פעהיגקייט

קעלט מיט העטעראָנאָמישע פלעקען. און דאָס איז קיין חדוש ניט. די בילדונג האָט אונז דערציִיגען. איידער דער מענש האָט זיך אַליין געפונען, איז ער געשטאַנען אונטער דער ממשלה פון א פרעמדען געזעץ. די שפּורען פון בילדונג ווערען קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט. אַן אבסאָלוטע אָריגינאַליטעט איז אַן אומבאַגרייפבאַרער אידעאַל.

אויף אַזאַ צי אויף אַן אַנדער אופן וואַרפען מיר זיך אונטער צו אַן אויטאָריטעט. פון אַ קולטור־פּאָליטישען שטאַנדפּונקט איז ניטאָ וואָס צו באַקלאָגען זיך דערויף: אַזוי ווערט אריבערגעוואָרפען א בריק איבער דעם אָפּגרונט, וואָס טיילט אָפּ בילדונג פון קולטור, און פאַר אויטאָנאָמישע גייסטער ווערט לייכטער די באַגעגעניש אויף זייער שווערען וועג.

---

די העטעראָנאָמישע אורטיילען איבער ווערק באַנוצען זיך מיט אַ קריטעריום, וואָס ליגט פון דרויסען פון דעם איינצעלנעם סוביעקט און קען זיין צוגעגליך פאַר אַלעמען אין דער זעלבער מאָס, און בינדענט פאַר אַלעמען אין דער זעלבער מאָס. דאָס זיינען: אַן אויסערליכער אויטאָריטעט, די געזעלשאַפטליכע מיינונג, די מאָדע. דערפאַר באַשטעהט די וועזענטליכע אייגענטימליכקייט פון די העטעראָנאָמישע אורטיילען דערין, וואָס זיי האָבען אַ פּרעטענזיע אויף אַלגעמיינער באַדייטזאַמקייט.

ביי אויטאָנאָמישע אורטיילען קומט די לעצטע ווערטען־באַשטימונג פאַר אין דעם סוביעקט, אין אַן אוממיטעלבארער עמפּינדונג פון דעם ווערט, און די באַדייטונג פון אַט דעם קריטעריום שפּרייט ניט אריבער די גרעניצען פון דעם סוביעקט. אַ געמיינזאַמקייט פון ווערטען איז, אמת, מעגליך, אבער בלויז דאָרט, וואו עס עקזיסטירט צופעליג א גייסטיגע פאַרוואַנדטשאַפט. דער פערזענליכער אורטייל האָט דעריבער ניט קיין פּרעטענזיעס אויף אַלגעמיינער באַדייטזאַמקייט. אין דעם ערשטען פאַל האָבען מיר דעם באַגריף פון נאָרמאַלע און פאַר אַלעמען ריכטיגע אורטיילען, אין דעם צווייטען פאַל, ביי אויטאָנאָמישע ווערטען — בלויז אַן אינדיווידועלע נאָרם. אָבער אויך ביי דער

## בראָדער קריסטיאַנסען

אַלץ מער און מער אויף דער שווערקייט פון סוזשעט, אויף דער טעכנישער ראפינירטקייט און אויף דער דעקאראטיווקייט. ביז געוויסע גרעניצען קאן די קונסט דאס פארטראגען אָהן וועלכען עס איז באַזונדערען שאדען פאר זיך. אבער סוף כל סוף געהט זי אונטער דערפון. איז דען דאָ א פאַלק, וואָס האָט אויסגעמידען דעם דאַזיגען שיקזאל? ביי די גריכען, אין יאפּאַן, אין ווענעדיג — איז דען דאָ דער אויטאָנאָמישער אינטערעס געווען גענוג ברייט פארשפּרייט אויפצוהאלטען די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון דער קונסט? מיר באגעגענען אויך דאָ די זעלבע קרומע ליניע פון פאלען, און צום סוף — די הערשאפט פון דעם וואולגאַרען סוזשעט, די טעכנישע ווירטואַזיטעט, אָדער פון דער קאראַטיווקייט, וואָס איז ניט מער ווי אַ לוקסוס־זאַך. די קונסט לעבט אויפ'ן חשבון פון בילדונג און קומט אום א דאַנק איר. זי פארשווינדט אבער ניט שפּורלאָז. אָפּגעהיט אין די שאצקאמערען פון בילדונג, וואַרט זי אויף יענע צייטען, ווען די יונגע כחות וועלען פון דער באַרירונג מיט איר אויפפלאַקערען מיט פייער.

---

בילדונג און קולטור זיינען צוויי געגענזאַצען. ווען מען קוקט זיך אָבער צו צו זייער טאָפּאָגראַפישער פאַרשפּרייטונג, געפינט מען אויס, אַז זיי קאָנען אריינטרעטען אין אַ פערזענליכען בונד. דער מענש האָט דאָך די פעהיגקייט צו טראָגען ווידערשפּרוכען אין זיין נשמה, כאָטש ער דערלאָזט ניט קיין צוזאַמענשטויס צווישען זיי און כאָטש ער באַמערקט זיי אָפּט ניט. אָפטמאָל לעבען זיך צענויף זייט ביי זייט די אויטאָנאָמישע און העטעראָנאָמישע אורטיילען אין איין און דעם זעלבען סוביעקט, אַז ער אליין ווייס ניט זייער גרעניץ.

אַזוי געפינט מען אויך מערסטענטיילס ביי געבילדעטע מענשען פאַסען פון באוואוסטזיין, וואו עס הערשט אַן אויפריכטיגקייט פון איבערלעבונגען. מיט א באַזונדערס מאָדנעם געמיש צייכענען זיך אויס די ערפינדערס פון מאָדעס. פון דער אנדער זייט ווערען די מיינונגען אויך ביי אויטאָנאָמיש דיינקענדע מענשען כסדר באַשפּרינ־

טעות. די אָריגינעלסטע און מעכטיגסטע טאַלאַנטען שטאַמען פון אָרעמע לייט אָדער פון דעם מיטעלקלאַס. קונסט און נויט געהען אָפּטמאָל האַנט אין האַנט. און אויב מען מיינט, אַז די עמפּפינדליכקייט און אינטערעס צו קונסט זיינען פאַרבונדען מיט רייכקייט, איז דאָס ווידער אַן איליוזיע. מיט רייכקייט איז אָבער באמת פאַרבונדען אַ פּסעוודאָ־אינטערעס: בילדונג. אַט דער כלומרשטער קולטורעלער אינטערעס איז דאָך פאַר דער רייכקייט אַ מיטעל אונטערצושטרייכען אירע סאָציאַלע פּריווילעגיעס. דערפאַר אונטערשטיצט זי די קונסט, וואָס איר מאַטעריעלע עקזיסטענץ איז אָפּהענגיג אַן דער רייכקייט. בלויז אין דעם דאָזיגען זין איז די רייכקייט אַ קולטור־טרעגערין. און אין אַט דעם זין איז די סאָציאַלע אומגלייכקייט אומפאַרמיידליך און באַרעכטיגט דורך די פאָדערונגען פון קולטור: עס מוז זיין אַ מאָטיוו פאַר דעם נויטיגען פּסעוודאָ־אינטערעס. די א ל ג ע מ י י נ ע בילדונג איז אַ „קאָנטראַדיקציאָ אין אַדיעקטאָ“. אויב די בילדונג זאָל ניט זיין קיין קוואַל פאַר פּריווילעגיעס, וואָלט מען אויפגעהערט זיך נאָכצויאָגען נאָך איר, און צוזאַמען מיט איר וואָלט אויך פאַרשוואונדען די קולטור. אָבער די מאַטעריעלע אָפּהענגיגקייט אַן דער בילדונג איז פאַרבונדען מיט אַ היזק פאַר דער קולטור. דער געבילדעטער מענש קאָן ניט שטערען דערצו, אַז זיינע אמת׳ע אינטערעסען זאָלען אַרויסלויכטען דורך די כלומרשטע, און זיי וועלען זיך אַרויסציינגען אין דעם אויסוואַל דערפון, וואָס ער וועט פּראָטעזשירען. אויף אַזאַ אופן וועט די בילדונג אומפאַרמיידליך, קעגען דעם ווילען און ביי דער גאַנצער אומפּאַרטייאישקייט, דאָך באאיינפלוסען דעם גאַנג פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג. דערפאַר שטעלט יעדע נאָכפאָלגענדע ריי קינסטלער מיט זיך פאַר איין און די זעלבע טיפּישע, קרומע ליניע פון פאַלען. דריי זאַכען פאַרשטעהט יעדער געבילדעטער מענש אין קונסט, אָבער אַלע דריי אופנים פון זיין פאַרשטעהען געהען פאַרביי די אמת׳ע קינסטלערישע ווערטען, און האָבען צו טאָן מיט דעם געגענשטאַנדליכען אינהאַלט מיט דער טעכניק און מיט דער דעקאָראַטיווקייט.

אין יעדער קונסט־אַנטוויקלונג ווייזט זיך אַרויס, אַז די אויפמערקזאַמקייט און כחות פון די קינסטלערס קאָנצענטרירען זיך ביסלעכווייז

העטעראנאמיע אנטקעגען אויטאנאמיע, נאכאמונג און נאכגעאמטע איבערלעבונג אנטקעגען אריגינעלער אפשאצונג און שאפונג לויט דעם אייגענעם געזעץ, די געבונדענקייט דורך אן אויסערליכען אויטאריטעט אנטקעגען דער פרייער באגעגעניש פון פארוואנדטע גייסטער — אזא איז די אנטינאמיע פון בילדונג אין קולטור. זיי זיינען פולשטענדיגע געגענזאצען, און דאך קאן זיך איינע ניט באגעהען אן דער אנדערער. זייער באציהונג איז ענליך צו א סימביאז. אז בילדונג קאן זיך ניט באגעהן אהן קולטור, דאס איז זעלבסטפארשטענדליך, מחמת די ערשטע פארמאגט ניט קיין אמת'ע שעפערישע כחות. אבער אויך די קולטור קאן זיך ניט באגעהן אהן דער בילדונג, מחמת בלויז די בילדונג פארזיכערט די מאטעריעלע עקזיסטענץ פון דער קולטור. אהן איר האט דער קינסטלער ניט קיין ברויט און זיין ווערק קיין דאך.

דער קינסטלער שאפט פאר אויטאנאמע גייסטער, אבער די העטעראנאמישע גייסטער מוזען באצאלען די הוצאות. די בילדונג איז דאך בלויז א מיטעל, מיט דער הילף פון וועלכען די רייכקייט באפעסטיגט און שיינדעלט זיך מיט אירע סאציאלע פריווילעגיעס.

כדי זיך גרויס צו מאכען, פראטעזשירט די רייכקייט די קונסט, זאמעלט און היט אפ די אוצרות פון אלע דורות, וואס ווארטען אין דער שטילקייט פון די גרויסארטיגע זאלען אויף יענע, פאר וועמען זיי זיינען געמיינט. די בילדונג איז די אפהיטערין פון דער קינסטלערישער טראדיציע אפילו אין די צייטען פון א קונסט־טריקעניש. זי גרינדעט שולען פאר ארבייטער און פאר פעהיגע שילער. אויב מען קאן ניט אויסלערנען צו קריגען א קינסטלערישען טאלאנט, ווי עס מיינט די בילדונג, איז אבער אויך פאר זיי נויטיג א „מאיעווטישע" הילף.

אמאל האט מען זיך געמיט צו בארעכטיגען די סאציאלע אומגלייכקייט מיט דער באהויפטונג, אז רייכקייט איז די טרעגערין פון קולטור. אויב מען וויל דערמיט זאגען, אז די רייכע באטייליגען זיך הויפטזעכליך אין דער באשאפונג פון קולטור, איז דאס א גראבער

גלויבען, אז די קולטור האט צו פארדאנקען איר עקזיסטענץ א פאקטישער צופעליגקייט; אז כאטש די שעהנקייט איז ווירקליך באדייטזאם ניט בלויז פאר אים אליין, נאר אויך פאר אנדערע, האט עס, אין תוך גענומען, געקאנט זיין אנדערש.

מיר האבען שוין געגעבען אנצוהערען: פון דער הארמאניע אין דער באגרינדונג פון די ווערטען, איז נאך ניט נעדרונגען די איינשטימיגקייט אין די פאקטיש־אויסגעדריקטע אורטיילען; זיי זיינען דערייבער ניט אלעמאל אינדיווידועל גערעכט און אנטשפרעכען ניט אלעמאל דערצו, וואס איז ווירקליך באדייטזאם פאר דעם אפשאצענדען סוביעקט, און פאר די מענשען, וואס זיינען מיט אים גייסטיג פארוואנדט. דערפאר קאן פארקומען א מיינונג־פארשיידענקייט אפילו דארט, וואו עס איז פאראן א סימפאטיע פון אפשאצונגען; און בלויז דא האט א וכוח א זין, מחמת בלויז אויף ד ע ם בארען איז מעגליך אן אויסגלייך. מיין אורטייל זוכט צו זיין גערעכט קודם כל פאר מיר, און דאן אויך פאר די, וואס זיינען פונקט אזוי געשטימט. בלויז צו אט דעם קרייז ווענדט זיך מיין אורטייל, ווען איך זאג אים ארוים; אבער אויב ער איז ריכטיג פאר מיר, דארף ער אויך זיין באדייטזאם פאר אלע די, אין וועלכע איך האב דערפילט אן אינערליכע פארוואנדטשאפט מיט מיר; און אויב זייער אורטייל טרעט אפ פון מיינעם אין איינצעלנע פאלען, דאן דארף מיר, — לויט מיין איבערצייגונג — זיין בעסער באוואוסט, וואס עס האט א באדייטזאמקייט פאר זיי, און איך פאדער ביי זיי א רעוויזיע פון זייערע בליקען. בלויז אין אזא זינען פאדערט מיין אורטייל די איינשטימיגקייט פון אנדערע, און אזא מין פאדערונג זעצט גאר ניט אויס געגען דער אויטאנאמיע פון אורטיילען. זי איז אייגענטליך די אויטאנאמיע גופא. די דאזיגע פאדערונג פאלט באמת פונאנדער אין צוויי מאמענטען: אין דער איבערצייגונג אין דער אויטאנאמישקייט פון מיין אורטייל, און אין א פארלאנג וואס איז געווענדט צו די חברים אין אפשאצונג, אז זיי זאלען פון זייער זייט אויך אורטיילען אויטאנאמיש.

דראַנגען פון די איינצעלנע סוביעקטען, וואָס אין זיי קריגען די ווערטען זייער אנהויב.

די קולטור איז מעגליך צווישען מענשען, וואָס זיינען פאַרוואַנדט לויט זייער נאַטור. עס איז ניט נויטיג קיין פולשטענדיגע אידענטישקייט פון איינגעבוירענע אינסטיקטען, מען קאָן זי אויך ניט געפינען. די אינטערשידען דאַרפען אבער ניט אריבערגעהען א געוויסע גרענעץ. כאָטש יעדער איינער האָט אין דעם פאַל זיין אייגענע מאָס פון ווערטען, דאַך שטימט איין מאָס איין מיט דער אַנדערער, און פונדאַנען נעמט זיך די מעגליכקייט, אז פאַרשידענע „יאָ'ס" און „ניין'ס" זאָלען צונויפפאַלען. דאָס, וואָס איז באַדייטזאַם פאַר איינעם, ווייזט זיך ארויס אלס באַדייטזאַם אויך פאַר דעם אַנדערען. מיר רעדעווויסען זיך וועגען אזא איינשטימיגקייט אין דער אינערליכער נאַטור פון ווערטען אויף אַן עמפּירישען אופן, און מען קאָן ניט אפריאָרי באַשטימען, ווי ווייט עס שפּרייט זיך אויס די פאַרוואַנדטשאַפט פון די מענשליכע וועזענס. די ערפאַרונג גיט אויך ניט קיין זיכערע סמנים, מחמת די העטעראָגאַמישע געמיינזאַמקייט פון בילדונג באַשאַפט לייכט די אילוזיע פון אויטאָנאָמער סימפּאַטיע פון אַפּשאַצונג. בילדונג און קולטור זיינען דאַך ניט אַפּגעטיילט אויף אַן אויסערליך קענטיגען אופן, און ווי זיי זיינען ניט פאַרשידענאַרטיג, באַגעגענט מען זיי אָפט אין א פערזענליכען בונד. פון דער צווייטער זייט, איז ניט יעדע באמת עקזיסטירענדע האַרמאָניע אין דער אינערליכער נאַטור פון די ווערטען באַמערקבאַר, מחמת די ווערטען־באַדייטזאַמקייט איז פאַרבאָרגען, און די אורטיילען, וואָס ווערען פאַקטיש ארויסגעזאָגט, ווענדען זיך אָפט אַפּ פון איר. די מאָס זיכערקייט, מיט וועלכער מיר ערוואַרטען צו טרעפען א פאַרוואַנדט קלינגענדיגע נשמה — דאָס ווענדט זיך אַן דער פערזענליכער ערפאַרונג. אבער קיין שום קינסטלערישע שאַפונג איז ניט מעגליך אָן אַט דעם גלויבען. ווער עס פאַרצווייפעלט אין באַצוג צו זיינע צייטגענאָסען, דער האָפט אויף די שפּעטערדיגע דורות. דאָך איז דעם, וואָס באַגעגענט א סך פאַרוואַנדטע נשמות און חברים אין דער וועלט פון ווערטען, זעהר שווער צו

## קונסט.

גאנצעז באגעהן אן דער אינטערסוביעקטיווער באדייטזאמקייט. די עסטעטישע קולטור זעצט פאראוים א געמיינזאמקייט פון ווערטען. פאר וועמען שאפט דער קינסטלער? פאר זיך אליין? אדער אויך פאר דיר און פאר מיר? איז ניט זיין ווערק באשטימט פאר אלע? קומט עס אלזא אוים, אז דארט, וואו ער זעהט שעהנקייט, זעהען מיר זי אויך, זעהען זי אויך אנדערע. זיין שאפונג ערשיינט אלס אומזיניג, אויב ער זאל ניט גלויבען אין דער אינטערסוביעקטיווער באדייטונג פון די שעהנקייט־ווערטען. א.א באדייטזאמקייט פאדערט, פאלגליך, ניט בלויז די העטעראנאמישע בילדונג, נאר אויך די עסטעטישע קולטור — אמת, אין א גאנץ אנדערען זין און אין אביסעל אנדערע פארמען.

---

די געמיינזאמקייט פון ווערטען אין א ג ע ב י ל ד ע ט ע ר סביבה איז באדינגט דורך דער אומזעלבסטשטענדיגקייט פון דער פערזאן, דורך דעם, וואס די אלעגמיינע ווערטען־מאסען באצווינגען אירע אור־טיילען. די קולטור, דאגעגען, שטעלט יעדען אויף די אייגענע פיס, גיט אים די פולע פרייהייט זעלבסטשטענדיג צו באשטימען די ווערטען. ווי־פיל פערזאנען אזוי פיל איינצעלנע קריטעריומס פון אפשאצונג. און דאך דארף זיין א געמיינזאמקייט פון ווערטען, מחמת די קולטור איז א גע־גענזייטיגע באשאפונג פון ווערטען: דאס וואס איינער אנערקענט אנערקענט אויך דער אנדערער. ווי אזוי איז דאס אבער מעגליך? בלויז א דאנק דעם, וואס די גלייכהייט אדער ענליכקייט פון קריטעריומס פארנעמט דעם ארט פון דער געמיינזאמקייט פון מאס. די מעגליכ־קייט פון דער עסטעטישער קולטור באזירט אויף א פאקט, וואס דארף באטראכט ווערען דארט, וואו מען באגעגענט אים, אלס א גליקליכער צופאל, ווייל עס איז אוממעגליך צו פארשטעהען זיין נויטווענדיג־קייט. פאר דעם אויטאנאמישען אורטייל איז די אינטערסוביעקטי־ווע באדייטונג ניט וועזענטליך, זי איז בלויז מעגליך זייט ביי זייט מיט אים, און זי טרעט אריין אין אירע רעכט בלויז דאן, ו ו ע ן ע ס ש ט י מ ע ן א י י ן צ ו ו י ש ע ן ז י ך ד י ג ר ו נ ט־

זיע אויף אַן אינטערסוביעקטיווער באַדייטונג, און די ריכטיגקייט אָדער
פאַלשקייט פון די אָפּשאַצונגען ווערן באַרשטאַנען אין אַן אינטער־
סוביעקטיווען זינען, מחמת מיט אַט דער געמיינזאַמקייט פון אַנזיכטען
זיינען פאַרבונדען געוויסע סאָציאַלע פּריווילעגיעס. דערפאַר דאַרף
מען אַט די געמיינזאַמקייט אונטערשטיצען. דער אורטייל וויל דאָ
זיין א באַווייז פון בילדונג און ער טאָר דעריבער ניט אַרויס פון די גרע־
ניצען פון אַלגעמיינער באַדייטזאַמקייט. דאָ איז פאַראַן אַן אַלגעמיי־
נער, פאַר יעדען איינעם צוגענגליכער מאַסשטאַב פון אורטיילען: דער
אויטאָריטעט, די געזעלשאַפטליכע מיינונג, די אַנערקענטע קלאַסיקער
פון דער געגעבענער עפּאָכע, די מאָדע. דאָ גרעניצט זיך אויך אָפּ דער
גוטער געשמאַק פון דעם שלעכטען, מחמת דערפון איז אָפּהענגיג דער
סאָציאַלער פאַרצוג. א גוטען געשמאַק האָט דער, וואָס חזר'ט איבער
די אַלגעמיין־אַנערקענטע אָפּשאַצונגען און מאַכט ברייטער זייער אַנ־
ווענדונג לויט דעם מעטאָד פון אַנאַלאָגיע, און א שלעכטען געשמאַק
האָט דער, וואָס געפינט זיך מחוץ דעם געבילדעטען קרייז.

מיר זיינען כמעט גרייט צו זאָגען, אַז די פּרעטענזיע פון דעם
עסטעטישען אורטייל אויף אַן אינטער־סוביעקטיווער אַלגעמיינער באַ־
דייטזאַמקייט צוזאַמען מיט זיין צוואַנג־כאַראַקטער זיינען די אַטרי־
בוטען פון העטעראָנאָמיע. אין יעדען פאַל ווערט אַט דער צוואַנג־כאַ־
ראַקטער קענטיג פאַרקלענערט, אויב מען זאָל זיך שטרענג האַלטען אין
די גרעניצען פון די אויטאָנאָמישע אורטיילען. מיר זוכען גערן די איינ־
שטימיגקייט פון אַנדערע מיט אונזער אורטייל. אָבער וואָס פאַר א מין
איינשטימיגקייט? איז עס גענוג צו זאָגען: יאָ? דורכאויס ניט. מיר
פאָדערען אַן איבערצייגטען יאָ. הייסט עס, אַז מיר נעמען אָן, אַז אַנ־
דערע האָבען זיך זייערע מיינונגען, נאָר מיר פאָדערען, אַז אַט די מיי־
נונגען זאָלען זיין די פּרוכט פון זייער אייגענער זעלבסטשטענדיגער
איבערצייגונג. קוים איז דאָס ניטאָ, צי דאַרפען זיי דען זאָגען: יאָ?
פאַרשטעהט זיך, אַז ניט. און ניט קוקענדיג דערויף פאַרלאַנגען מיר
איינשטימיגקייט פון זיי. ווערט ניט דער צוואַנג־כאַראַקטער פאַר־
ניכטעט דורך אַט דעם אינערליכען ווידערשפּרוך?

און דאָך קאָן זיך דער אויטאָנאָמישער ווערטען־אורטייל ניט איינ־

ארויסצוזאָגען די ווערטער אָבליגאַטאָרישקייט און אַלגעמיינע באַדייט־זאַמקייט, גלייך ווי זיי וואָלטען אַבסאָלוט געמיינט איינס און דאָס זעל־בע. גיכער קאָן עס זיך אויסווייזען, אַז ריכטיג איז פּונקט דאָס פאַרקער־טע. די אויטאָנאָמישע ווערטען, זיינען אָבליגאַטאָריש דאָרט, וואו זיי האָבען בכלל אַ באַדייטזאַמקייט. זייער באַדייטונג פאַר דעם סוביעקט, פאַר וועלכען זיי זיינען באַדייטזאַם, איז ניט צופעליג. און די נויט־ווענדיגקייט פון זייער באַדייטונג שטעלט מיט זיך פאַר זייער וועזענט־ליכע אייגענשאַפט. פאַרקערט, אַז אינטער־סוביעקטיווע אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישקייט קאָן גיט זיין וועזענטליך פאַר די אויטאָנאָמע ווער־טען. שוין די אימבאַדינגטקייט גופא פון זייער באַדייטונג שליסט אויס יעדע באַציהונג צו דעם „זיין" פון אַנדערע סוביעקטען. די מוזיק, וועלכע באַצויבערט מיך מיט איר שעהנקייט, איז אַ ווערט פאַר מיר— אַליין איינס, צי עס זיינען דאַ מיט מיר אַנדערע מענשען צי ניט, אַליין איינס, וואָס עס זאָל ניט זיין באַדייטזאַם פאַר אַנדערע. די אַבסאָ־לוטקייט פון דער באַדייטזאַמקייט, וואָס קער זיך ניט אָן מיט קיינעם, אַ חוץ מיט דעם איינצעלנעם סוביעקט — מחמת זי האָט אירע וואָרצ־לען אין זיין נאַטור — אָט די אַטאָמיזירט טאַקע די באַדייטזאַמקייט פון די אויטאָנאָמע ווערטען.

פון דער אַנדער זייט איז עס פולשטענדיג קלאָר, אַז פאַר די העטעראָנאָמיש־באַגרינדעטע ווערטען קאָן די אינטער־סוביעקטיווע באַדייטונג זיין זעהר וועזענטליך. אַלס ביישפּיל וועלען מיר ווידער אָנווייזען אויף דער שפּראַך. די שפּראַך־געזעצען שטרעבען צו זיין בינדענד פאַר אַ סך. אויב עס איז פאַראַן אַ געמיינזאַמקייט פון עסטעטישע ווערטען אויף דעם באַזיס פון העטעראָנאָמיע — מיר האָבען שוין אָנגעוויזען אויף דער מעגליכקייט פון אַזאַ געמיינזאַמ־קייט און אויף איר פּראַקטישער עקזיסטענץ, און מיר וועלען זיי אָנרופען פון קורצקייט וועגען פשוט „בילדונג", דערביי וועלען מיר ווינציג וואָס אָפּווענדען זיך פון דעם וועזענטליכען זין פון אָט דעם טערמין — דאָן איז דער צוואַנגס־כאַראַקטער פון דעם עסטעטישען אורטייל אין דעם קרייז פון געבילדעטע מענשען זעלבסטפאַר־שטענדליך. דאָ וועט יעדער אורטייל ארויסטרעטען מיט דער פּרעטענ־

פון מיר אליין און ניט פון אנדערע, און דערפאר קאן זי בלויז פאר מיר אליין און ניט פאר אנדערע זיין די בינדענדע מאס פון ווערטען. ווען איך זוך צו דערגרייכען אן אלגעמיינע באדייטזאמקייט פאר מיין אורטייל, איז עס ניט קיין באווייז, אז איך ערווארט אן אלגעמיינע מאב פון ווערטען? געוויס. זי איז אבער אוממעגליך פאר די אויטאנאמישע ווערטען. מיין אורטייל פאדערט איינשטימיגקייט מצד אנדערע; ווי אזוי קאן איך זי אבער פאדערען, ווען איך ווייס, אז זייערע איבערצייגונגען ווערען באשטימט בלויז דורך זייערע אייגענע ווערטען־איבערלעבונגען? נעמט ניט יעדע דיסקוסיע וועגען עסטעטישע ווערטען אן פאראויס אן אלגעמיינע מאס פאר די מיטשפרעכער? אזא מאס איז אבער נישטא, אויב די עסטעטישע ווערטען זענען אויטאנאם. מיר רעדען אויך וועגען א גוטען און א שלעכטען געשמאק. די עסטעטישע אורטייל־פעהיגקייט פון יעדען איינעם, ווערט אויך, הייסט עס, פון איר זייט באזונדערס אפגעשאצט. אויב איך באצייכען אלס שלעכטען געשמאק ניט בלויז יעדען אורטיילס־אקט, וואס איז אנדערש ווי מיינער — אזן דא מוז ליגען אן אנדער זין, מחמת דער חילוק צווישען גוטען און שלעכטען געשמאק דריקט זיך אויס אין אן אינטער־סוביעקטיווער פארם — דאן געהען מיר ארויס פון דער הנחה, אז די ווערטען־איבערלעבונגען פון דעם איינצעלנעם סוביעקט זיינען ניט דאס לעצטע קריטעריום פון דעם שעהנעם, אז עס איז פאראן א העכערע געריכט־אינסטאנץ, אז עס איז פאראן אן אינטער־סוביעקטיווע מאס פון שעהנעם און ניט־שעהנעם, וועלכע שטעהט א י ב ע ר דעם איינצעלנעם סוביעקט. וויבאלד דער געשמאק אליין ווערט פון זיין זייט אפגעשאצט, דאן קאן ער ניט זיין דער לעצטער קריטעריים פון שעהנעם. נאר אויב די עסטעטישע ווערטען זיינען אויטאנאם, דאן מוז די לעצטע ענטשיידונג אפהענגען פון דער אורטיילח־פעהיגקייט פון יעדען באזונדער, און זיין געשמאק קאן ניט איבערהויפט געשאצט ווערען. וויבאלד די עסטעטישע ווערטען זיינען אויטאנאם, פארלירט במילא יעדער אונטערשייד צווישען גוטען און שלעכטען געשמאק וועלכען עס איז זין.

פון דער צייט פון קאנט'ען זיינען מיר געוואוינט מיט איין אטעם

וועזענטליך פאר זיי, אז זיי זאלען האבען א באדייטזאמקייט פאר דער מערהייט סוביעקטען. זיי זיינען אינדיווידועל באדייטזאם אבער ניט אלגעמיין באדייטזאם. זייער באדייטונג, וואס האט איר באגרינדונג באקומען אין דער ווילענס־נאטור פון דעם איינצעלנעם סוביעקט, געהט ניט ארויס פון די גרעניצען פון דעם סוביעקט. דאס זעלבע, וואס איז שעהן פאר מיר, קאן זיין עקעלהאפט פאר אנדערע. וויפיל סוביעקטען—אזוי פיל זעלבשטענדיגע ווערטען־צענטרען, אזוי פיל ספערען פון באדייטזאמקייט, מחמת „איך", „דו" און „ער" — זיינען ניט אידענטיש. אויב די לעצטע אינסטאנץ פאר דער באשטימונג פון דעם שעהנעם אדער ניט־שעהנעם ליגט אין דעם איינצעלנעם סוביעקט, דאן פארמאגט יעדער איינער זיין אייגענע מאס, וואס פאסט זיך בלויז פאר אים, און מער פאר קיינעם ניט. בלויז אין דער אינערליכער איבערלעבונג אנטפלעקט זיך דער עסטעטישער ווערט פון זאכען, און מעגען אפילו אנדערע זיך דערוויסען פון דער דאזיגער איבערלעבונג, איז זי פאר זיי פארט ניט קיין בינדענדע אנטפלעקונג פון ווערט. זי פאדערט אונטערוואַרפונג בלויז ביי דעם, וואס לעבט זי איבער, און פון אנדערע — ניט. *פאר די עסטעטישע ווערטען קאן ניט זיין קיין אינטער־סרביעקטיווער אלגעמיינער קריטעריום.*

פונדעסטוועגען באטראכט יעדער איינער, וואס האלט עפעס פאר שעהן זיין אורטייל אויך ריכטיג פאר אנדערע. ער דענקט, אז זיין אורטייל האט צו טאן מיט א ווערט, וואס איז באדייטזאם פאר אלע. איך זאג ארויס מיינע בליקען, איך גיב זיי איבער צו אנדערע, און ערווארט, אז מען זאל מיט מיר איינשטימען. מיין אורטייל *פאדערט* איינשטימיגקייט. און אפילו ווען איך וויים, אז זיי האבען אן אנדער מיינונג, שטרעבט מיין אורטייל פארט צו ווערען בינדענד אויך פאר זיי. זיי זיינען מחויב צו אורטיילען אזוי און אזוי. דער אמת, וואס איך האב אנטפלעקט, דארף זיין אן אמת אויך פאר זיי. איך האלט מיין אורטייל פאר ריכטיג פאר אלעמען. ריכטיג — אין וועלכער הינזיכט? אין דער הינזיכט פון מיין אינערליכער ווערטען־איבערלעבונג? אבער די לעצטע ווערט דאך אוממיטעלבאר עמפונדען בלויז

אין דער טיף פון זיין נשמה, און דער סוביעקט קאָן זיי ניט אָפּלייקענען, ניט אָפּזאָגענדיג זיך פון זיך אליין. מעג די זעלבסט באַהויפּטונג פון דעם סוביעקט זיך אייסווייזען יעדען זייטיגען צושויער אלס צופעליג — פאר דעם סוביעקט נופא איז דאָס די לעצטע אינסטאַנץ, און בלויז דאָס, וואָס וואָרצעלט אין זיין נאַטור, קאָן פאר אים האבען אַן ענדגילטיגע נויטווענדיגע באַדייטזאַמקייט. די העטעראָנאָמישע ווערטען, פאַרקערט, זיינען אין זייער באַדייטונג שטענדיג צופעליג פאר דעם סוביעקט. די אָנגענומענע געוואוינהייטען פון שפּראַך־געברויך, למשל, זיינען בלויז א פאקט ביי דער אנטשיידונג פון דעם, וואָס איז ריכטיג, און וואָס איז ניט ריכטיג. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, אַז דאָס אלעס זאָל זיין אנדערש, עס איז אין דעם ניטאָ קיין שום נויטווענדיגקייט. דאָס, וואָס ערשיינט אלס ריכטיג דערפאַר, ווייל אַזוי איז צופעליג אָנגענומען, קאָן אויך זיין ניט ריכטיג. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגען וועגען די מאָראַלישע זיטען און געוואוינהייטען, און וועגען יעדען אַנדערען העטעראָנאָמישען ווערט. אָבער דאָס וואָס איז שעהן, און ווערט עמפּפונדען אלס שעהן, קאָן ניט זיין עפּעס אַנדערש, ווי שעהן.

---

קוקט זיך צו צו אַט די ביידע מאָמענטען פון עסטעטישען אורטיילען: צו דער פּרעטענזיע אויף אָריגינאַליטעט און צו דער אָנערקענונג פון דער אומבאַדינגטער ווערטען־באַדייטזאַמקייט — און די אויטאָנאָמיע פון עסטעטישע ווערטען וועט פאר אייך ערשיינען אויסער יעדען צווייפעל. מען וועט אונז אפשר טאַדלען דערפאַר, וואָס מיר זוכען צו באַווייזען זאכען, אין וועלכע קיינער צווייפעלט אייגענטליך ניט. מיר האָבען אבער פריער נעמוזט ווערען אבסאָלוט זיכער אין דעם פרט פון אויטאָנאָמיע, כדי אָנצונעמען אויך אירע פאָלגען. און די דאָזיגע פאָלגען באַשטעהען אין אַט וואָס.

אויב די עסטעטישע ווערטען זיינען אויטאָנאָם, דאַן פאַרמאָגען זיי אַן אומבאַדינגטע באַדייטזאַמקייט פאר דעם איינצעלנעם סוביעקט. אָבער וואָס אנבאַלאַנגט די ווערטען גופא, איז עס ניט דווקא

מערסטע זאגעז עס מיט פולער איבערצייגונג, ווייל די פארשפרייטונג פון פרעמדע בליקעז מיט דער הילף פון שלוסציהונגעז על פי אנאלאגיע באפעסטיגט ביי זיי דעם גלויבעז איז דער אריגינאליטעט פון זייער קונסט־זין. אויף אזא אופן לייקענט דער העטעראנאמישער אורטייל אפ זיין אמת׳ע נאטור און אנערקענט, אז יעדע עסטעטישע אפשאצונג מוז באזיצעז דעם כאראקטער פון זעלבסטשטענדיגקייט און דערמיט אליין באווייזט ער, אז די אויטאנאמיע איז ניט אפצוטיילעז פון דעם עצם פון די עסטעטישע ווערטעז.

---

נאך א באווייז פון אט דעם געדאנק, קאן מען געפינען אין פאלגענדען. וויבאלד עס אנטשטעהט אן עמפינדונג פון א ווערט, גיט זי דערמיט צו דעם עסטעטישען ווערט אן אומבאדינגטע און נויטווענדיגע באדייטזאמקייט. איך הער מוזיק און בין פארכאפט פון איר שעהנקייט. קאן עס געמאלט זיין, אז אט די מוזיק זאל זיין ניט שעהן? די פראגע שיינט צו זיין אן אומזין. עס קאן, נאטירליך זיין, אז איך זאל ניט דערפילען אט די שעהנקייט, דאס בין איך גרייט מודה צו זיין. אבער קוים האב איך זי יא אנטדעקט, ווייס איך שוין, אז זי קאן ניט זיין ניט שעהן. מיר איז אלין איינס, צי איך האב זי אלע מאל אזוי געפילט, און צי איך בין זיכער, צי איך וועל ווען עס איז ווידער שטעהן פאר איר מיט פונקט אזא געעפענטער נשמה. איך ווייס אויך ניט, צי אנדערע עמפינדען אויך פונקט אזוי די זעלבע שעהנקייט. וועגען דעם אלעמען טראכט איך ניט. די דאזיגע מוזיק איז פשוט שעהן, און דערביי האט צו דעם דאזיגען ווערט דער ווילקיר קיין שום שליטה ניט. ניט מיינער און ניט קיין פרעמדער ווילען האט אים באשטימט. אט די אומבאדינגטע באדייטזאמקייט, אדער, רעדענדיג סוביעקטיוו: אט דאס געפיל פון נויטווענדיגקייט, וואס ליגט אין דעם אורטייל, איז מעגליך בלויז ביי אויטאנאמישע ווערטען. זיי מוזען ערשיינען פאר דעם סוביעקט אלס אומבאדינגט באדייטזאם, אויב זיי האבען זיך נאר אנטפלעקט פאר אים אלס ווערטען. זיי האבען ווי פאראנקערט זיך

קונסט, הייסט עס, וועט זיין פולשטענדיג ענליך צו דער, וועלכע מען באַגעגענט טאַקע ביי ס'רוב אַזוי גערופענע קינסטלער.

מיר קאָנען זיך, אַלזאָ, פאָרשטעלען אַ געבילדעטע סביבה, וואָס לעבט אויסשליסליך אויף'ן חשבון פון העטעראָנאָמישע אורטיילען, און וואָס באַוועגט פאַרט פאַסיוו אָדער אַקטיוו די קונסט; אַ סביבה, וואָס האָט זיך אירע קינסטלער, קריטיקער, געזעלשאַפטען פון קונסט־ליבהאָבער, קונסט־היסטאָריקער און קאָלעקציאָנערען. און די טויערס, וואָס קומען פון אַט דעם קרייז מעגען זיין זיכער, אַז זיי וועלען צופרידענשטעלען די בעסטע געבילדעטסטע פאָרשטעהער פון זייער צייט, ווייל זיי אַלע בינדט צונויף איינע און דיזעלבע רירענדע האַרמאָניע פון אורטיילען. און אַז עס האַנדילט זיך ניט בלויז אום אַ מעגליכקייט, קאָנען מיר זיך לייכט איבערצייגען, באַטראַכטענדיג פון דער נאָענט די סביבה פון אונזערע קריטיקער, קינסטלער און קונסט־פאַרערער.

אויב, הייסט עס, עס עקזיסטירען באמת העטעראָנאָמישע ווערטען, און אויב די העטעראָנאָמיש־באַגרינדעטע אורטיילען ערקלערען צופרידענשטעלענדיג די אָביעקטיווע ערשיינונג פון דעם קונסט־לעבען — וואָס איז אַלזאָ דערפון געדרונגען? צי דאַרף מען ניט אַמאָל, האַלטענדיג זיך פאַרזיכטיג אָן די פאַקטען, אָנהויבען צו צווייפלען אין דער אויטאָנאָמיע פון עסטעטישע ווערטען?

אין דער אמת'ען, איז ריכטיג פונקט דאָס פאַרקערטע, און מיר קאָנען דערפון לערנען, אַז ניט די פאַקטישע, נאָר די פאָסטולירענדע אייגענשאַפטען באַשטימען די ווערטען־באַגריפען. די עסטעטישע אורטיילען, וועלכע זיינען פקאַטיש געבויט אויף אַ העטעראָנאָמישען באַזיס, זיינען דער בעסטער באַווייז דערפון, אַז די אויטאָנאָמיע איז ניט אָפּצוטיילען פון דעם עצם פון עסטעטישע ווערטען. יעדער העטעראָנאָמישער אורטייל וועגען קונסט לייקענט דאָך אָפּ זיין העטעראָנאָמען כאַראַקטער, מחמת ער האָט פרעטענזיעס אויף אויטאָנאָמישער אָפּשטאַמונג. יעדער געבילדעטער מענש פראָטעסטירט געגען דער באַהויפּטונג, אַז ער חזר'ט פּשוט איבער פרעמדע מיינונגען, און שלעפּט זיך ווייטער אויף די קוליעס פון אַנאַלאָגיע. ער פאַרזיכערט, אַז ער פילט אַליין אוממיטעלבאַר די שענקייט פון דעם קונסטווערק. די

אויספארשונג פון די שיקזאלען אדער דאטירונגען פון די ווערק, מיט דער איבערגעבונג אין פארגלייכונג פון די סיוזשעטען. ער וואלט געקאנט אנאליזירען סיי די טעכניק, סיי דעם כאראקטער פון דעם פארשטעלונג־אופן; ווייזען אונז, למשל, ווי אין דער אנטוויקלונג פון דער פלאסטיק באפרייט זיך דער מענשליכער קערפער ביסלעכווייז פון דער ארכאאישער אומגעלומפערטקייט און ערווערבט זיך א פרייערע באוועגליכקייט פון די גלידער; ווי אזוי און ווען עס איז אין דער מאלעריי אנטדעקט און פארפאלקאמט געווארען די פערעספעקטיוו פון רוים, ווי די קונסט דערנענטערט זיך אלץ מער צו דער נאטור, גיט, ענדליך, איבער לופט, ליכט, אלע אטמאספערישע ערשיינונגען, און באוועגט זיך כסדר פאראוים. אזא היסטאריקער וואלט אויפגעכאפט אלע אויסערליכע שטריכען, וואס כאראקטעריזירען א געגעבענע עפאכע אין דער געשיכטע פון קונסט, ער וואלט דורכגעאנאליזירט די היסטארישע סטילען א. א. וו. קורץ גערעדט, ער וואלט טאקע ווידער געטאן און געשריבען פונקט דאס זעלבע, וואס מיר געפינען אין די היסטארישע ווערק פון מיטעלמעסיגקייטען. ענדליך איז דער העטעראנאמישער אפשאצונגס־מעטאד פיליכט אויך גענוג פאר דער אויסבילדונג פון א קינסטלער גופא. ווער עס פארמאגט נאך דערצו א ריכטיג אויג, א געשיקטע האנט און א טאלאנט נאכצומאכען, דער וועט מאלען און קלעפען; און דער, ביי וועמען עס פליסט א רייכער פלוס פון ווערטער און קלאנגען־אסאציאציעס, וועט שרייבען פערזען.

אזא קינסטלער וועט נאכמאכען די אים צוגענגליכע ווערק אדער די ווירקליכקייט, און זי אנטאן אין טראדיציאנעלע פארמען. צי ער וועט זיך האלטען אן די אלטמאדישע אדער נייסטע סטיל־קאנווענציעס, דאס הענגט אפ פון דעם אונטערשייד פון ריכטונגען צווישען די אקאדעמיסטען און מאדערניסטען, און האט נים קיין גרויסע באדייטונג. אזא מין קונסט צייכענט זיך אלע מאל אוים מיט דער זעלבער פוסטקייט פון פארמען, צו וואס פאר א ריכטונג זי זאל ניט באלאנגען. דערביי מעגען זיך די פארמען זיין מי יודע ווי פרעטענציעז. זייער שפראך וועט שטענדיג זיין אן פארבינדונג, און וועט זיך קיינמאל ניט אויפהויבען איבער דער פלאך פון טריוויאליטעט. אזא

# בראָדער קריסטיאַנסען

שטריד: מיט פולשטענדיגער הילפלאָזיגקייט זעען זי באַנגעגנט אַן אָריגינעל ווערק פון אַ נייער שאַפונגס־קראַפט. דאָס דאָזיגע ווערק איז דאָך ניט ענליך צו די טראַדיציאָנעלע מוסטערען, כמעט גיכער פון אַלץ טרעט עס אַזוי אומאַנגענעם אַפּ פון דעם שאַבלאָן, אַז דער קריטיקער קאָן זיך גאָר נישט געננוג אַנזידלען. מיט איין וואָרט אַט די קונסט־קריטיק וואָלט געוועזן פונקט אַזאַ, ווי עס איז טאַקע די קריטיק פון אינזער צייט.

איז אָבער ניט מעגליך זיך פאָרצושטעלען, אַז ניט קוקענדיג אויף דער העטעראָנאָמיישקייט פון די עסטעטישע ווערטען, זאָלען עקזיסטירען ליבהאָבער און ליידענשאַפטליכע פאָרערער פון קונסט? געוויס יאָ. זעהען מיר דאָך אויף דעם בייִשפּיל פון די קאָלעקציאָנערען פון פּאָסטמאַרקען און אַנדערע אַנטיקען, ווי אינטענסיוו עס קאָן אויסוואַקסען די ליידענשאַפט צו ריין רעלאַטיווע ווערטען. דעמאָלט אָבער וואָלט דער קונסט־מאַרק, וואָס וואָלט באַשטימט געוואָרען דורך אַזוינע געשמאַקען, זיך פאָרראַטען דורך אַ גאַנצער רייע כאַראַקטער־שטריכען. צו זעלטענהייטען וואָלט מען אַרויסגעוויזען אַ געוואַלדיגען רעספּעקט, און בנוגע ווערק פון די פאָרגאַנגענע עפּאָכען וואָלטען די מבינים זיך פאַרנומען מיט היסטאָרישע איינצעלהייטען. דער איינפלוס פון דער געשיכטע וואָלט געהערשט אין אַלע אָפּשאַצונגען, די זעלטענקייט און די קאַפּריזען פון דער מאָדע וואָלטען באַשטימט די פרייזען. און עס וואָלט געקאָנט פּאַסירען, אַז מען וואָלט געצאָלט משוגע'נע געלדער פאַר אַזוינע באַנאַליטעטען, ווי די ענגלישע פארביגע גראַוויורען בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען גראָד אריין אין דער מאָדע, אָדער פאר די „ברייטע ברעגען“ פון דער פאָרצייטיגער גראַפיק, צוליב דעם וואָס זיי זיינען אַן אַנטיק. מיט אנדערע ווערטער: דער קינסטלערישער מאַרק וואָלט טאַקע פונקט אַזוי אויסגעזעהען, ווי ער ערשיינט היינט צו טאָג.

אַז די העטעראָנאָמישע אורטיילען, ווידער, זיינען גענוג פאר דער געשיכטע פון קונסט, דאָס נויטיגט זיך קוים צו באַווייזען. דער היסטאָריקער וואָלט אַפילו ניט געוועזן מחויב צו באַנוגענען זיך מיט דער

דארום בלויז איבער צו זעהען, צי מען קאָן אויסקומען בלויז מיט זיי. יעדערער אַלזאָ ווידערהאַלט אין אַנפאַנג פרעמדע מיינונגען. באַ־קומענדיג אַבער די מעגליכקייט צו באַקענען זיך נעענטער מיט די קונסטווערק, באַמערקט ער איינגיכען אין זיך אַליין די פעהיגקייט צו אורטיילען וועגען אַזוינע ווערק, וואָס וועגען זייער ווערט האָט ער נאָך פריער פון קיינעם ניט געהערט. מיט פרייד באַמערקט ער, אַז זיינע אייגענע מיינונגען ווערען באַשטעטיגט, ווען ער דערוויסט זיך די מיי־נונגען פון אַנדערע. ער איז, אַלזאָ, אימשטאַנד אַליין צו אורטיילען וועגען קונסט. **אין אים האָט זיך אַנטוויקעלט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענליך צו דעם זין פאַר שפּראַך, נעמליך: די פעהיגקייט און די טענ־דענץ אַנצואווענדען די אויפגעכאַפּטע אורטיילען צו אַנאַלאָגישע פאַלען.**

דאָס וואָס איז אויסערליך ענליך צו די אַנערקענטע קינסטלערישע מוסטערען איז גוט; דאָס וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָפּנייגונג פון אָט די מוסטערען איז שלעכט. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז ווען מען האָט פאַר זיך אַ ניי ווערק דאַרף מען אַנטשיידען וועגען זיין ווערט, אָדער ניט־ווערט ניט וואַרטענדיג גאָר, וואָס עס וועלען זאָגען וועגען דעם די אויטאָריטעטען. אָט דער מעטאָד פון אַנאַלאָגיעס גיט זיך מסתמא איינעם לייכטער, אַן אַנדערען — שווערער. אַבער די שפּראַך־פעהיגקייטען ביי די מענשען זענען דאָך אויך פאַרשידען.

לאָמיר אין דעם פאַל אָננעמען, אַז מיר האָבען פאַר זיך גוטע פעהיגקייטען. צו וואָס קאָנען זיי פירען? זיינען זיי גענוג צו דער־קלערען די קונסט־ערשיינונגען? פאַר דעם קונסט־קריטיקער, גלויב איך, איז דאָס גענוג. דער גוט־באַגאַבטער מענש וועט מיט זיינע אור־טיילען שטענדיג אַביסעל מקדים זיין אַנדערע. ווען זיי וועלען אים דעריאַגען, וועלען זיי מוזען איינשטימיג זיין מיט אים, ווייל זיי באַ־נוצען זיך דאָך מיט דעם זעלבען מעטאָד פון אַנאַלאָגיעס, וואָס ער. אויף אַזאַ אופן ווערט טאַקע איינער אַ באַגלויבטער אויטאָריטעט און טאָן־געבער אין די געבילדעטע קרייזען. אַזאַ מין העטיראַנאָמישע קריי־טיק וועט אַבער זיך אויסצייכענען מיט איין באַזונדערען כאַראַקטער־

אזוינס, וואס קאן אריינפירען אין א טעות און פארשטעלען די אמת'ע זאך־לאגע: דאס איז דער „זין פאר שפראך“, וועלכער גיט צו דעם אורטייל א פאלשען אויסזעהן פון זעלבסטשטענדיגקייט, גלייך מען וואלט געקאנט מיט דער הילף פון אן אוממיטעלבארער עמפינדונג פעסטשטעלען, וואס איז לינגוויסטיש ריכטיג אדער פאלש. אבער דער זין פאר שפראך איז ניט עפעס אנדערש ווי א טענדענץ, וואס האט זיך איינגעוואָרצעלט א דאנק דער געוואוינהייט, א טענדענץ צו דערווארטען דאס ערשיינען פון אנאלאגיש פאלען. דערביי, פארשפרייט זיך די באנוצונג פון טראדיציאנעלע אפשאצונגען אויך אויף אזוינע איינצעלנע פאלען, וועלכע זיינען נאך אליין ניט אריין אין געוואוינהייט. אלץ באשטעהט, הייסט עס, אין א מעכאנישער שלוס־ציהונג על פי אנאלאגיע. די אורטיילונגען, וואס שטיצען זיך אויף דעם שפראךזין, ערשיינען פארט אלס איבערגענומענע פון דער וועלט פון קאנווענציאנעלע באגריפען, כאטש דאס ווערט אונז קלאר אויף אן אינדירעקטען אופן. די העטעראנאמע ווערטען קאנען ניט אוממיטעלבאר עמפונדען ווערען אלס ווערטען. זיי באזיצען דעריבער ניט די נויטיגע באדייטזאמקייט פאר דעם סוביעקט. זיי מאכען אונז אלע מאל מער אדער ווייניגער פילען, אז אנשטאט דעם אויגענשיינליך־באדייטזאמען, קאן נאך זיין אן אנדער באדייטונג.

נו, און מיט די עסטעטישע ווערטען, איז דען ניט די זעלבע זאך? אויך דא איז יעדער איינער צונויפגעוואקסען מיט דער טראדיציע. די קונסטווערק און די קינסטלער ערשיינען פאר אונז גלייכצייטיג מיט פארטיגע מיינונגען וועגען זיי, און פון אנדערע דערוויסען מיר זיך, ווער עס זיינען די בעסטע קינסטלער און וואס עס זיינען זייערע בעסטע ווערק.

אינגיכען נעמט מען אויך באמערקען, אז געוויסע בליקען זיינען א סמן פון בילדונג און בארעכטיגען דעריבער די פרעטענזיעס אויף סאציאלען פארצוג. צוליב דעם ווערט לייכט געבוירען א גרייטקייט איבערצונעמען אט די בליקען, כדי אויף אזא אופן אריינצוטרעטען אין דעם פריווילעגירטען קרייז פון עסטעטיש־געבילדעטע מענשען. איז ניט קלאר דערפון, אז די מיינונגען זיינען העטעראנאם? אונז בלייבט

קיין אנדער אופן צו באגרינדען די פעלערהאפטיגקייט פון אזוינע אור־טיילונגען קאן ניט זיין.

---

מיר האבען קלאר געמאכט די סכעמע פון דער אלגעמיינער לערע וועגען אויטאנאמע ווערטען און אפגעגרעניצט דעם באגריף ווע־גען זיי פון די צעדרעהטע טייטשונגען מצד דעם סקעפטיציזם. יעצט איז בלויז נויטיג צו געבען א קורצע כאראקטעריסטיק פון זייער גע־גענזאץ — די העטעראנאמע ווערטען, און מיר וועלען באקומען דעם מאטעריאל פאר דעם ענטפער אויף אונזער פראגע: זיינען די עסטעט־טישע ווערטען אויטאנאם אדער העטעראנאם?

כדי זיך בעסער צו אריענטירען, לאמיר נעמען א משל. די געזע־צען פון דער שפראך, פונקט ווי דער גרעסטער טייל דערפון, וואס רופט זיך זיטען און מאראל, טראגען באשיינפערליך א העטעראנאמען כא־ראקטער. די שפראך קאן אנטהאלטען אין זיך געוויסע אויטאנאמע מעגליכקייטען, אבער פאר די מערסטע מענשען עקזיסטירען זיי ניט. און דער עיקר זיינען זיי ניט וועזענטליך פאר דער שפראך גופא. דער־פאר אונטערווארפט זיך יעדער איינער ניט פארטראכטענדיג זיך אין דעם טראדיציאנעלען געזעץ, מיט וועלכען ער האט זיך צוגעפגעלעבט, וועלכען ער האט אנגענומען געצוואונגענערהייט אדער פרייוויליג אפילו דארט, וואו די שפראך פארלעצט דאס לאגישע אדער עסטעטישע גע־פיל. פרעגט אים פון וואנען ער וויים די באדייטזאמקייט פון די גע־זעצען, לויט וועלכער די און די זאך ווערט אזוי און אזוי אנגערופען, און דאס און דאס ווארט ווערט אזוי געשריבען און ארויסגערעדט; פון וואנען מען מעג באנוצען אט די און די קאנסטרוקציע, און פאר וואס דאס איז ריכטיג און אלעס אנדערע איז ניט ריכטיג, וועט ער זיך מוזען מודה זיין, אז זיין באקאנטשאפט מיט אט די אפשאצונגס־כללים שעפט ער ניט פון זיך אליין, אז ער האט זיי גענומען ביי דער טרא־דיציע און זיי האבען א באדייטזאמקייט בלויז דערפאר, וואס זיי הא־בען זיך דערווארבען בירגער־רעכט. אמת, עס איז פאראן עפעס

איז נים פארבונדען מיט אנדערע אביעקטען. דערצו קומען נאך צו
פארשידענע פארקריפלונגען, וועלכע אנטשטעהען אלס רעזולטאט פון
דער פילפאכיגקייט פון די מענשליכע דראנגען און פון די ווערטען־
סיסטעמען. די שטארקסטע אפוועגדונג פון דעם ענדגילטיגען ווער־
טען־קריטעריום באשטעהט אבער אין דער מאכע פארטיגע שאצונגס־
אורטיילען, וואס מיר נעמען איבער פון אנדערע, וועלכע שטעמפלען
זיך אפ אין אונז דורך דער דערציהונג, דורך דער געוואוינהייט, און
וואס ברענגען צו איינגעווארצעלטע טענדענצען אין אונזערע אורטיי־
לען. זיי זיינען שטענדיג ביים האנט און באפרייען אונז פון דער
מי צו זוכען אן אייגענע מיינונג און זי פארזיכטיג אויסארבייטען פון
דער גאנצער כאאטישער מאסע אינערליכע איבערלעבונגען. דערפון
ווערט פארשטענדליך, אז ניט אלע אונזערע מיינונגען זיינען אין איינ־
קלאנג מיט די ווערטען, וואס זיינען באדייטזאם פאר אונז, אז ניט
אלע אונזערע מיינונגען זיינען ריכטיג, קלאר, אז כאטש די באדייט־
זאמקייט פון ווערטען אנטשטעהט אין דעם סוביעקט גופא, איז פונ־
דעסטוועגען פאראנען א חילוק צווישען א פאלשער און א ריכטיגער
מיינונג; און אז כאטש דער מענש איז די מאס פון אלע אייגענע ווער־
טען, איז ניט יעדע מיינונג זיינע ריכטיג. דערמיט אליין ווערט אפ־
געלייקענט דער סקעפטישער שלום, וואס די סאפיסטען ציהען פון דעם
באגריף „אויטאנאמיע פון ווערטען“. דער מענש איז די מאס פון די
אורשפרינגליכע ווערטען, אבער דערביי פארבלייבט דער חילוק צווי־
שען ריכטיגע און פאלשע אפשאצונגען. די באדייטזאמקייט פון ווער־
טען באזירט דאך ניט אויף דעם אקט פון אורטיילען; גיכער דארף
דער לעצטער זיך צופאסען צו דער באדייטזאמקייט. די באדייטזאמ־
קייט פון די ווערטען איז ניט אויבענאויף און ווארצעלט אין דעם עצם
פון דער מענשליכער נאטור. און אונזערע אפשאצונגען זיינען אויף
אזוי פיל ריכטיג אדער פאלש, אויף וויפיל די אימאנענטע ווערטען־
געזעצען געפינען זייער אויסדרוק אין יענע „יא“ און „ניין“, מיט וועל־
כע מיר באשטימען אונזער באציהונג צו זאכען; אויף וויפיל עס דריקט
זיך יא אדער ניט אויס אין זיי דער אוממיטעלבאר עמפונדענער ווערט,

מיט זיין ווילענס־כאראקטער, אזוי קאנען געמאלט זיין אפשאצונגס־
אקטען, וועלכע הארמאנירען ניט דערמיט, וואס איז באמת באדייטזאם
פאר דעם מענש, אורטיילענדיג לויט זיין נאטור. די אורזאך איז אין
ביידע פאלען איינע און די זעלבע. אויף דער מעגליכקייט פון אזא
באציהונג אין דעם מענש, גיט שוין אן אנצוהערעניש אונזער פונאנ־
דערטיילונג אויף א ברייטער און ענגער סוביעקטיווער ספערע. דער
ווערטען־געזעץ, וואס דער דראנג אנטהאלט, ווערט בלויז געגעבען אין
א פארבארגענער פארם, און ניט אין א באוואוסטזיניגער פארשטע־
לונג. ער ווייזט זיך קיינמאל ניט ארויס אלס אן אלגעמיינע נארם,
נאר בלויז אין דער אנווענדונג צו א באזונדערען פאל, אין דעם פרא־
צעס פון דער אינדיווידועלער באפרידיגונג פון דעם דראנג. דערפאר
ווייסען מיר ניט פאראויס, וואסערע ווערטען זיינען פאר אונז באדייט־
זאם. אפט קומען פאר אזוינע אורטיילס־אקטען, וועלכע זיינען ניט
אונטערגעזאגט דורך דעם קריטעריום, וואס ליגט אין דער פארווירק־
ליכונג פון דעם דראנג. דאס נעמט זיך אמאל כאטש צוליב דעם, וואס
ניט אלע מאל קאן מען זיך דערוואַרטען אויף דעם ענדגילטיגען אנ־
טייל — ווענען דעם האבען מיר שוין גערעדט. דאן באזירט דער אור־
טייל אויף פרעלימינערע קריטעריומס, וואס אויף זיי קאן מען זיך
קיינמאל ניט פולשטענדיג פארלאזען. חוץ דעם ציהען מיר גערן צו
הילף־קריטעריומס אפילו אין אזוינע פאלען, וואו עס איז דערצו קיין
נויטווענדיגקייט ניטא. מיר טוען עס אפט דערפאר אליין, וואס עס
איז אונז לייכטער מיט זיי צו האבען צו טון; מיר זוכען, צום ביי־
שפיל, א קלארע און ממשות'דיגע פארמולע. אויך טרעפט, אז דער
באשטימענדער פראצעס פון דעם דראנג, וואס פארווירקליכט זיך,
שטויסט זיך אן אן א שטערעניש, ווערט אפגעמעקט אדער פארשטעלט
דורך גלייכצייטיגע, געגענזעצליך ווירקענדע מאמענטען פון דעם זעלען־
לעבען. ווען מיר שטעהען פנים לפנים מיט א וועלכען עס איז גע־
גענשטאנד, פארכאפט ער אונז זעלטען איננאנצען. ער דארף אבער
אויף אזוי פיל אנפילען אונזער באוואוסטזיין, אז מיר זאלען זיין זי־
כער אין דעם, אז אינזער איבערלעבונג אין דער געגענווארט פון דעם
אביעקט אנטפלעקט אונז זיין ווערט, און זי — די איבערלעבונג —

## בראָדער קריסטיאַנסען

ווערטען ווערען באַגרינדעט דורך די נאַטירליכע דראַנגען פֿון דעם מענש, וואָס אין זיי ליגט אויך דער קוואַל פֿון זייער באַדייטזאַמקייט.

---

די ווערטען וועלכע ליגען פֿאַרבאָרגען אין דער טיף פֿון דעם מענשליכען וועזען, דאַרפֿען פֿאַר אים זיין אַבסאָלוט באַדייטזאַם. אויף וויפֿיל ער עמפֿינדעט זיי, קאָן ער זיך ניט אָפּזאָגען זיי צו אַנערקענען. זיי האָבען פֿאַר דעם מענש אַ קאַטעגאָרישע באַדייטזאַמקייט. ער קאָן אמת זיין אויפֿפֿירונג ניט צופּאַסען צו אָט די ווערטען, ער קאָן זיי אָבער ניט אָפּלייקענען אַלס אַזעלכע און דערביי ניט אָפּלייקענען זיך גופֿא. זיי זיינען אַ טייל פֿון אים אַליין. אין אָט דעם זין זיינען זיי זיינע אייגענע געזעצען; ניט קיין כללים און נאָרמען, וואָס ער האָט זיך אַליין געגעבען אָדער ערפֿונדען (די אויטאָנאָמיע שליסט אויס יענע ווילקיר), און ניט פֿון דרויסען נעמט ער זיי אָן און מאַכט זיי פֿאַר זיינע; ער געפֿינט זיי אין זיך, ווי אַ טייל פֿון זיין וועזען, ווי אַן עלעמענט דערפֿון, וואָס שטעלט צונויף זיין באַזונדערען „איך אַליין“. קיין שום אַנדערער מין ווערטען, וואָס זאָל האָבען אַן אומבאַדינגטע באַדייטזאַמקייט פֿאַר דעם מענש, איז ניט דענקבאַר. יעדער געזעץ, וואָס איז געשאַפֿען געוואָרען פֿון דרויסען, דורך ווילקיר, צוואַנג, געוואוינהייט, דערציהונג און דערגלייכען, וועלען פֿאַר אים קיינמאָל ניט ווערען קיין אומיטעלבאַר־עמפֿונדענער און קאַטעגאָריש־באַדייטזאַמער ווערט.

מיר האָבען געזאָגט: די אויטאָנאָמע ווערטען, וואָס וואָרצלען אין דער ווילענס־נאַטור פֿון דעם מענש, קענען אומיטעלבאַר אויפֿגעפּאַסט ווערען אַלס ווערטען; ווי למשל — ביי דער איבערלעבונג פֿון אַ באַפֿרידיגטען דראַנג. מיר מוזען אָבער אונטערשטרייכען דאָס וואָרט "קאָנען". די ווערטען־געזעצען, וואָס אין די דראַנגען, מוזען ניט אַלעמאָל אַנטוויקלען זיך צו דער שטופֿע פֿון אָפּשאַצענדע אורטיילען. זיי קאָנען אויך בלייבען פֿאַרבאָרגען. פּונקט ווי עס קומען אין דעם מענשען פֿאַר אינערליכע פּראָצעסען, וואָס זיינען ניט אין איינקלאַנג

פייניגונג ווי אויך די גרויזאמקייט אין אירע גראבע פונקט ווי אין אירע ראפינירטע פארמען, אלס קוואל פון אייגענעם ליידען — און צוזאמען דערמיט געוויסע מערקווירדיגע פארברעכערישע „אנלאגען“ — די אלע דארף מען אנערקענען אלס דיזעלבע אנטארטונגען פון דעם עטיש־הערזאישען דראנג. זייער דעגענעראטיווער כאראקטער, פונקט ווי די הערזאניסטישע אנטארטונג פון דעם לעבענס־אינסטינקט, פארראטען זיך דערמיט, וואס זיי קענען סוף כל סוף ניט פירען צו הארמאנישער באפרידיגונג. אויב מען זאל אורטיילען וועגען די ענדגילטיגע אפשאצונגס־קריטעריומס לויט די ערשיינונגען פון אנטארטונג, קען מען דאך מיט דעם זעלבען רעכט פארטיידיגען דעם געדאנק, אז אין ליידען און אין אומפארגעניגען אנטפלעקען זיך פאר דעם מענש די אורשפרינגליכע ווערטען. און דער פראקטישער שלוס דערפון איז, אז אסקעטיזם און פוריטאניזם אלס לעבענס־נארם מאכען טאקע פונקט אזא זונדערבארען איינדרוק ווי דער הערזאניזם אין דער זעלבער ראלע.

מיר זעהען אלזא: דאס פארגעניגען איז בלויז א פרעלימינערער קריטעריום און איז גילטיג אלס אזא מין סמן בלויז פאר א באגרעניצטען געביט פון ווערטען, ווי למשל פאר געוויסע לעבענסווערטען. וועגען דעם, אז דער דאזיגער קריטעריום איז ניט פעלערהאפט קען גאר קיין רייד ניט זיין. פארגעניגען און אומפארגעניגען גיבען ניט קיין שום ענדגילטיגען אורטייל וועגען דעם פאזיטיווען און נעגאטיווען ווערט און זיינען ניט מער ווי וועג־צייכענס פאר דער פארווירקליכונג פון די דראנגען. אומעטום וואו מיר זיינען געצוואונגען זיך צו ווענדען צו די פרעלימינערע קריטעריומס — מחמת די האנדלונגען קענען זיך ניט דערווארטען אויף דער ענדגילטיגער ווערטען־באשטימונג,—זיינען מיר פנים לפנים מיט א געפאר, מיט דער געפאר פון אננעמען אט די פראלעפטישע ווערטען־פעסטשטעלונג אלס די לעצטע און אמת'ע. אלס אמת'ע ווערטען־מאס דינט אבער די איבערלעבונג, וואס מיר האבען באצייכענט אלס די פארווירקליכונג פון דעם דראנג; און אויף אזא אופן קערען מיר זיך צוריק צו אונזער טעזיס, אז אט די

ווייזען — די פאַרווירקליכונג פון דעם לעבענס־אינסטינקט אין איינעם פון זיינע פאַרצווייגונגען. פאַרגעניגען און אומפאַרגעניגען זיינען בלויז די אַנטיציפּאַציעס פון דעם ווערט. זיי זיינען בלויז די וועג־צייכענס, וואָס פירען צו זייער פאַרווירקליכונג, און דעריבער זיינען זיי אַזוי אַנזעהעוודיג און וואַרפען זיך די ערשטע אין די אויגען אין דער גאַנצער מאַסע סוביעקטיווע לעבענס־ערפאַרונגען. קוקט זיך נאָר צו, מיט וואָס פאַר א ריאַמענטען עס זיינען פאַרבונדען פאַרגעניגען און אומפאַרגעניגען. אַט די געפילען באַגעגענען זיך גראַד דאָרט, וואו די וועג־צייכענס זיינען נויטיג פאַר האַנדלונג, וואו עס איז נויטיג די פראַלעפּטישע באַשטימונג פון דעם ווערט, ד. ה. אין אַזוינע פאַלען, וואו די ענדגילטיגע באַשטימונג פון דעם ווערט ווייזט זיך ארויס ערשט נאָך דער האַנדלונג גופא. אין אַנאַלאָגיישע פּאָזיציע פאַרנעמען, אגב אורחא, אויך די זינליכע אויפפאַסונגען פאַר דער אַפּשאַצונג פון די עמפּירישע רעאליטעטען.

געוויס, מען דאַרף אנערקענען, אַז דער לעבענס־דראַנג איז מסוגל העדאָניסטיש אַנטאַרט צו ווערען, ווען דאָס פאַרגעניגען ווערט דער־הויבען צו דער שטופע פון זעלבסטציל און ווען דער פּרעלימינערער פאַרגעניגונגס־קריטעריום ווערט די ענדגילטיגע מאָס פון ווערטען: ד. ה. דאָס פאַרגעניגען קען אוועקגעשטעלט ווערען אַלס לעבענסציל. דערפון קען מען אָבער פאָרט ניט דרינגען די גערעכטיגקייט פון דער העדאָניסטישער ווערטען־לערע, און עס דאַכט זיך מיר, אַז גראַד די עקזיסטענץ פון די פאַרגעניגענס־מענשען פאַרלייקענט אמבעסטען אַט די לערע. דער כאַראַקטער פון אַנטאַרטונג וואָס ליגט באַהאַלטען אין זייערע שטרעבונגען דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס זיי פאַרלירען סוף כל סוף אַלע ווערטען. איבעריגענס, איז אַט די העדאָניסטישע אנטאַרטונג פון דעם לעבענסדראַנג אין איינקלאַנג מיט דער פולשטענ־דיג פאַרקערטער אַנטאַרטונג פון דעם עטישען דראַנג, ווען דאָס ליי־דען, וואָס געהט נאַטירליך אַריין אַלס עלעמענט אין דעם עטישען לע־בען, ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכען און ווערט אַן ענדציל. דעם פולען געגענזאַץ צו דעם פאַרגעניגענס־מענש געפינען מיר אין דעם זעלבסטפּייניגער („העאוטאָנטימאָרומענאָס"). אסקעטיזם, זעלבסט־

טאן וועגן די עטישע ווערטן, כדי אפּצולייקענען די העדאניסטישע טעאריע פון ווערטן אין איר אלגעמיינער פארם. אויב מען זאל פרעגן וועגן דער באדייטונג פון פארגעניגען און ווידערווילן אין דער ספערע פון עטיש־הערארישע ווערטן, קאן מען גיכער נעמען אין אנבאטראכט גראד דאס אומפארגעניגן ביי דער באשטימונג פון פאזיטיווע ווערטן. דער העלד אין עטישען זין איז דורכאויס ניט קיין פארגעניגענס־מענש. אמת, ער זוכט ניט קיין ליידען לשם ליידען, אבער ער מיידט זיי אויך ניט אוים. און דאס כאראקטעריסטישע פאר אים איז גראד דאס, וואס זיין וועג ליגט דורך ליידען, מי און זעלבסטפארלייקענונג. צו אים קען מען אנווענדען דעם זאץ: „שטארב, פארגעה". אט די זעלבסט־פארגעסונג און זעלבסט־אויפאפפערונג. און דאך ווערט אזא לעבן אדער אוממיטעלבאר אנערקענט אלס ווערטפול, אדער עס רופט ארוים מיטגעפיל. נאר איצט, באוואפענט מיט אומצוטרוי צו א פאראלגעמיינטער העדאניסטישער טעאריע, לאמיר זיך ווידער ווענדען צו דער באטראכטונג פון די לעבענס־ווערטען, און מיר וועלען לייכט געפינען, אז אפילו דא קען מען דאס פארגעניגען אין דעם ווידערווילן ניט אננעמען אלס ענדגילטיגע סמנים. אויך דא איז פאר זייער באשטימונג נויטיג אן אנדערע, אן אוממיטעלבארע ווערטען־עמפינדונג. קיינער וועט ניט לייקענען, אז פארגעניגען און אומפארגעניגען וואלטען געווען שלעכטע ראטגעבער אין לעבען, ווען מען זאל זיך אויף זיי אליין פארלאזען. דער וואס זוכט בלויז פארגעניגען און תענוגים, מאכט א שרעקליכען טעות איז דער באשטימונג פון די לעבענס־ווערטען. פארגעניגען און אומפארגעניגען דינען בלויז אלס פּ ר ע ל י מ י נ ע ר ע קריטעריומס, וואס זייער הילף איז נויטיג, מחמת אין אונזערע האנדלונגען קענען מיר ניט אלע מאל דערווארטען זיך אויף דער אנטשיידונג פון די ענדגילטיגע סמנים. אלס הילף־קריטעריום לאזען זיי זיך אויך קאנטראלירען. די ענדגילטיגע אפּשאצונג גיט זיי יעדעס מאל איר באשטעטיגונג אדער קארעקציע, און אויף אזא אופן זאמעלט די ערפארונג די כללים, וועלכע פארגרעסערען די טויגבארקייט פון די פּרעלימינערע קריטעריומס. די ענדגילטיגע ווערטען־מאס אבער גיט אונז — ווי עס איז לייכט צו בא־

וואו עס איז פאַראַן דער דאָזיגער דראַנג, און אַז אַהן אים וואָלטען זיי פאַרלאָרען זייער באַדייטזאַמקייט. מיר וואָלטען אָבער געקענט רעדען וועגען אַן אַנדער דראַנג, וואָס טרעט אַם בולט'סטען אַרויס אין דעם מאָראַלישען הערואַיזם און, וואָס באַשטעהט אין דער שטרעבונג זיך מקריב צו זיין, זיך צו אָפּפערען צוליב דער דערגרייכונג פון אַן אידעאַל. דער דאָזיגער דראַנג באַגרינדעט די עטישע ווערטען — אויף וויפיל מיר ווילען באַנוצען דאָס וואָרט „עטיש" צו באַצייכענען די העכערע ווערטען פון אונזער אַקטיווער נאַטור, און ניט דעם קאָנדיציאָנעלען סדר פון צוזאַמענלעבען, ווי מען טוט עס אָפט.

---

צו דעם זעלבען רעזולטאַט: דאָס הייסט, אַז די אורשפּרינגליכע ווערטען וואָרצלען אין דער ווילענס־נאַטור פון דעם מענש, און אַז זיי שעפּען דאָרט זייער באַדייטזאַמקייט, קען מען קומען נאָך דורך אַן אַנדער וועג. מיר קענען זיך שטעלען די פראַגע, ווי אַזוי דער סוביעקט עמפּינדעט די ווערטען אַלס ווערטען, ווי אַזוי אַ געוויסע זאַך אַנטפּלעקט זיך דעם באַוואוסטזיין אַלס עפּעס ווערטפולעס. כדי צו ענטפערען אויף אַט דער פראַגע, האָט מען אַנגעוויזען אויף די געפילען פון פאַרגעניגען און ווידערווילען: אין דער ערשטער עמפּינדונג האָט זיך געדראָפּט אַנטפּלעקען דער פּאָזיטיווער אורשפּרינגליכער ווערט, אין דער צווייטער — דער נעגאַטיווער. קיינער וועט ניט לייקענען, אַז אין אַט דעם ענטפער איז פאַראַן אַ טייל אמת. געוויס; דאָס פאַרגעניגען קען זיין אַן אָנווייזער פון אַ פּאָזיטיווען ווערט, ווידערווילען — פון אַ נעגאַטיווען. אין דער אמת'ען קומט טאַקע אַזוי פאָר אין איין באַשטימטען רייך פון ווערטען; נעמליך — ביי געוויסע לעבענס־ווערטען. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אַט די לעבענס־ווערטען לאָזען זיך אַלעמאָל לייכט באַאָבאַכטען און מען קען אויף זייער סמך בויען אַ טעאָריע. דאָך האָבען מיר קיין שום רעכט ניט פון דאַנען צו מאַכען גענעראַליזאַציעס. מען דאַרף בלויז אַ טראַכט

אמת'ען האבען די ערשיינונגען פון אפשאצען, די באציהונג צו גע־גענשטאנדען ביי דעם מענש, וועלכער באגעגענט זיי מיט זיין „יא" אדער „ניין", וועלכער לויבט זיי אדער טאדעלט זיי, וועלכע זוכט זיי אדער מיידט זיי אוים, זייערע אויסער־סוביעקטיווע, פאראויסגעגאנ־גענע סטאדיען, פונקט ווי יעדער אנדערער סוביעקטיווער פראצעס, וואס ווערט באטראכט אורזאכליך. די דאזיגע אפשאצ׳ונג איז להלוטין ניט קיין פראצעס וואס הויבט זיך אן אהן אורזאך אין דעם סוביעקט. אין דעם זיינען מיר זיכער אפילו דאן, ווען מיר קאנען אין א באזונדע־רען פאל קיין אורזאך ניט אנווייזען. מען קאן דעריבער רעדען וועגען אן אנהויב בלויז אין א טעלעאלאגישען זינען. מען קאן בלויז זאגען, אז די גרונד־דראנגען באגרינדען די באדייטזאמקייט פון די ווערטען א דאנק דעם „טעלאס", וואס אין זיי. דאס איז מעגליך, אבער מעגליך בלויז אין דעם פאל, ווען די ווערטען ווערען לויט זייער באדייטונג פולשטענדיג באשטימט דורך דעם דראנג און דורך דעם כאראקטער פון די באציהונגען צו אט דעם דראנג. פאר דער באשטימונג פון דעם אויטאנאמען ווערט זיינען דעריבער נויטיג צוויי באדינגונגען: מען דארף אנווייזען אויף דעם גרונד־דראנג און אויף דער באזונדערער באציהונג צום לעצטען. איין און דער זעלבער דראנג קאן אנטהאל־טען פארשיידענערליי ווערטען, וועלכע באציען זיך אלע צו דעם זעלבען „טעלאס" נאר אויף א פארשיידענעם אופן; און דער פארשיידענ־ארטיגער אופן פון אט דער באציהונג ברענגט מיט זיך די כאראק־טעריזירענדע אונטערשיידען פון אט די ווערטען. ביי דער אנוועזענ־הייט פון אזא דראנג אין דעם סוביעקט באקומען אלע ווערטען וועל־כע האבען א שייכות צו אים, אן אומבאדינגטע באדייטזאמקייט פאר אים.

דאס ערקלערט זיך אמבעסטען דורך דעם ביישפיל פון דעם לע־בענס־דראנג אדער לעבעס־אינסטינקט. עס פארשטעט זיך פון זיך אליין, אז אלע לעבענסווערטען זיינען אויף'ן ענגסטען אופן צונויפ־געבונדען מיט דעם צוועק פון אט דעם דראנג, און אז זיי ווערען באשטימט דורך זייער באציהונג צו אים; אז אט דער דראנג איז דער יסוד פון זייער באדייטזאמקייט; אז זיי האבען א באדייטונג דארט

דער סוביעקט און אנהויב. די צילען, וואס אין זיינע דראנגען, שטעלען מיט זיך פאר דעם פרינציפ פון אקטיוויטעט. די קאטעגאריע פון אורזאכליכקייט האט אונז געגעבען דעם ערשטען באגריף פון דעם סוביעקט, די קאטעגאריע פון „טעלאס" גיט אונז דעם צווייטען באגריף. די אנווענדונג אבער פון אט דער לעצטער קאטעגאריע קומט ניט פון ווילקיר, נאר פון נויטווענדיגקייט, מחמת דער ווילען בילדעט א וועזענטליכע באדינגונג פון דעם סוביעקטיווען זיין. דערביי ווערט קלאר דער אונטערשייד אין דעם אומפאנג פון ביידערליי בליקען אויף דעם סוביעקט. די סיסטעם פון די גרונד־דראנגען שטעלט מיט זיך פאר א וועזענטליכען עלעמענט, אבער ניט דעם גאנצען הויפט פון דעם זעליי־שען לעבען. מיר האבען אויף אזא אופן אין דעם ווילען געפונען דעם קערן פון דעם באגריף „איך" „איך אליין." מיין וועלען, וואס איז געריכטעט צו באשטימטע צילען איז דאס „אייגנסטע" אין מיר. אין מיין שטרעבונג שטיין איך זיך אינגאנצען אוין זיך. מיינע צילען בילדען די זעלבשטענדיגע איינהייט, וואס בארוט אין זיך גופא — אויף וויפיל איך באטראכט זיי אין איינקלאנג מיט זייער עצם: אלס צילען.

---

לאמיר זיך אבער אומקערען צו אונזער פראבלעם פון ווערטען. לויט דער לערע וועגען אויטאנאמיע ליגט דער אורקוואל פון ווערטען אין דעם סוביעקט גופא. איצט איז שוין ניטא קיין צווייפעל וועגען דעם, וועלכען פון די צוויי באגריפען פון דעם סוביעקט דארף מען נעמען אין אנבעטראכט און אין וואס פאר א זין מען קאן רעדען וועגען דער אפשטאמונג פון דעם ווערט אין דעם סוביעקט. אויב די ווערטען אנטשטעהען אין דעם סוביעקט אלס זיינע אייגענע ווערטען, קומט דאס פאר אין א ספערע, וואס איז באדינגט דורך א טעלעאלאגישען שטאנד־פונקט. בלויז דער דאזיגער שטאנדפונקט גיט דאך א מעגליכקייט צו זעהן דעם אנהויב אין דעם סוביעקט. דאס מיינט: די אויטאנאמע ווער־טען דארפען ארויסשטאמען פון דעם סוביעקטס גרונד־דראנגען. דערביי רעדט זיך וועגען אנטשטעהונג ניט אין דעם אורזאכליכען זין. אין דער

„טעלאס“, וואס לעבט אימאנענט אין דער טיף פון דעם ווילען, באשאפט א נייע קאטעגאריע. אויף וויפיל די דאזיגע פראצעסען פון דעם סוביעקט געהען דורך דורך אט די אינסטינקטיווע יסודות פון זיין זיין און באקומען דעם כאראקטער פון וועגען, וואס פירען צו דער פארווירקליכונג פון די דראנגען, שטעלען זיי זיך אונז פאר און קאנען באטראכט ווערען, אלס א באוועגונג צום ציל, אלס א רעאליזירונג פון דעם אימאנענטען צוועק, וואס איז באדינגט דורך דעם דראנג. די באשטרעבונג צום ציל, וואס איז באדינגט דורך דעם דראנג — דאס מיינט אקטיוויטעט. די באציהונג צום „טעלאס“ שליסט איין די פראצעסען אין רייען פון האנדלונגען. דערביי פארוואנדעלט דער ציל די גלייכגילטיגע רייפאלגען פון די רינגען פון דער אורזאכליכער קייט אין אן ענגער פארבינדליכקייט, און מאכט יעדען רינג פאר דעם מיטעל און פאר דעם שטאפעל צו דעם נעקסטען רינג. מען קאן אבער אט די טעלעאלאגיש באפאבטע רייען ניט נאכפארשען אין די סטאדיען, וואס זיינען געווען פאר דעם סוביעקט און דערביי ניט צונעמען ביי זיי דעם כאראקטער פון אקטיוויטעט. זייער אנהויב ליגט דעריבער נויטווענדיגערווייז אין דעם סוביעקט גופא. זייער אנהויב איז אין דעם באשטימענדיגען דראנג. אלס פראצעסען האבען זיך די האנדלונגען טאקע זייערע פאר־סוביעקטיווע אנפאנגען, זיי זיינען אבער דאן ניט באדינגט דורך דעם דראנג און זיי האבען ניט קיין שום באציהונג צו דעם אימאנענטען צוועק, וואס אין דעם סוביעקט. די האנדלונגען אלס האנדלונגען אבער האבען זייער אנהויב אין דעם סוביעקט אליין. צוריקגעהן צו די גרעניצען, וואס אויף יענער זייט סוביעקט קאן מען בלויז דורך אן איבערבייט פון די קאטעגאריען. אבער דאן פארלירט די באשטימטע ריי ערשיינונגען איר כאראקטער פון האנדלונגען. *בלויז דאן ווען די אורזאכליכע ריי דערגעהט צום סוביעקט און באקומט א שייכות צו דעם ווילענס־ציל; בלויז פון אט דעם מאמענט קאן מען די דאזיגע ריי באטראכטען אלס האנדלונג.*

אויף אזא אופן, ד. ה., פון דעם שטאנדפונקט פון „טעלאס“ איז

דער כאַראַקטער פון אַקטיוויקייט גופא. אָבער די אָנווענדונג פון אַט דער נייער, לעצטער קאַטעגאָריע ווערט על פי נויט אַרויסגערופן דורך אַן אייגענטימליכקייט פון דעם סוביעקט: דורך זיין ווילענס־נאַטור.

מיר דאַרפן זיך פאַרשטענדיגן וועגן דער באַדייטונג פון אַט דעם וואָרט. ווען מיר זאָגן, אַז דער ווילן ליגט אַרויף אויף גע־וויסע פּראָצעסן אין דעם סוביעקט דעם חותם פון האַנדלונגען, דאַרף מען ניט אויסטייטשן דעם אויסדרוק „ווילן“ אין דעם זינען פון יענע אויגענבליקליכע איבערלעבונגען, וועלכע מיר באַצייכענען גע־וועהנליך אַלס ווילנס־אַקטן אָדער רעגונגען, וואָס זיינען פּראַלעפּטיש פאַראויסגעגאַנגען אונזערע האַנדלונגען און גערינט אַלס זייערע סיג־נאַלן. צי פאַר אַ געוויסן פענאָמען געהט פאַראויס אַזאַ סיגנאַל, אָדער ניט, מאַכט קיין אונטערשייד ניט. ניט דאָס באַשטימט דעם טעטיגקייטס־כאַראַקטער. אַט די רעגונגען שפּילן אין אונזערע האַנד־לונגען בכלל אַסך אַ קלענערע ראָלע, ווי מען שטעלט זיך עס געוועהנליך פאָר. אין דער אמת'ן קוקן מיר זיך אַזוי ווייניג אַרום אויף זיי, אַז מיר באַמערקן גאָרניט, ווי זעלטן זיי קומען, און ווי שטיל, אָהן שום סיגנאַלן עס קומט פאָר דער גרעסטער טייל פון אונזערע האַנד־לונגען. דעם ווילן אַלס פּרינציפּ פון אַקטיוויטעט דאַרף מען פאַר־שטעהן אין אַן אַנדער זין, און אַ זין וואָס איז נענטער צו דעם פילאָ־זאָפישן וואָרט־געברויך איידער צו דעם פּסיכאָלאָגישן. אין אַט דעם זין מיינט דער ווילן: אַ דויערענדיגע באַשטימטקייט פון דעם סוביעקטיווען זיין — דאָס וואָס מען רופט אויף אַ ווענינער דייטליכען אופן אַן „דראַנג“, וואָס איינער פון זיינע בעסטע ביישפּילן איז דער ווילן (דער דראַנג) צום לעבן. מיט דער הילף פון דעם ווילן איז אַט דעם זין, ד. ה. מיט דער הילף פון דעם דראַנג, ווערט דער ציל באַשטימט. דאָס, ווידער, דאַרף מען ניט פאַרשטעהן ווי עפּעס אַ פאַרגענגליכע איבערלעבונג, דאָס טאָר מען זיך ניט דוקא פאָרשטעלן, ווי אַ באַזונדערן אַקט פון ציל־ביישטימונג. גיכער עקזיסטירט דער ציל אימאַנענט אין דעם דראַנג. דער ווילן איז עפּעס אַ מין פאַרבאָרגענע באַשטימונג פון דעם ציל. די באַציהונג צו אַט דעם

אבער וואס הייסט אקטיווקייט און אין וואס פאר א זין איז זי אומבאגרייפבאר פון דעם שטאנדפונקט פון אורזאכליכקייט? די האנדלונגען פון דעם מענש זיינען דאך פארט פראצעסען, וואס האבען זייער אורזאכען און פאלגען, און וואס זיינען איינגעשלאסען אין דער אורזאכליכער קייט פון דער וועלט. צי קאן מען ניט אט די מענשליכע האנדלונגען אורזאכליך אנאליזירען? ווענען דעם קאן קיין צווייפעל ניט זיין. אלץ וואס איז א ווירקליכקייט קאן אנאליזירט ווערען. אין באצוג צו מענשליכע האנדלונגען וועט אבער דער אנאליז ניט זיין אימשטאנד אויפצוכאפען זייער כאראקטער אלס האנדלונגען. די לעצטע קאנען אנאליזירט ווערען פון צוויי זייטען: זיי זיינען מעכאנישע פראצעסען, אבער זיי זיינען אויך טעטיגקייט. עס ווענדט זיך, פון וואס פאר א שטאנדפונקט מען קוקט אויף זיי. אלס מעכאנישע פראצעסען פירען זיי אונז ארויס פון דער ספערע פון דעם סוביעקטיווען און ברענגען אונז צו דעם, וואס איז געווען פאר דעם סוביעקט, און וואס ליגט פון דרויסען פון אים. אלס טעטיגקייט פירען זיי (די מענשליכע האנדלונגען) אונז צו זייער אפשטאמונג אין דעם סוביעקט גופא. אלס מעכאנישע פראצעסען באנעמט מען זיי אונטער דעם זעהונגס־ווינקעל פון אורזאכליכקייט. אלס טעטיגקייט באנעמט מען זיי אונטער דעם זעהונגס־ווינקעל פון „טעלאס". די האנדלונג ווערט באטראכט אלס געשעהעניש דאן ווען מען נעמט אין אנבאטראכט די אורזאכען, וואס געהערען צו דעם מאמענט, וועלכער איז געווען פ א ר דעם סוביעקטס אויפפאסונג און וואס בלייבען פון דרויסען פון אים. די האנדלונג דאגעגען, ווערט באטראכט אלס ה א נ ד־ ל ו נ ג ערשט דאן, ווען מען פרעגט, וואס איז איר ציל, דער ציל, וואס עקזיסטירט בלויז אין דעם סוביעקט, און איז פון אים אפהענגיג. ווען מען זאל נאכפארשען די אורזאכען פון וועלכער עס איז רייז האנדלונגען, זיך אין זיי ארייננטיפען און אריבערשפרייזען די גרעניצען פון דעם סוביעקט — און דאס איז טעארעטיש שטענדיג מעגליך, ווייל דאס גאנצע זיין פון דעם סוביעקט האט זיך זיינע פאר־סוביעקטיווע, פאר־אויסגעהענדיגע סטאדיען — וועט אין אט דעם „פאר־סוביעקטיווען" פארשווינדען יעדע באציהונג צום ציל און צוזאמען דערמיט אויך דער

# בראַדער קריסטיאַנסען

עמפינדט פארט אין זיך עפעס אירשפרינגליכעס און איינגעבוירענעס. דאך דארף אזא פראטעסט ניט באמיען זיך איינגאנצען צו באזייטיגען דעם דעטערמיניסטישען שטאנדפונקט. ער קאן ניט באהויפטען, אז דער מענש איז דער אנהויב און דער אורקוואל אין אן אורזאכליכער הינזיכט. פרובירט אקארשט ערנסט דורכצוטראכטען דעם געדאנק, אז אין דעם סוביעקט קאנען אהן אורזאך אנטשטעהן נייע רייען פראצעסען, און איר וועט מיט שרעק אפווארפען פון זיך דעם דאזיגען געדאנק. איר וועט דערפילען אז אייער פראטעסט איז גאר ניט געווענדט אהין, וואו מען דארף. אויב אין דעם סוביעקט וואלטען געקאנט אנטשטעהן ערשיינונגען אהן אורזאך, וואלט פארשוואונדען געווארען די זיכערקייט אין זיך און אין אנדערע. אויפ'ן ארט פון דער זיכערקייט וואלט געקומען די שרעק פאר פאסירונגען וואס וואלטען מיט זייער מעגליכקייט אליין פארטונקעלט די ווילדסטע אומגעלומיפערטקייטען פון וואנזין. און וואס מער א מענש וואלט פארמאגט די פרייהייט פון ווילען אין אט דעם זינען, וואלט ער אלץ מער גרונד געהאט מורא צו האבען פאר דער צוקונפט. ער וואלט אין פאראויס באין אופן ניט געוואוסט, וואסערע אינערליכע פראצעסען קאנען אים באהערשען. דאס אומזיניגסטע וואלט מעגליך געווארען. ניין, דער פראטעסט פון דעם דאזיגען מענש, אויב ער פארשטעהט נאר גוט זיך אליין, קאן ניט זיין א באשטעטיגונג פון אזא שרעקליכען אינדעטערמיניזם. דער פראטעסט מיינט בלויז, אז צוזאמען מיט דעם מעכאניש־אורזאכליכען שטאנדפונקט איז מעגליך אין נויטיג נאך אן אנדערער, אזא וואס ווידערשפרעכט גאר ניט דעם ערשטען. ער איז נויטיג דערפאר, ווייל דער ערשטער שטאנדפונקט לאזט ארויס פון זיין אויפמערקזאמקייט דאס וויכטיגסטע אין דעם סוביעקט: זיין שעפפערישע טעטיגקייט. א דאנק זיין אקטיווקייט טרעט דער סוביעקט ארויס אלס עטוואס באזונדערס קעגען דער איבעריגער ווירקליכקייט. א מאשין ווערט טאקע געבראכט אין באוועגונג, אבער זי קאן ניט האנדלען. דורך זיין אויפפירונג און דורך זיין שאפונגס־קראפט איז דער סוביעקט משיג זיין זעלבשטענדיגקייט און זיין פעהיגקייט צו ווערען דער אורקוואל פון ערשיינונגען.

זיין פאַרגאַנגענהייט און ווירקט פון דער אַנדער זייט אויף דעם אַרום און אויף דער צוקונפט.

ביי אַזאַ פאַרשטעהן פון דעם סוביעקט קאָן מען ניט רעדען וועגען קיין שום „אייגענס", קאָן מען ניט זאָגען, אַז דער סוביעקט געהערט צו זיך אליין, ווי מען קאָן דאָס ניט באַהויפּטען וועגען אַ מאַשין. דער סוביעקט פאַרמאָגט ניט קיין שום אייגענע וואַרצלען. ער איז אריינגעוועבט אין דער סיסטעם פון דעם וועלט־געוועב וואו עס קומט פאַר אַן אומאויפהערליכער אויסטויש פון מאַטעריאַלען.

אַט די פאַרשטעלונג פון דעם סוביעקט אלס אַ רעאַלע קאַטעגאָריע פון אורזאַכליכקייט איז פולשטענדיג קאָרעקט. זי ווערט אויך ניט באַזייטיגט דורך דעם, וואָס עס איז מעגליך נאָך אַ צווייטער, אַ גאַנץ אַנדערער שטאַנדפּונקט.ביידע שטערען ניט און ווידערשפּרעכען ניט איינער דעם אַנדערען, כאָטש אין דעם צווייטען פאַל באַקומט זיך אַזאַ בליק אויף דעם סוביעקט, וואָס באַטראַכט אים אַלס יסוד, אלס אַן אומאָפּהענגיגען פּרינציפּ, וואָס באַרוט אויף זיך זעלבסט. דאָ איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך דערפאַר, ווייל אַט די הנחה און אַנטקעגענשטעלונג ווערען געדענקט אין פאַרשיידענע קאַטעגאָריען. פון דעם צווייטען שטאַנדפּונקט ווערט דער מענש אליין באַטראַכט אלס דער אורקוואַל פון ערשיינונגען, אָבער דורכאויס ניט אלס אַנהויב, אלס ערשטער פּרינציפּ אין דעם זין פון אורזאַכליכקייט. דעם דאָזיגען פאַקט האָט מען אָפּט פאַרזעהן און דערפון האָבען זיך גענומען יענע מיינונגספאַרשידענהייטען אין דעם באַגריף סוביעקט, וועלכע דערגרייכען זייער אָפּאָגעי אין דער פּראָבלעם פון דעם פרייען ווילען.

פון דער אַנדער זייט פילט יעדער איינער, אַז דער בליק אויף אַ מענש, ווי אויף אַ מעכאַניזם איז פאַרט ניט אינגאַנצען גערעכט צו דער נאַטור פון דעם מענש, און אַז אַזאַ בליק נויטיגט זיך אין עפּעס אַ דערגענצונג. ווען מען זאָגט: דו ביזט ניט אַנדערש, ווי אַ מאַשין. דו פאַרמאָגסט ניט קיין שום איינגעבוירענעס און אייגענעס, דו ביזט בלויז אַ סכום צושטאַנדען און אַן איינפאַכער דורכקרייץ־וועג פון געוויסע פּראָצעסען, וועלכע קומען פאָר אין דיר, רופט אַזאַ באַמערקונג שטענדיג אַרויס אַ פּראָטעסט. און מיט רעכט. דער מענש

שטעהט דער באַגריף סוביעקט — אין אַ ברייטערען זינען. אַלץ וואָס איך באַצייכען אַלס מיינע פאָרשטעלונגען, עמפּינדונגען, געפּילען, שטימונגען, רעגונגען, ליידענשאַפטען, כאַראַקטער־שטריכען, מיט איין וואָרט: דער גאַנצער סכום פון מיין זעליש לעבען איז „מיין" בלויז פון דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט.

וויכטיג איז אָט וואָס: ביי אַזאַ פאַרשטעהן פון דעם סוביעקט, שטעלט ער מיט זיך פאָר, ווי יעדעס אַנדערע שטיקעל ווירקליכקייט, אַ געוויסע ריי וועגען, דורך וועלכע עס פליסען באַשטימטע פּראָצעסען. די ערשיינונגען, וואָס אַנטשטעהען אין דעם סוביעקט ווערען דאָך באַטראַכט פון דעם שטאַנדפּונקט פון אורזאַכליכקייט, און אין אַזאַ פאַל איז דער סוביעקט ניט קיין אַנפאַנג און ניט קיין סוף, נאָר בלויז אַ וועג, אַן איבערגאַנג. וועגען אַלץ, וואָס ער לעבט איבער, וואָס קומט אין אים פאָר, אַנטשטעהט די פראַגע פון אורזאַכען, און זיי דאַרף מען זוכען הינטער דעם סוביעקט.

כאָטש מען קאָן די באַשטענדיגע אייגענשאַפטען פון דעם סוביעקט באַטראַכטען אַלס איינע פון די באַדינגונגען פון זיינע איבערלעבונגען און צוזאַמען מיט די לעצטע זיי אַרויסברענגען פון זיין כאַראַקטער, זוכען מיר פונדעסטוועגען נאָך ווייטער די אורזאַכען פון אַזוינע כאַראַקטער־אייגענטימליכקייטען, און מיר געפינען זיי אין דער אַרבליכקייט (הערעדיטעט), אין דעם איינפלוס פון דער ערציהונג אָדער אין אורזאַכען, וואָס זיינען אונז ניט באַוואוסט. קירצער גערעדט: פון אַזאַ שטאַנדפּונקט באַטייליגט זיך דער סוביעקט אין אַלץ, וואָס קומט אין אים פאָר פּונקט אַזוי ווי וועלכע עס איז מאַשין, וואָרים דאָס, וואָס קומט פאָר אין יעדער מאַשין איז דאָך באַדינגט טיילוויז דורך די ווירקונגען פון דער סביבה, טיילוויז דורך די אייגענטימליכקייטען פון דער מאַשין גופא. דער סוביעקט אין אָט דעם זין איז ניט עפּעס, וואָס איז אורשפּרינגליך אָדער וואָס באַרוט אין זיך זעלבסט. דאָס איז עפּעס אַזאַ אָרט, וואו עס פליסען דורך געוויסע מעכאַנישע פּראָצעסען. ניט מער — עס איז אַ זעהר קאָמפּליצירטער פּסיכישער מעכאַניזם. אַלץ, וואָס ער איז און אַלץ, וואָס ער לעבט איבער איז אין לעצטען סך הכל באַדינגט דורך זיין אַרום און דורך

די צווייאינקייט פון דעם באגריף ערקלערט זיך דערמיט וואס אויף א מענש קאן מען קוקען פון פארשיידענע שטאנדפונקטען. מען קאן אים באטראכטען אלס אן עלעמענט פון דער ווירקליכקייט, וואס איז פון דעם זעלבען מין און קאארדינירט מיט יעדען אנדערען טייל פון דער ווירקליכקייט, און וואס איז איינגעשלאסען אין דער וועלט. פון דער צווייטער זייט קאן מען אננעמען, אז דער סוביעקט שטעלט זיך אנטקעגען דער גאנצער איבעריגער וועלט, ווי עפעס גאנץ באַזונדערעס. לויט אט די פארשיידענע שטאנדפונקטען באקומט זיך אויך אדער א ברייטערע אדער א שמאלערע ספערע פון אונזער איך.

די ווערטער: „דער מענש איז עפעס ווירקליכעס" אנטהאלטען שוין ממילא די הנחה, אז מען קאן אים באטראכטען אין דער קאטעגאריע פון זאך און אורזאכליכקייט. אונזער פארקערען מיט די ארומיגע מענשען ווערט טאקע הויפטזעכליך באשטימט דורך אט דעם שטאנדפונקט. דער סוביעקט שטעלט מיט זיך פאר אויף אזא אופן ע ט ו ו א ס, אין וועלכען עס קומט פאר אן אנדער עטוואס. דא איז דער אומפאנג פון די מער אדער ווייניגער באשטענדיגע אייגענשאפטען. ווען מיר ווילען געבען א בילד פון אונזערען א באקאנטענס גייסטיגער פיזיאנאמיע, רעכענען מיר אוים זיינע כאראקטערים־טישע אייגענטימליכקייטען פונקט אויף דעם זעלבען אופן ווי מיר באשרייבען יעדעס אנדערע שטיקעל ווירקליכקייט. מיט אט די אייגענטימליכקייטען איז פארבונדען א ריי אינערליכע איבערלעבונגען, וועלכע זיינען טיילוויז באדינגט דורך די ערשטע, און חוץ דעם זיינען זיי צענויפגעוועבט דורך די פעדים פון אורזאכליכקייט מיט אלעם דעם, וואס קומט פאר אין דער סביבה, וועלכע רינגעלט ארום דעם סוביעקט. אליז, וואס קומט אין אים פאר, הענגט טיילווייז אפ פון דעם סוביעקטס אייגענטימליכקייטען און טיילווייז פון די ווירקונגען אין דער סביבה. דיזעלבע ווירקונגען וואלטען ארויסגערופען אנדערע איבערלעבונגען אין א סוביעקט, וואס איז אנדערש ארגאניזירט; פון דער אנדער זייט וואלט דער זעלבער סוביעקט אין אן אנדערער אומגעבונג געקראגען גאנץ אנדערע איינדרוקען, און ארויסגעהענדיג פון זיי געקומען צו אן אנדער אינערליכער איבערלעבונג. אט אין דעם באַ־

פון ווערטען, שפרייט זיך **דאס סוביעקטיווע** אסך ברייטמער אויס, ווי **דאס אייגענע**. דער רייץ פון דעם באגריף אויטאנאמיע פירט אבער דערצו, אז מען פארמישט איינס מיט דעם אנדערען, און מען הויבט אן צו באטראכטען דעם סוביעקטיווען ווילקיר אדער דאס פרייוויליגע אונטערווארפען זיך אלס דעם יסוד פון ווערטען. די סאפיסטען מישען צענויף **דעם אייגענעם געזעץ** מיט ווילקיר; דערפאר דערגעהן זיי צו א סקעפסיס, וואס פארניכטעט די ווערטען. אזא צענויפמישעניש איז אויך געווארען פאטאל פאר ניטשען, וועלכער האט אומזיסט געזוכט צו באפרייען זיך פון דעם באגריף ווילקיר. קאנט, דאגעגען, האט דורכגעבראכען א וועג צו אן אנדער מיספארשטענדעניש: צו זוכען די באגרינדונג פון ווערטען אין דער אונטערווארפונג.

---

דאס רייך פון דעם סוביעקטיווען איז ברייטער ווי דאס רייך פון מיין אייגענעם איך. איז עס ניט זונדערבאר? דער דאזיגער אייגענער איך איז **אין** מיין איך ווי א פראטאפלאזמע אין א צעל. עס באקומען זיך צוויי פארשיידענע באגריפען פון סוביעקט, וועלכע זיינען איינגעשלאסען איינער אין דעם אנדערען ווי קאנצענטרישע קרייזען מיט פארשיידענע דיאמעטערס. מיר מוזען פרואווען אפצוטיילען איינעם פון דעם אנדערען, אויב מיר ווילען באגרייפען די אויטאנאמיע פון ווערטען אין זעהן, ווי אזוי די ווערטען אנטשטעהען אין דעם סוביעקט. מיר וועלען פריער רעדען וועגען די אויטאנאמע ווערטען בכלל, און ערשט שפעטער וועלען מיר זיין אימשטאנד צו באווייזען, אז די ספעציעלע עסטעטישע ווערטען קומען פון דעם זעלבען קוואל, וויל זיי זיינען, ווי מיר וועלען דאס אויפווייזען, אויטאנאם. דאס איז אבער אן אויסערגעוויינליך שווערע אונטערזוכונג. זי וועט פאדערען פון אונז א געוויסע אויפמערקזאמקייט, באזונדערס צוליב דעם, וואס דער פלאן פון דער גאנצער ארבייט ערלויבט בלויז ווייניג פלאץ פאר דער ערקלערונג פון דער דאזיגער פראבלעם.

ארויסגעשוואומען די פראגע וועגן דעם קריטעריום פון ווערטען, האט מען גלייך אנטדעקט די שפורען, וואס פירען צום סוביעקט: דער מענש אליין איז די ענדגילטיגע מאס פון ווערטען. דערמיט, האט מען, נאטירליך, נאך זעהר ווייניג דערגרייכט. די געפאר פון אט דעם באגריף איז אנטפלעקט געווארען גראד ביי די וואס האבען אים צו־ערשט געשאפען. זייער סוביעקטיוויזם האט געבראכט צו א סקעפ־סיס אין דער פעסטשטעלונג פון ווערטען. דער אומשטאנד, וואס איין און דיזעלבע פארמולע קאן גלייכצייטיג דעקען אי די לערע פון די סאפיסטען אי פון זייער אנטיפאד — מאנט'ען, באווייזט, אז זי דארף פריער פארטייטשט ווערען, איידער מען קאן זי אנווענדען. דער דאזיגער פלאנטער נעמט זיך פון דער אומבאשטימטקייט פון דעם באגריף „אוטאס".

דאס וואס דער קינסטלער פראקלאמירט ווילקירליך אדער לויט א קאלטער אויסרעכענונג אלס געזעץ פון זיין שאפען, דאס איז טאקע ז י י ן געזעץ. ער האט דאך אים זיך אליין געגעבען. איז אבער דער דאזיגער געזעץ ז י י נ ע ר אין דעם זין, וואס אין אים ווייזען זיך ארויס די עסטעטיישע ווערטען, וועלכע זיינען אין דעם קינסטלער פארבארגען? אבסאלוט ניט. אט דער געזעץ באגרינדעט ניט פאר דעם קינסטלער קיין שום אמת'ען ווערט, און דער קינסטלער קאן פול־שטענדיג זיך אפזאגען פון אפצושאצען אזוינע כללים אדער מאניערען, וועלכע ער האט זיך אליין פארגעשריבען. אדער איז דאס, וואס איז ביי א מענש געווארען די צווייטע נאטור און באהערשט זיין לעבען אדער פירונג א דאנק זיין ערציהונג, שול־בילדונג, אנווענדונג, ניט ז י י ן געזעץ? האט זיך דא דאס פרעמדע ניט צענויפגעגאסען מיט זיין אייגענעם איך? ווען איך וואלט זיך אונטער פרייוויליג א פרעמדען געזעץ, ווען איך „נעם אים אריין אין מיין ווילען" מאך אים פאר מיין פליכט, דערהויב איך אים דען ניט דערמיט אליין צו דער מדרגה פון מ י י ן געזעץ? און דאך דערגרייך איך דערמיט ניט די לעצטע ווערטען, די ווערטען וואס האבען פאר מיר א באדייט־זאמקייט.

מיר זעהען, אז אויף וויפיל עס רעדט זיך וועגן דער באגרינדונג

שעהנקייט אויף אַן אוממיטעלבאַרען אופן, און דאַן נויטיגסטו זיך ניט אין קיין שום אויסערליכען קריטעריום, אַדער דו ביזט ניט אימשטאַנד צו עמפּינדען שעהנקייט, און דאַן נויטיגסטו זיך בכלל ניט אין קיין שום קריטיק. פון דעם איז שוין ממילא געדרונגען, אַז פאַרשיידענע צווישען זיך שטרייטענדע אורטיילען קאָנען דיך בלויז דאַן באַרירען, ווען דו קאָנסט אָננעמען אַז אין זיי איז פאַראַן דערזעלבער געזעץ פון ווערטען, וואָס אין דיר אַליין. דאָס, ווידער, קאָנסטו אויסגעפינען בלויז מיט דער הילף פון דיין אייגענער אינערליכער ערפאַרונג.

אפשר איז אָבער די פילאָסאָפיע פון קונסט נויטיג פאַר אַן אַנדערען צוועק. דער געזעץ פון שעהנקייט וואַרצעלט טאַקע אין דיר גופא, אָבער די דאָזיגע איינגעבוירענע אָפּשאַצונגס־פעהיגקייטען ווערען ניט אַלע מאָל פון זיך אַליין אַנטוויקעלט. ניט אַלע מאָל ביזטו אויך באַוואוסטזיניג וועגען זייער עקזיסטענץ. ניט אַלעמאָל ווערען דיינע אָפּשאַצונגען אויך דוקא זיין אין איינקלאַנג מיט די ווערטען, וואָס האָבען אַ באַדייטונג פאַר דיר. דו דאַרפסט זיך אַליין געפינען, דו דאַרפסט זיך אויסלערנען צו הערען די שטים פון דיין אייגענעם איך אין דעם כאַאָס פון די איבערלעבונגען. אין אָט דעם וועט די פילאָזאָפיע פון קונסט דיר קומען צו הילף.

---

אין דער גאַנצער לערע פון ווערטען פאַרמאַגט דער באַגריף פון אויטאָנאָמיע אַ צענטראַלע באַדייטונג. די צעטיילונג אויף אויטאָנאָמע און העטעראָנאָמע ווערטען רירט אַן דעם סאַמע עצם פון דער זאַך, וואָרים זי האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דעם געזעץ, וואָס באַשטימט די ווערטען. די דאָזיגע צעטיילונג ווייזט אונז, צי די באַדייטזאַמקייט פון די ווערטען וואַרצעלט אין דעם סוביעקט וואָס שאַצט אָפּ, ד. ה. צו די דאָזיגע ווערטען זיינען די אייגענטליכע געזעצען פון זיין „איך" אַדער צי זיי זענען פאַר דעם סוביעקט פרעמדע, אויסערליכע געזעצען. עס איז מערקווירדיג, ווי פרי די מענשען האָבען אויפגעפאַסט דעם באַגריף פון אויטאָנאָמיע. אַזוי שנעל ווי עס איז נאָר

זיך גופא! דער געזעץ פון דעם שעהנעם איז דיין איינגען געזעץ. דו דענקסט, אז עס איז פארבארגען אין די בעסטע ווערק פון די גרויסע מייסטערס, אבער כדי ארויסצוטיילען אט די „בעסטע זווערק“ פון דעם גאנצען סכום קונסט־אביעקטען, כדי זיי ארויסצוקריגען פון דער גאנצער מאסע נישטיגקייטען און ווערטלאזיגקייטען, האסטו דען ניט געדארפט אנווענדען א באשטימטען קריטעריום פון ווערטען? דו קענסט דעריבער אין זיי ניט געפינען קיין שום אנדערען שענקייט־כלל א חוץ יענעם. וואס דו אליין האסט שוין אנגעווענדט אין אט דער קריטישער ארבייט; דו האסט אליין דעם כלל ארייננעלייגט אין די דאזיגע ווערק. ווייל דער ווערטען־פרינציפ, וואס האט דיך געפירט צו דיין אויסוואל, באשטימט אויך דעם קרייז פון דיינע פארגלייכען און דורך דעם גופא — אויך די כללים פון זייער געמיינזאמקייט.

און אויב מען זאל וועלען, זוכענדיג אן אנאליטישע פארמולע פון ווערטען, בארגען ביי אנדערע די מעטאדען, ווי אזוי אפצוגרעניצען דאס שעהנע פון דעם ווערטלאזען, זיך באנוצען למשל, מיט די קאנווענציאנאליטעטען פונ'ם היינט, אדער פון אנדערע היסטארישע עפאכען, וואלט מען אויך אין דעם בלויז געפונען א פרעמדען כלל פון שעהנקייט, וואס האט א באדייטונג פאר אנדערע. צי עס האט אויך וועלכע עס איז באדייטונג פאר דיר אליין, וואלט אוממעגליך געווען צו זאגען. דאס וואס די יועסט באשטימען אויפ'ן גרונד פון דיין אייגענעם איך, דאס איז אויך ריכטיג. קיין אנדער געזעץ פון דיינע עסטעטישע אורטיילען קאן ניט זיין. פאר דיר האט א באדייטונג בלויז יענע שעהנקייט, וואס דו קענסט אין זיך גופא אוממיטעלבאר עמפינדען אלס שעהנקייט. אויב דו פארמאגסט ניט אזא געזעץ אין זיך גופא, באלאנגסטו צו די בלינדע אין דעם רייך פון ווערטען און דער אונטערשייד צווישען דעם שעהנעם און דעם מיאוסען האט אייגענטליך קיין שום זין ניט פאר דיר. צו וואס דארפסטו זיך אויף אזא אופן באמיהען צו קריגען די מאס פון ווערטען, וועלכע האבען גאר פאר דיר קיין באדייטונג ניט?

בלייבט, אלזא, איינס פון דיביידע: אדער דו עמפינדסט די

נאך מער ווערען מיר צעטומעלט פון דער פארענדערליכקייט און פון די וואקלענישען אין אונזער אייגענעם אורטייל, ווי אויך פון דער שווערקייט צו פאסען א באשטימטען באשלוס: מיר שטעהען אבסאלוט הילפלאז פאר א קונסטווערק פון עפעס א נייעם מין, און מיר ווייסען ניט, צי מען דארף עס האלטען פאר שעהן אדער מיאוס. אדער אזא זאך: היינט געפעלט אונז א געוויס ווערק און מארגען זיינען מיר שוין אנטוישט. עס פאסירט אויך פארקערט: אין אנהויב האט אונז דאס ווערק אפגעשטויסען און שפעטער זיינען מיר דערפון גאר אנטציקט. דערביי פאלט אונז גאר ניט איין, אז פון אונזער אורטייל הענגט אפ דער ווערט פון דער זאך אן און פאר זיך, אז מיט דער ענדערונג פון אונזער מיינונג זאל זיך אויך ענדערען דער ווערט, און אז אונזער מאדעל אדער ליוב זאל ווירקען אויף דער גרויסקייט פון בעטהאווען'ען, אדער פון רעמבראנדט'ען. גיכער ווי אלץ באטראכטען מיר דעם ווערט פון א קונסט־ווערק אלס א זאך וואס עקזיסטירט פאר זיך אליין, ווי א וועגווייזענדען לייכט־טורם פאר אונזערע אורטיילען. אונזערע אורטיילען מעגען טאקע ניט צענויפפאלען מיט אט דעם וועגווייזער, זיי ד א ר פ ע ן אבער צענויפפאלען. ווען מיר באצייכענען דעריבער א געוויסען אורטייל אלס „ריכטיג", ווילען מיר דערמיט זאגען, אז אט דער אורטייל האט ריכטיג אויפגעכאפט דעם ווערט, וואס א געוויס ווערק אנטהאלט.

ווי אזוי אבער זאלען מיר באשטימען דעם אמת'ען ווערט פון א ווערק? פונוואנען זאלען מיר וויסען, אז א געוויסער אורטייל האט אויפגעכאפט דעם ריכטיגען ווערט פון א ווערק? אנזיכטען שטויסען זיך כסדר אן אן אנזיכטען, יעדער איינער האלט זיך פאר גערעכט. ווער איז, אבער, פארט גערעכט? צו באשטימען אזוינע פראגען נויטיגען מיר זיך אין א נארם פון אורטיילען און אין א מאס פון ווערטען. דערפאר פארלאנגען מיר אויך פון דער עסטעטיק, אז זי זאל אונז קלאר מאכען דעם געזעץ פון דעם שעהנעם.

די עסטעטיק גיט אבער אויף דער דאזיגער גרונד־פראגע א גאנץ אומערווארטעטען ענטפער. זי שיקט אונז אפ צוריק די פראגע: זוך אין

די ערשטע פראגע, וואס פירט דערצו, אז מען זאל זיך פארנע־מען מיט דער פילאזאפיע פון קונסט, איז שטענדיג דיזעלבע: מיר פרעגען זיך: וואס איז דאס געזעץ פון דעם שעהנעם. דער דאזיגער געזעץ — דענקט מען — איז פארבארגען אין די בעסטע ווערק פון די גרויסע קונסט־מייסטערס. דארף דעריבער אויך זיין א וויסענשאפט, וואס זאל אים ארויסברענגען און אים אנטאן אין א ממשות׳דיגער פאר־מולע. דערצו, שיינט עס, איז בלויז נויטיג זיך צו באנוצען מיט דעם מעטאד פון פארגלייכען: אזוי שנעל, ווי מען געפינט דאס, אין וואס עס זיינען איניג אלע גרויסע ווערק פון קונסט — וועט אט דאס געמיינזאמע זיין אויך דער באדינג און דאס געזעץ פון דעם שעהנעם.

מען ווערט געצוואונגען אויפצוהויבען די דאזיגע פראגע צוליב די אפט און פיינליך עמפונדענע ווידערשפרוכען, וואס מען געפינט אין עסטעטישע אפשאצונגען. עס איז דאך אן אומבאשטרייטבארער פאקט, אז די אורטיילען פון פארשיידענע מענשען וועגען דעם זעלבען קונסט־לערישען ווערק געהען זיך אפט שטארק פונאנדער, און אז יעדער איי־נער האלט זיך פאר גערעכט. עס איז אויך אומבאשטרייטבאר, אז קיינער קאן ניט באווייזען זיין גערעכטיגקייט. דער צאל פון אורטיי־לען שרייבען מיר פונדעסטוועגען ניט צו קיין שום אנטשיידענדיגע בא־דייטונג. מיר מעגען צוגעבען, אז מיר זיינען מיט אונזער מיינונג אין דער מינאריטעט, דאך האלטען מיר זיך פעסט אן איר. נאך מער: מיר קאנסטאטירען אפילו — אין געוויסערמאס מיט רעכט — אז זאכען, וועל־כע געווינען דעם בייפאל פון דעם המון, שיינען אונז צו האבען א קנאפען ווערט, און פארקערט. די געשיכטע ווייזט אונז אויך אן אומאויפהערליכע קייט ענדערונגען אין דער הינזיכט פון עסטעטישע אנזיכטען. די אונטערשיידען ווידער, וואס מען באגעגענט אין די געשמאקען פון פארשידענע פעלקער שיינען אונז אפט צו זיין אזוי שטארק, אז מען קאן זיי גארניט אויסגלייכען.

I.

## די אויטאָנאָמיע פון די עסטעטישע ווערטען.

# אינהאַלט:

זייט

די אויטאנאמיע פון די עסטעטישע ווערטען — — — — — 9

דער עסטעטישער אביעקט — — — — — — — — — — 59

דער עצם פון קונסט — — — — — — — — — — — — 151

סטיל — — — — — — — — — — — — — — — — 211

דאס פארשטעהן פון קונסט און די קונסט־קריטיק — — 257

מאלעריי און צייכענען — — — — — — — — — — 297

דער אימפרעסיאניזם אין דער בילדליכער קונסט— — — 333

צוויי פראבלעמען פון דעם פארטרעט — — — — — — 367

Copyrighted, 1920
FARLAG HEIM, INC.
New York, N. Y.

LIBRARY
JUNE
5
'89
UNIVERSITY
OF TORONTO

בראָדער קריסטיאַנסען

# קונסט

## די פילאָסאָפיע פון קונסט

אידיש פון א. גלאנץ

פ אַ ר ל אַ ג  ד י  ה י י ם
ניו יארק.

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

*by*

R. GOLDKORN